STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02713

# ALE VERK

Mendele Mokher Sefarim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

## אכטצעהנטער באַנד

נייע פערבעסערטע אויסגאבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1928

## אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

# שלמה ר׳ חיים׳ס

(ערשטעס בוך)

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשא

1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1 9 2 7

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

# שלמה ר׳ חיים׳ס

„שלמה ר׳ חיים׳ס" האָט מענדעלע אָנגעהויבן צו פֿערעפֿנטליכען אין דעם זשורנאַל „דער יוד" (1899), וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פֿון י. ח. ראַווניצקי. די ערצעהלונג, וואָס טראָגט אַן אויטאָביאָגראַפֿישען כאַראַקטער, האָט מענדעלע געשריבען אַ רייה מיט יאָהרען, — די לעצטע קאַפּיטלען פֿון „שלמה ר׳ חיים׳ס" זענען געדרוקט געוועז אין די יאָהרען 1915—1916. שפּעטער האָט מענדעלע די זעלבע ערצעהלונג איבערגעזעצט (אויסער די לעצטע קאַפּיטלען) אין העברעאיש און געדרוקט דעם אָנהויב אין פּעטערבורגער „הזמן" (1904) אונטער׳ן נאָמען „חיי שלמה" ואין דער בעזונדערער העבּרעאישער אויסגאַבע — „בימים ההם").

אין דער הקדמה צום בוך, — „אמר מענדעלי", — האָבען מיר אַ מין אַריינפֿיהר־ערקלעהרונג צו דעם ווערק. מענדעלע ערקלעהרט אויף זיין אייגענאַרטיג־מענדעלישען "שטייגער, ווי־אַזוי ער איז געקומען צו שרייבען דעם „שלמה ר׳ חיים׳ס". „שוין אַ לאַנגע צייט — זאָגט דאָרט שלמה־שלום יעקב אַבראַמאָוויטש — אַז די פֿען מיינע געפֿינט זיך צווישען צוויי פֿערשיעדענע דעות, פּונקט קאַפּויר איינע פֿון דער אַנדערער, ווי דער ארון פֿון מתמד׳ן הענגט, לויט ווי מען זאָגט, צווישען צוויי מאַגנעטען. אין דער צייט, וואָס איינע פֿון די דעות ציהט זי אַהין, צו בעשרייבען אַלטע זאַכען וואָס־פֿריהער, איז די וואָס אַ געגען, האַלט זי אָב, ציהענדיג זי אַהער צו בעשרייבען וואָס אין אונזער צייט נעהמט פֿאָר". דערצו — גיט שלמה צו פֿערשטעהן — איז ער פֿון די מענשען, „וואָס כאַפּען זיך נישט צו איטליכער אַרבייט. און נעמען זיי

זיך שוין אַריין אין קאָפּ עפּיס אַ זאַך, האַלט מען זיך דערמיט שטענ־דיג, נישט אַראָב דערפון אַ האָר אין דער זייט". אָבער דאָ טרעפט זיך אַ מעשה: ס'איז אין דרויסען אַ שטורם־ווינט און אַ גאָס־רעגען, עס רייסט זיך אַריין אין שטוב אַן אָרעמער ישיבה־בחור, וואָס זוכט אַ נאַכטלעגער, און אָט דער אָרעמער בחור דערמאָנט שלמה'ן־אַבראַ־מאָוויטשען זיין אייגענע לעבענס־געשיכטע, און שלמה זאָגט: „אַצינד, דער קאָפּ ליגט מיר איינגאַנצען אין יענער צייט, דאָרט וואו איך האָב גע־לעבט אין דער יוגענד". און „אלט, זאַט מיט צרות, מיט אַ האַרץ אָנגע־פּלאָגט און פערוואונדעט פון פליהענדיגע פיילען אין לעבענס־קאַמף, געפּרובט מיט ביטערע שווערע יסורים, האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין וועלטעל וואָס־אַמאָל, און דער בת־המדמה ברענגט מיר אויף פון אונטער דער ערד זיין צויבער, ווי יענע בישוף־מאַכערין פאַר שאול'ן אין עין־דור, פערשיעדענע בילדער און צורות, מיט נאָך פיעל מיני משונה אַלטע זאַכען פון אמאָליגע יאָהרען... אוי וועה, יענע וועלטעל מיינס איז זעהר אַ קליינס, דאָרטען בליהען נישט קיין פּאָמעראַנצען, עס וואַקסען נישט קיין רויזען, מען זעהט דאָרטען נישט קיין גרויס נחת, טייבען פון מילך און האָניג גיסען זיך דאָרט נישט, און דער עולם דאָרט איז אַ געמיינער, נעבעך, יודען מיט בערד און פּאות און מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, דאַרע, קוואַרע, געבויגענע, קראַנקע, צעבראָכענע, דערשלאָגענע, פערשוואַרצטע, פערפינסטערטע ציטערען פאַר דער שיין".

דאָס איז די וועלט און דאָס איז די סביבה, אין וועלכער שלמה איז געוואַקסען און געלעבט.

„אַלץ, וואָס מיר געפונען — שרייבט דוד פרישמאַן — אין די פריערדיגע דריי ערצעהלונגען בעזונדער (אין „פישקע דער קרומער", „מסעות בנימין השלישי" און אין „ווינשפינגעריל") געפינען מיר אין דער דאָזיגער איינער ערצעהלונג צוזאַמען: די שאַרפע, בייסענדע סאַטירע געגען דער פירכטערליכער הוילקייט אינ'ם לעבען פון אַן עדה פון אומגליקליכע; דאָס גרויסע, הייסע רחמנות אויף דעם אונענדליכען אומ־גליק פון אַ גאַנץ פאָלק; דער ריינער לירישער טאָן, וועלכער צעגיסט זיך ווי אַ פידעל און לאָזט דערציטערען אַלע פעדעם פונם הארץ, און יענע ווייכקייט און זיסקייט, וועלכע בערוישען דורך זייער עכטקייט; די נאַטור־שילדערונגען אין זייער אונענדליכער פראַכט; די פערשיעדענ־

רענסטע טיפען, אלטעגליכע און אויסנאַהמליכע, מיט זייער חיצוניות און זייער פנימיות;—נאָר דאָס בילד פונ'ם דלות, ווי מיר קאָנען עס פון „פישקע דער קרומער", איז געוואָרען דאָ א סך בולטער, און דער שפּאָט, וועלכער שניצט אומ'ברחמנות אויף רעכטע און אויף לינקס אין „מסעות בנימין השלישי", איז דאָ געוואָרען א סך שאַרפער, און דאָס גרויסע מיטלייד מיט דער יודישער נשמה און מיט דעם עלענד און אומגליק פון א גאַנץ פאָלק האָט דאָ געפינען איהר אויסדרוק טויזענד מאָל שאַרפער ווי אין „ווינשפינגערל".

מענדעלע ברענגט־אַרויף דאָ אַ רייה געשטאַלטען פון זיין אייגענעם אמאָל, ער שילדערט זיי פאַמעליך, מיט ישוב־הדעת, מיט כוונה, בהדרגה, טריט־ביי־טריט פיהרט ער פאַר אונז דורך שלמה'לען, פריהער אַ יונגעלע, „אַ וואוילס, אַ לעבעדיגס, מיט א שאַרף קעפּעלע צום לערנען, וואָס איז בעליעבט געווען פאַר זיין לעבעדיגקייט, פאַר זיין פּאָלען אמאָל אויף קלאָץ־קשיות, און נאָך מעהר פאַר זיינע אָנ־שטעלען", ס'איז איהם געלעגען בטבע עפּעס אַזוינס אויפצוכאַפּען באַלד ביים ערשטען בליק יענעמס אַ מינע, אַ וואָרט"... און דערנאָך—שלמה'ן—„אַ בחור'ל מיט שווארצע געקרייזעלטע האָר, אַ הויכען שטערען און ברע־נענדיגע אויגען",—אַזוי בעקענט אונז מענדעלע מיט זיין אייגען לעבען פון קינדווייז־אָן. מיר האָבען אויך דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער ר' חיים— „אַ שעהנער געהויבענער בעל־הבית, א פּערנעם אין דעם שטעדטעל", און פון שרה,—די מאַמע זיינע, אַן איידעלע, אַ שוואַכע, מיט „ווייסע הענד מיט דינע בלויע עדערלעך, א פערפרומט בלייך פּנים מיט דינע ליפּען, אינגאַנצען עפּעס אַ רוחניות", און אויך געשטאַלטען פון מערק־ווירדיגע, בעהאַרצטע יודען מיט יודענעס, וועלכע האָבען מיטגעהאָלפען אויסצוקנעטען דעם כאַראַקטער און די נשמה פון דעם עמפינדליכען שלמה'לע, שלמה—שלום יעקב אבראַמאָוויטש.

„שלמה ר' חיי'ם" איז דאָס לעצטע ווערק פון מענדעלע מו"ס, זיין שוואַנען־ליד. ער האָט עס געשריבען אין מיטען עלטער, מיט א בעזונדער עפּישער רוהיגקייט און הרחבת־הדעת. עס שטראַהלט אַרויס די הערליכע שטאָלצע פיגור פונ'ם גרייז־גרויען קינסטלער, וואָס האָט געזעהן זיין קינדהייט און יוגענד אין א נייער געהייליגטער ליכט.

דעם קליינעם שלמה'לען—זאָגט יעקב פיכמאַן – האָב איך

דערקענט דעם 75־יעהריגען ליכטיגען אַלטען מיט דער גרויסער ליעבע צום לעבען און אויך צו די פּגימות פון לעבען, מיט'ן אויסערליכען ברוגז'ן אויסדרוק פון א בעשולדיגער און מיט'ן אינערליכען בעהאַלטענעם טרויער פונ'ם אַלפערגעבענדען דיכטער... ווי א פערצייטיגער נזיר האָט ער אין דער שטילקייט פון זיין געצעלט יאָהרען לאַנג אָבגעריכט זיינע תפלות און זיך געהיים גערייניגט און געלייטערט, און נאָר אויף דער עלטער, ווען דער שענער קאָפּ האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו בויגען אונטער דער לאַסט פון די זעהונגען, און די אויגען האָבען שוין געקוקט דורך די גאָלדענע נעץ און געלייטערטע רוחניות, האָט אַם ענדע דער גרויסער קינסטלער אין איהם אָבגעהאַלטען זיין פאָלשטענדיגען נצחון, און די פערגעסענע קינדהייט זיינע האָט אויפגעלעבט אין אַ רייהע פון ריין־עפּישע בילדער בעגאָסען מיט'ן צאַרטען, קיהלען שיין פון די ערשטע מאָרגען־שטראַהלען".

אין דעם איצטיגען באַנד XVIII געהט אריין דאָס ערשטע בוך פון „שלמה ר' חיים'ס". דאָס צווייטע בוך (דער ווייטערדיגער המשך פון „שלמה ר' חיים'ס") קומט אין קומענדיגען באַנד XIX.

ג. מ.

# אמר מענדעלי

זאגט מענדעלי מוכר ספרים: חאו איז דען דא א איד, וואס קומענדיג פונ׳ם וועג זאל ער זיין גאנץ מיט אלע אברים, נישט פיהלען שטעכעניש אין די זייטען, אין רוקען פונ׳ם זיצען צוזויפגעפרעסט אין וואגען איין פארשוין אויפ׳ן אנדערען. א איד, באלד ביים ארויפגעהן אין וואגען, איז ער מפקיר די ביינער זיינע און אויף די פיס איהם מעגען טרעטען ווער עס וויל. מילא דאס איז דאך א גאנץ געוועהנליכע זאך, אבער נישט פאר אייך געדאכט, רבותי, אזא שרעקליכען וועהטאג, וועלכען איך האב געפיהלט אין אלע מיינע גלידער קומענדיג ביים №... נאך א לאנגען שווערען ביטערען וועג דענסטמאל האב איך בעשיינפערליך טאקי אין מיר געפיהלט, ווי אמת זענען די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים אויפ׳ן פסוק „נשיתי טובה“ — נשיתי — איך האב פארגעסען, זאגען זיי, טובה די טובה, דאס מיינט מען די באד — פשוט איז פשוט, א באד ווי עס דארף זיין מיט אלע זיבען זאכען, מיט די אויבערשטע בענק די ברייטע און מיט די לאנגע דרענגלען אויף אויפצוהענגען דערויף פליודערען, מחילה, זאקען וכדומה. איך מיט דעם דופא, וואס זיצט, דאכט זיך, אין ווינקעלע ביי א ברענענדיג ליכטעל, גאלט און לאזט בלוט אידישע קינדער. אט די טובה האב איך טאקי נויטיג ווי אין לעבען ארייין בעדארפט האבען אין דער דאזיגער צייט, נאך אך און וועה, אז די אלע דאזיגע גוטע זאכען, מיט וועלכע די קליינע שטעדטלעך אין אונזער ווינקעל זענען געבענשט, איז אין דער כרך №... וויים מען דערפון גאר נישט וואס צו זאגען און צוליעב דעם טאקי אליין איז דאס לעבען אין די גרויסע שטעדט גאר קיין לעבען

צישט, וואָס פאַר אונזערע קאַבצאַנסקער אידען איז עס שווער איבערצו־
טראָגען.

ווי באַלד איך האָב אַרויסגעזעהן, אַז דאָ קען איך נישט בעקומען
די רפואה נאָך מיין פערלאַנגען, האָב איך אָנגענומען מיר דאָס בעקאַנטע
מיטעל, וואָס געוועהנטליך אַ איד געברויכט אין אַ נויט־פאַל, דאָס הייסט,
איך האָב מיך נישט וויסענדיג געמאַכט, אַרויסשלאָגענדיג מיר פון קאָפּ
די וועהטאָגען, עט, גאָרנישט! און נאָך מעריב בין איך מיר אַרויסגע־
גאַנגען פון אכסניא צוליעב די געשעפטען מיינע צו זעהן זיך מיט סוחרים,
און גלאַט אַזוי מיט אַלטע בעקאַנטע.

אַ שלעכט געוויטער, נישט ווי געוועהנטליך, האָט זיך אָנגערוקט
פּלוצלינג פון צפון־זייט. אַ חשכות, אַ פינסטערניס, שוואַרצע וואָלקען
אַרום און אַרום. אויף מענשען פאַלט אָן אַ מהומה, אַ לויפעניש ווי די
דולע. אין אונזערע צייטען האָט בכלל עפּיס דער קלימאַט זיך געענדערט,
עפּיס אַ פערדרעהטער, אַ משוגענער וועטער, אַזוי ווי די פּאַפּירען אויף
דער בערזע, וואָס הויבען זיך און פאַלען צעהן מאָל אַ טאָג, און אַזוי ווי
דער היינטיגער דור אינגאַנצען, משטיינס־געזאָגט. נאָך ביים סוף זומער
איז פּלעצליך געוואָרען אַ פערענדערונג אין דער לופט — וואָלקענס, קעלט
און ווינד, ניטאָ קיין זון, די וועלט איז וויסט, אַ חשכות איז אויף איהר
אָנגעפאַלען. ציגען, צאַפּעס שפּרינגען אין די גערטנער, צעטרעטען און
פיהרען־איבער אַלץ וואָס דאָרט געפינט זיך נאָך. עפּיס טאַקי נאָר ווי
אַ אָנשיקעניש פון גאָט. חזרים רויען זיך און רייסען אויס מיט'ן וואָרצעל
וואו עפּיס אַ שטיקעל גרינוואַרג, אַ תל ווערט פון דעם מענשענס אַרבייט.
בוימער פערלירען זייער צירונג — אַ מתנה פונ'ם פריהלינג. אַ צושטאַנד,
משטיינס־געזאָגט, ווי מלמדים, אָהן „בלעטלעך". זיי שאָקלען זיך,
פלאַטערען, ציטערען און קלאַפּען זיך מיט די צווייגען אין דעם אויס־
געקראָכענעם קאָפּ, נישט צו דערקענען, אַז זיי האָבען געבליהט אַמאָל
און געבראַכט גוטע פירות פאַר לייטען אין דער וועלט. דאָס חיה'לע
זוכט זיך אַנאָרע ענטרונען צו ווערען אין דר'ערד, די פליעג — אין
אַ שפּאַלט ערגיץ אין וואַנד, אַ טייל ברואים פערלאָזען זייערע ערטער און
לאָזען זיך וואַנדערען אין עק וועלט איבער די ווייטע ים'ען. עס טרוי־
ערט די ערד אין אַ מרה־שחורה רוהט אויף איטליכען, אַלע פיהלען:
אָט, אָט, קומט דער ווינטער, דער בייזער פריץ, און וועט פערוויסטען
די ערד. ערשט די ימים נוראים געהען אַוועק, די ימים טובים, געלויבט
איז גאָט, אויך פאַרביי, און דער ווינטער קומט, נאָר אָבער אָהן סכנה.

נישט מיט קײן שטורעמס, נישט מיט קײן רעש. ער איז גאָר נישט אַזאַ אכזר, אַזאַ בײזער, װי ס׳האָט זיך גערראַכט, פאַרקעהרט, ער איז גאָר אַ גוטער, לאָזט זיך דערקענען צו דער ערד מיט זײן ליכטיג פּנים. אויפ׳ן הארצען װערט רוהיגער. עפּיס װי זים מיט װײער צוזאַמען. דאָס פליגעלע טהוט זיך װײטער אַ װײז, בעװעגט זיך װי שיכור, אָבטאַנצענדיג אַ קאַ־זאַצקע ערגעץ אויף אַ פענסטער, אויך די מוקען קריכען מחנות־װײז אַרוים פון זײערע לעכער, פליהען, דרעהענדיג זיך, זוזענדיג מיט טענצלעך אין די גאַסען. אַ אַקאַציע ערגיץ אין אַ גאָרטען איז זיך מישב, נעהמט און הויבט אָן פלוצלינג למזל בליהען, און דער מענש װיל זיך אײנרעדען, װי דער שטײגער זײנער איז, אַז נסים זענען געשעהן אויף דער װעלט, עס װעט, אם ירצה השם, זײן גוט. אביונים פרעהען זיך, קבצנים װע־רען בײ זיך שטאַרק, אַ האָפנונג אויף גוטע ליכטיגע צײטען, עס װעט, אם ירצה השם, װאָרים זײן. און פלוצלינג גיט רער װינטער דער װעלט צו זעהן זײנע גבורות, װאָס אַזױנס ער בעדײט. עס שטורעמט, עס רע־גענט שנײ מיט װאַסער אויסגעמישט אינאײנעם, עס קעהרט זיך די װעלט.

דער װינד לאָזט נישט אָב. שטיקלעך פאַלענדיגער שנײ שטעכען װי נאָדלען מײן לײב. איך בויג אָן דעם קאָפּ, האַלטענדיג זיך בײ דער קאַפּאָטע, די פּאָלעס זאָלען מיר נישט אַריבערװאַרפען זיך איבער׳ן קאָפּ. און נעה מיר אַזױ אײנגעדוױקערט אין צעהנטען צו שלמה רב חײמ׳ס — מײנער גאָר אַ אַלטער בעקאַנטער.

אָט דער שלמה מײנער האָט געװאוינט אַמאָל אין גלופּסק, און די גלופּסקער האָבען איהם אויסגעהאַלטען בכבוד גדול. נישט זײ האָבען זיך אויסגעבראַכט אויף איהם מיט געלד, חס־ושלום! נישט אײן גראָשען אפילו. װײל בײדע אויגען װאָלט זיך אַ גלופּסקער געלאָזט אַרויסנעהמען פאַר אַ גראָשען, סײדען מען רײסט איהם נישט פאַר דער פּאה. ראשית חכמה איז בײ איהם די מטבע, זי מאַכט איהם פאַר אַ גאַנצען יש, פאַר אַ ער׳צי־מחוצף־פּנים, פאַר׳ן גאַנצען פּידרער און דעה־זאָגער אין קהל. נאָר װאָס דען?! רב שלמה איז אַ שרײבער, אַ מחבר הײסט דאָס, האָבען די גלופּסקער איהם געדינט פאַר אַ קרעניצע צו זײנע מעשיות, דאָס הײסט, ער פלעגט זיך גוט צוקוקען צו די גלופּסקער, בעטראַכ־טענדיג זײערע אַלע מעשים, װי דער שטײגער איז פון די נאַטורפאָר־שער, װאָס זײ בעטראַכטען די טבע פון די בעשעפעניש און רעדען איבער „שקצים“, רמשים און איבער אַלע מיני חיות און בהמות. און בעקענע־

דיג זיך מיט דער טבע פון די גלופסקער ברואים, מיט זייער שטיינער לעבען, מיט די אלע גענג און אויפפיהרונג זייערע, פלעגט ער זיי דער־נאך בעשרייבען, א נידערשטעלענדיג א בילד א וואונדער־שענס מחיה נפשות, וואס פלעגט האבען א שארפען אבגאנג צווישען אידען, און דערפון האט ער געהאט נישקשה׳דיג זיין אויסקומעניש.

אין פלוג דאכט זיך, האט זיך די גלופסקער גארנישט געקענט עפענען א מויל פאראיבעל צו האבען אויף איהם דערפאר, ווארום וואס ארט דאס אייך, אז דער האט א נוצען און איהר דערלעגט גארנישט דערביי. דאך — הערט א מעשה! זענען זיי דערפון נישט צופרידען גע־ווען, טאקי נאר מעשה סדום, — פאר וואס? ווייסען מיר נאך ניט ביז היינט. עס איז דא אפילו א בפירוש׳ער דין אנגעגען אזא מעשה רע. בית דין איז טאקי אייגענטליך מחויב געווען נויטען זיי דערצו, פערשטאפען זיי די מיילער מיט געוואלד, בינדען זיי אויף אלע פיער ווי די בהמות, און אנידערלעגען זיי פאר איהם, נא, שרייב! מאל זיי אב פון דיין הנאה וועגען און פון דעם עולם׳ס הנאה וועגען. נאר ער אליין האט זיך שוין אבגעשאקעלט פון זיי, פאר וואס? ערשטענס איז טאקי א צער בעלי חיים, מען טאר נישט מצער זיין א לעבענדיג בעשעפעניש, אפילו א פלוי נישט, און צווייטענס איז איהם טאקי פשוט נמאס געווארען האבען צו טאן שטענדיג מיט די גלופסקער. קרעפלעך עסט זיך אויך צו. און דריטענס אלע זאכען מוזען דאך עפים האבען א עק.

רב שלמה האט זעהר גוט ארויסגעזעהן, אז די דאזיגע קרעניצע, פונוואנען ער שעפט, האט אנגעהויבען, מחילה, אונטערצושיפוש׳ען און ווימלען מיט מיני קליינע בעשעפענישלעך, וואס איז נישט כדאי מיט זיי זיך אבצוגעבען, און געהערט האט ער אויך, אז ס׳האבען זיך געוויזען נאך נייע מאדנע מיני ברואים׳לעך, אויפ׳ן קוק, דאכט זיך, ווי די אלטע, און פארט אנדערש, עפים מיני חאמעלעאנען אזוינע, נאך נישט גוט אויסגעפארשט לעת עתה, ווער און וואס זיי זענען, ס׳איז צו האפען, אז מיט דער צייט וועט קומען דער געלערנטער מאן, וואס איהם וועט בעשעהרט זיין זיי גוט אויספארשען און בעקאנט מאכען מיט זיי די וועלט, דעריבער האט רב שלמה מפקיר געווען זיינע גלופסקער און איז פון זיי אוועק.

צו האט רב שלמה זיך אבגעגעבען מיט די נייע מאדנע ברואים און איהם איז געראטען גוט זיי אויסצולערנען, דאס ווייס איך נישט. מעגליך אז זיי זענען איהם אויך נמאס געווארען און ס׳וואלט איהם גליי־

בער געווען אָבצושינדען אַ נבלה איידער מיט זיי האָבען צו טאָן. נאָר דאָס וויים איך בעשטימט, אַז ער האָט דאָרטען היינט אין № ... אַ איי־גענע שול פאַר יודישע קינדער.

נאָך אַזאַ שווערען גאַנג אין רעגען, אין שניי און טאַפּענדיג אַי דער פינסטער אַ טיר, בין איך אריינגעגאַנגען מיט דעם איבערשטענס הילף מיט גרוים אָבשיי אין אַ הויז. ס׳פערשטעהט זיך, אַז איך בין אריין הינ־טען־אַרום דורך דער קיך, ווי דער שטייגער איז ביי אַ אידען, וואָס וויים דרך ארץ.

דער אריינגאַנג פון אַ אידען אין אַ טיר איז, ווי דער שטייגער איינער איז, שטיל, געבויגען מיט הכנעה, מען זאָל דאָס הערען עפּיס אַ שאָרך. און פלוצלינג וואַקסט ער אויס פאַר׳ן בעל־הבית ווי פון דר׳ערד, עפּיס נאָר טאַקי אַ בער, „וואָס טהוט טאָן לוגען צו זיין פערצוקונג״, צו דערשאַפען איהם פלוצלינג, איידער ער וועט האָבען צייט פון איהם ענט־רונען צו ווערען.

דער דאָזיגער אידישער שטייגער — דאָס איז אַ זכר צו דער ביטערער אָרימקייט אין גלות פון אייביגע צייטען. זינד קבצנים האָבען זיך אַ וויז געטאָן ביי אונז אַזוי, אַז די נעהמער זענען מעהר פאַר די געבער, האָבען זיי אָנגעהויבען געברויכען ביים זוכען זייער ברויט, געהענדיג איבער די הייזער, די אַלע קונציגע איינפאַלען פון די יעגער אויף דער יאַגד, אַלץ הינטען אַרום, שטיל, עס זאָל נישט איבערבלייבען קיין צייט אויף ראַטעווען זיך דעם בעל הבית, נעבעך, וואָס ציטערט אַזוי איבער זיין געלד. און דער דאָזיגער שטייגער אריינגאַנג, וואָס איז אַ ירושה פון

יורות, איז געבליבען ביי אונז ביז היינט.

שטעה איך מיר אַזוי אַ ווײַלע אין פאָדער־חדר זעהר שטיל, טאַפּענדיג זיך ביי דער קאַפּאָטע, ביי די פאות, אונטערהויבענדיג אָביסעל דאָס היטעל אויפ׳ן קאָפּ, גוט אויסצוגלייכען די יאַרמולקע אויף איהם, ווי דער סדר העולם איז, און אַנב טאַקי חאַפּ איך אַ קוק אין דעם צימער מיר אַנטקעגען. מענשען זיצען דאָרט ביי אַ לאַנגען טיש, וואָס איז בעדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך — אַ גרייז גראָהער מאַן זיצט אויף אַ שטוהל אויבענאָן, דריי מאַנסבילען פון איין זייט טיש, אַ שענע אידענע מיט מיידלעך פון דער אַנדערער זייט. אויף אַ קליין טישעלע שטעהט אַ זידענדיגער סאַמאָוואַר, אַרויסלאָזענדיג פון זיך גאַנצע זיילען גראָהער פּאַרע, וועלכע רויטלען זיך ביים שיין פון דעם הייגלאַמפּ. אַ ליבער מחות׳דיגע

וואַרימקייט און ליכטיגקייט איז אין דעם הויז. מען טרינקט טיי, שמועסענ־דיג איינער מיט דעם אַנדערען מיט גרויס הנאה.

אַז איך האָב מיך גוט צורעכט־געמאַכט אין פאָדער־חדר, בין איך אַריין אַהין אין זיין צימער און געבליבען שטעהן ביי דער טיר שטיל שווייגענדיג.

— ווער איז? ווער איז דאָ? רופט זיך אָן דער אַלטער נישט ריהרענדיג זיך פונ'ם אָרט.

— גאָרנישט... אַ איד איז־דאָ... גוטען אָוועגד! — ענטפער איך מיט אַ האַלבען מויל, שטעהענדיג אַלץ טאַקי נעבען טיר.

— וואָס זאָגט ער דאָרטען? — פרעגט דער אַלטער פערוואונדערט אויפשטעהענדיג שוין פון אָרט, און לאָזט זיך געהן צו מיר.

— וואָס ער זאָגט?... גאָרנישט... „גוטען אָוועגד" זאָג איך.

— „גוטען אָוועגד" איז זעהר שען, זעהר גוט, אָבער, איך בעט אייך, רב איד, וואָס ווילט איהר?

— וואָס וויל איך? גאָרנישט וויל איך... אַזוי זיך... אַריין, אַז יאָ אַזוי, איך האַלט שוין אין געהן, טראַכט איך מיר, כּדאי אַריינצו־געהן זעהן זיך מיט אַ אַלטען בעקאַנטען. וואָס מאַכט איהר, רב שלמה, אוי שוין אַ צייט מיט יאָהרען, אַז מיר האָבען זיך נישט געזעהן, מיר זענען ביידע אַלט געוואָרען אין דער צייט. די האָר צייערע זענען שוין גאָר וויים געוואָרען. פונדעסטוועגען האָט איהר זיך קיין סך נישט פאַר־ענדערט, איך האָב אייך באַלד דערקענט, אין דעם הויכען שטערען און אייער קורצע ראיה, די זעלביגע אויגען די פייערדיגע, די זעלביגע ליפען, אויף וועלכע צאָרן מיט שמייכעל שוועבען אינאיינעם, דער זעל־ביגער ברען און דאָס זעלביגע מאַכען מיט די הענד ביים רעדען אַזוי ווי אין דער יוגענד. איהר זייט איין אַלט־אינגעל, איך בעט איבער אייער כּבוד! נו, און מיך, מיך דערקענט איהר ניט? — זאָג איך מיט אַ זיס־פריינדליך שמייכעלע, אויסציהענדיג זיך פאַר איהם ווי גרויס איך בין, אָננעהמענדיג זיך פאַר'ן בערדיל.

— האַ, וואַרט נאָר, וואַרט אַ ווייל — זאָגט רב שלמה שאַרף אָנקוקענדיג מיך — אָ, דערקענט: רב מענדעלי... אָך, ליעבער פריינד רב מענדעלי מוכר ספרים! ברוך הבא! וואָס זשע זייט איהר אַזוי שטיל אַריינגעקומען אין דער פינסטער דורך דער קיך, און שטעהט דאָ ביי דער טיר?

— וואָס הייסט, מען האָט דען בעדאַרפט קלינגען אויף אַלע גלע־

קער? נעהמט נישט פאר אומגוט, רב שלמה," וואס איך האב מיט די שיך אריינגעטראגען בלאטע אין שטוב.

— עס מאכט נישט אוים, בלאטע," דאס איז ביי אונז אידען א זכר לטיט פון מצרים אן — ענטפערט רב שלמה אננעהמענדיג מיך פריינדליך ביים ארעם און שנ׳עלט מיך פאר איטליכען אין הויז, אנ־רופענדיג ביי די נעמען די דריי מאנספארשוינען, און זאגט: דאס זענען אידישע שרייבערס, מיינע גוטע געטרייע פריינד.

— אידישע שרייבערס און געטרייע פריינד! — וואונדער איך מיך שטארק ביי מיר. א בייסעניש, א רייסעניש פון קעץ אין איין זאק איז מיר צוגלייך געקומען אויפ׳ן געדאנק און איך האב משונה פערדרעהט די נאז.

איך זעץ מיך ביים טיש און מען שטעלט פאר מיר א גלאז טיי. דאס געשפרעך צווישען דעם עולם קלעפט זיך עפים נישט, נישט אזוי לעבעדיג־הויך ווי פריהער, און באלד ווערען אלע ענטשוויגען, ווי עס נעהמט זיי אב דאס לשון, אזא שוויגען מאכט זיך געוועהנטליך אפט אין א געזעלשאפט, ווען עס קומט א נייער פארשוין. אין דעם שווייגען הערט זיך א שטילעם בילען פונ׳ם בייזען הונט, וואס ליעגט אינווענייג אין אונז מענשענס. דאס בעדייט: חשד, נישט־צופרידענהייט, פיינדשאפט, א אנצו־הערעניש יענעם אויפ׳ן וואונק: טראגט זיך, פעטער, צו אל־די רוחות און לאז מען פון אייך פטור ווערען.

גוטהערצעדיג בעגעגענען איינע די אנדערע נאר בהמות. א בהמה, א שטיינער, שטעהט זיך ביים צעבער, קומט אן א צווייטע און שטעקט אריין דעם קאפ אהין אין צעבער, — מילא גארנישט, שטעהען זיך ביידע און עסען רוהיג, גאר פריינדליך. וואס איז זיך דא צו וואונדערן וואָרום דערויף איז זי דאך א בהמה, א גראבע, א נידעריגע בעשעפעניש אהן פערשטאנד...

נישט אבער אזוי זענען מענשען," זיי האבען דאך שכל, זענען דאך קלוגעטשקע, בעגעגענען זיי איינער דעם אנדערען מענשליך, אויף זייער שטייגער. אט דער מין שוויגען איז זעהר נישט איינגענעהם דעם ניי־אריינגעקומענעם. ער בלייבט צומישט, פערלירט די שליטה איבער זיך, איבער אלע זיינע גלידער. די הענד, די פים, די אויגען בעהעגען זיך עפים משונה אהן זיין וויסען. די נאז שטעהט פול ווי א רינשטאק מחילה, און ווייסט נישט, וואס מיט דיר צו טאן. ס׳איז נישט גיט, שווער ווי א שטיין אויפ׳ן הארצען.

— —

לאנג לעבען זאל רב שלמה, וואס ער האט זיך דערבארימט און ריידענדיג געמאכט די געסט, אבי א אנהויב, איז שוין דאס ווייטערדיגע געגאנגען ווי א מזמור, געריעדט הויך אויף א קול. דאס איז דאך ידוע, אז מחברים זענען גרויסע פלוידערזעק, ריידען מעהר ווי ווייבער. ווי באלד עס עפענט זיך זיי דאס מויל, שיטען זיך רייד, ווי פון א לעבער־דינען זאק. איך האב אויך געעפענט מיין מויל און האב געוויזען, וואס איך קען, גערעדט אהן אויפהער. דאס איז זיי געפעלען געווארען, און מיר זענען געווארען באלד, ווי עס פיהרט זיך ביי יגדען, אמת׳ע ידידים... גוטע ברידער, הייסט עס.

— נחזור לענינינו — האט רב שלמה זיך אנגערופען — לאמיר זיך אומקעהרען צו אונזער פריהערדיגען שמועס. פאר רב מענדעלען איז זיך נישטא וואס צו שעהמען, ער איז דערין זעהר געניט, ער איז א בקי אין דעם דאזיגען ענין... אדרבה זאל ער הערען און זאגען זיין מיינונג.

— וועגען וואס איז דא דער שמועס? וועגען וואס האמפערט מען זיך דא אזוי? פרעג איך שוין מיט א רוהיג געמיט

— וועגען וואס האמפערען זיך מחברים? — ענטפערט רב שלמה — וועגען שרייבערס און ביכער! זאגט איהר, רב מענדעלי, וואס פאר א מין זאך איז עס דאס שרייבען, וואס שטעקט דערינען אזוינס? אט דאס איז דער תוך פונ׳ם ענין, וועגען וואס מיר האבען זיך דא פריהער געשפארט.

— והחכמים אומרים, און וואס האבען זיי געזאגט? גיב איך א כבוד די געסט, זיי זאלען זאגען פריהער זייער מיינונג וועגען דעם

— דאס איז א געטליכער גייסט אין דעם מענשען! — זאגט איינער פון די מחברים און א צווייטער האט איהם צוגעבאמקעט.

— און איך זאג — רופט זיך אן א דריטער, אז דאס שרייבען איז א זאך, וואס מוז האבען פארברייטונג און קענטעניש. ווער עס האט א מח און בילדונג, יענער שרייבט.

— דאס שרייבען — לאז איך מיך הערען מיט א ווארט, אזוי אז דעם עולם זאל עס אויספאלענד זיין — דאס שרייבען איז נישט מעהר ווי א שגעון, א מין שלאפקייט, אזוי ווי, למשל, די תאוה ביי א סך יודען צו שטעלען זיך דאווגען פאר׳ן עמוד, כדי ארויסצווייזען פאר׳ן עולם דאס קול־נגינה זייגע.

— רב מענדעלי וויל אַלץ מבטל זיין! מאַכט ר׳ שלמה צולעגנדיג אַ פינגער צו דער נאָז, ווי ער בייזערט זיך פלומרשט, און דאָס פנים זיינס שמייכעלט דערביי — לאָזט זיך דינגען, רבותי.

— איך וויל ניט אַריין אין די הויכע דרכים איבער דעם ערשטען חלק פון דער שאלה, איבער וועלכער מיינע חברים האַמפּערען זיך — וואָס דאָס שרייבען איז אַזוינס? איך וועל נאָר זאָגען מיין מיינונג אויף דעם אַנדערען חלק פון דעם ענין: צו וואָס דאָס שרייבען איז? האָרכטזשע. דעם מענשענס פערשטאַנד איז דאָך דער מקור פון אַלע געדאַנקען, די געדאַנקען אָבער ווערען נישט רעכט פאַרטיג, קלאָר, ווי עס געהער צו זיין, סיידען נאָר דורך דער שפּראַכע. מיט איהר הילף נעהמען זיי אויף זיך לייב, בעקומען זייער געהעריגע צורה. אין דערינען בעשטעהט טאַקי דעם מענשענס מעלה, וואָס ער קען רעדען. און היות דאָס רעדען מיט׳ן מויל אַרבייט אויס, ווי אַ קינסטלער אַ מאָלער, די געדאַנקען פּנ׳ם גייסט אין זייער קערפּערליכער געשטאַלט, דעריבער דאַרף עס אויך האָבען מיטעל דערצו, וואָס זאָלען איהם שטעהן צו הילף, די אַרבייט זאָל זיין ריכטיג, מייסטעריש גוט. און אַזא מיטעל איז דאָס שרייבען, אָדער די שריפטליכע שפּראַכע. דער שרייבער איז מעהר מקפּיד אויף זיין שפּראַך, ווי דער וואָס רעדט. ער זוכט, קלייבט צו די פּאַסענדיגע ווערטער, זעצט זיי ווי פּערעל איינס צום אַנדערען מיט ישוב הדעת, מיט דער כונה, אַז דער גייסט און די צורה זאָלען, ווי די נשמה מיט׳ן גוף, פּאַסען איינער צום אַנדערען, נישט מעהר — נישט ווענינער וויפיעל מען בעדאַרף. בכן קומט אויס, אַז דורך דער שריפטליכער שפּראַכע פאַרבעסערט זיך מיט דער צייט דאָס רעדען מיט׳ן מויל. קלערער ווערט דער געדאַנק, און גרעסער דער פערשטאַנד.

— דאָס אַלסדינג איז נישט פאַר אונז געזאָגט געוואָרען, — איז אַרויס מיט אַ קריטיק איינער פון דער חברה, — געהט טאַקע איבער אינגאַנצען די היינטיגע ליטעראַטור אונזערע, משטיינס־געזאָגט, וועט איהר מעהר נישט געפינען נאָר לשון, אַ מוסר־זאָגען, עצות, פּלפּול, בויך־סברות, גוזמאות; ווילדע שבחים און משונה׳דיגע זידלערייען — אַלסדינג טאַקי נאָר ווי ביי בטלנים אין בית המדרש אונטער׳ן אויווען, און דאָס ווייזט אויף דעם דלות אין געדאַנקען און די אָרימקייט אין געפיהלען. לא די וואָס דער קאָפּ איז נישט פרוכטבאַר, ברייננט נישט אַרויס קיין שום נייס, קיין שום לעבעדיג געדאַנק, ער פיהלט אַפילו נישט, וואָס עס געהט איהם אָב. דעריבער איז דער מינדסטער אפילו

פון די שרייבער ביי זיך א גדול, קליגער פון דער גאנצער וועלט, ביי איהם איז אלץ איך און איך... אט אזוי זאג איך, אזוי מיין איך, און אזוי ראט איך... אלע זענען ביי זיך פעררימען. ווילדע מוסר־זאגער, משונה׳דיגע ערפינדער, גרויסע בעלי־עצות, מיניסטער־קעפ, איטליכען בעזונדער גלוסט זיך א בארג סיני, שטעהן אויף איהם און אראבשרייען פון דארט זיינע געבאט, וואס הויבען זיך אן מיט „איך" און לאזען זיך אויס מיט „איך".

— אי, אי, אי! — שלאג איך אב דעם קריטיקער אזוי שטארק, ביי מיר אפילו האב איך געוואוסט, אז ער איז גערעכט, דאך האב איך מיך געעקשנ׳ט, גענליינט, זאל נישט אויסגערעדט זיין, פאר׳ן כבוד פון אונזערע אבגעפיינטע חכמים, זאלען געזונד זיין.

— די שרייבער איז ביי אונז — טרעט ארויס מיט א קריטיק נאך איינער פון דער חברה — זיי שרייבען נישט קיין וויסענשאפטליכע זאך גופא, נאר וואס? איבער דער דאזיגער זאך. דאס הייסט, זיי שטראפען אנדערע, ווערטלען זיך, און בעווייזען, אז ס׳איז נויטיג, אז מען זאל עס שרייבען. אין דעם ענין אויך, מיט וועלכען זיי בעשעפטיגען זיך, הויבען זיי נישט אן צו וויסען און ווילען נישט וויסען, וואס מען האט איבער דעם שוין פריהער געזאגט. איטליכער איז זיך א אדם הראשון, אנהויבענדיג פון בראשית, דער אלף־בית חזר׳ט זיך תמיד איבער אויף דאס ניי. די פריהערדיגע חכמים אונזערע ווערען נישט געדאכט, עס בלייבט ביי אונז פון זיי קיין זכר נישט. אויך די געשעהענישען אין אונזערע צייטען פערשווינדען ווי א חלום, פיעל געשעהענישען ווערען נישט פערשריבען אין אונזער צייט דעריבער נאר, וואס מען רעדט זיך איין א נארישקייט, אז דאס איז א ארבייט פאר דעם געשיכטע־שרייבער אין דעם שפעטערדיגען דור, ער וועט ערשט קענען צענעהמען די זאכען ווי דער ריינער אמת, אהן קיין שום פניות. נאר דערווייל, ביז וואנען דאס וועט זיין, איז פיעל געשעהענישען פון אונזער צייט געהען פערלארען און, העט, העט, אין א צייט ארום, אז עס וועט אויפשטעהן ביי אונז א אלטערטומס־פארשער און וועט ווער אויפבויען א בנין פון די איבערגעבליבענע צוּווארפענע שטיקלעך מאטריאל, משטיינס־געזאגט, — וועט איהם מעהר פעהלען ווי ער וועט האבען, און אינגאנצען וועט עס זיין א בנין אויף הינערשע פיסלעך, סיידען אז מען זאל גלויבען, אז אידישע געשיכטע־שרייבער זענען נביאים, זעהען בנבואה דאס וואס א מאל איז געשעהן, און מאכען פון נארנישט א זאך. ווענינגסטענס איז גענוג, אז מען זאל זיי

געבען דאָס לעכיל פון אַ נאָדעל, און דעם העלפאַנד אויף דורצופיהרען איהם דורך דעם לעכיל וועלען זיי שוין אַליין בעשאַפען, אָבער נאָט וויים, אויב אַזעלכע וועלען נאָר זיין אין די שפּעטערדיגע דורות. נאָר אָבער אַ היסטאָריקער מיט אַ מענשליכען פערשטאַנד שפּעטער, ער וועט בעשול־דיגען די אידישע שרייבער אין אונזער צייט, און זיי שימפּפען, פאַר וואָס זיי האָבען נישט געברויכט דאָס לעבען פונ׳ם פאָלק פאַר אַ מאַטעריאַל אין זייערע ספרים, נים אָנגרייטענדיג געגוג שטאָף אויף צו בויען פאַר יענע, וואָס וועלען קומען נאָך זיי, און האָבען זיך נאַריש געמאַכט מיט „מאמרים", מיט פּלפּולים, מיט וכוחים, מיט ביי־זאַכען, און מיט פאַנטאַזיעס, וואָס נישט געשטױיגען און נישט געפלויגען. און אַממיינסטען וועט דאָס נישט געשענקט ווערען יענע, — האָט ער צוגעגעבען צו זיינע רעד מיט אַ וואונק טייטענדיג אויף רב שלמה׳ן מיט׳ן פינגער — יענע שרייבערס פון אונזער איצטיגער צייט, וואָס קענען גוט דאָס פאָלק, אויסגעבונדען פון קליין ביז גרוים און ווייסען אַלע געננ זייערע, און האָבען זיך געפוילט דאָס אָנצושרייבען.

— רבותי, רב מענדעלי ציטערט, ער האָט מורא, איהר זאָלט איהם נישט פאַרברענען מיט׳ן מויל! — זאָגט רב שלמה מיט אַ שמיי־בעלע, זעהענדיג ווי איך בין צומישט פון יענעמס ווערטער, און מינע מיך שטאַרק פאַר גרוים פערוואונדערונג — נישקשה, רב מענדעלי! אָהן סכנות. מחברים ווען זיי זיצען און לאָזען זיך אַריין אין אַ שמועס, ברענט אַרום זיי אַ העליש פייער, עס ברענט, אָבער פאַרברענט ווערט קיינער, חלילה, נישט. דאָס זידט אין זיי דאָס בלוט, תּלמידי חכמים צופלאַקערען זיך אפילו גאָר אין אַ געוועהנליכען שמועס, עס פליהען ווערטער פייער־דיגע ווי גליהענדיגע קויהלען. איך קען אייך, מיינע חברים, איך וויים, אַז איהר זייט אין האַרצען גאָר נישט אַזוי שטרענג ווי איהר רעדט מיט׳ן מויל. אויך נישט אַלע שרייבערס, חס ושלום, האָט איהר דאָ געמיינט, נאָר אַ טייל פון זיי, און אויב היינט זייט איהר שטרענגער ווי תּמיד, ווייס איך, פונוואַנען דאָס קומט: עס איז היינט אַ צייט פון געוויטער, עס קעהרט די וועלט. אַ שרעק! דערפאַר זייט איהר היינט מעהר אויפ־געבראַכט. אַ ראיה האָב איך פון זיך אַליין, איך בין היינט צודרודערט און אויפגערעגט, עס איז נישט קיין עת־רצון, ברידער! אויך דאָס וויים איך, אַז צווישען יענע, וועלכע עס וועט נישט געשענקט ווערען שפּעטער — ווי אונזער חבר האָט געזאָגט, — דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך געפוילט בעשרייבען אונזער לעבען, אין זייער צייט, מיינט מען מיך אויך, טור

מיר קען דינען פאר א פארענטפערונג דאס, וואז ס'האט מיט מיר זיך געטראפען פונקט אזוי ווי מיט מחמד'ס ארון, וואס הענגט, ווי מען זאגט, אין דער לופט, ווייל צווי מאגנעטען ציהען איהם פון אונטען און פון אויבען — איינער אהער און איינער אהין, און דערפאר...!

רב שלמה האט אבגעהאקט אין מיטען שמועס, דערפיהלענדיג א קאלטען שטראם ווינד, וואס האט פלוצלים זיך אריינגעכאפט אין צימער אריין, שיער נישט אויסלעשענדיג די לאמפ, און עפיס א געשפרעך, א געטימעל צווישען דעם הויזגעזינד אין פאדער-חדר. רב שלמה'ס ווייב און טעכטער האבען באלד נאכ'ן טיי-טרינקען זיך געפיהלט איבעריג, אין דער געזעלשאפט פון מאנסבילען, וואס רעדען דברי תורה. זענען זיי אויפגעשטאנען און ארוים פונ'ם חדר.

די ווייבער פון תלמידי חכמים האבען א ודאי א גרויסען חלק לעולם הבא, ווייל דא, אויף דער וועלט, ביי זייערע מאנען, האבען זיי גארנישט און פיעל זאכען איז ביי א תלמיד חכם פארקעהרט ווי ביי א געוועהנליכען מענשען. א געוועהנליכער מענש רעדט זעהר פיעל מיט זיין אייגענער ווייב, און א פשיטא שוין—מיט א פרעמדענם. און א תלמיד חכם איז אפילו מיט זיין אייגענער ווייב רעדט ער אויך נישט. א געוועהנליכער מענש אויפ'ן שפאציר אויף דער גאס—געהט ער פאמעליך איהר ביי דער זייט, און ביים אריינגאנג און ביים ארויסגאנג נאך איהר. און א תלמיד חכם שפאנט, לויפט פאר'ן ווייב און ביים אריינגאנג און ארויסגאנג פערחאפט ער זיך געהן פאראוים. א געוועהנליכער מענש טהוט אן דאס ווייב דעם מאנטעל און בעדינט זי, און א תלמיד חכם איז דאס ווייב מהוט איהם אן און בעדינט איהם. א געוועהנטליכער מענש, אז ער פארבעט צו זיך געסט אויף א קערטעל, איז ער מצרף זיין ווייב צום מנין און זי שפיעלט אינאיינעם מיט זיי א גאנצע נאכט, און א תלמיד חכם אז די חברים זיינע קומען צו איהם, איז דאס ווייב זיינס טראגט זיי אונטער גלעזער טיי און בעדינט זיי, און ווי באלד זי האט זיך אבגעפארטיגט, איז שוין פאר איהר מעהר קיין ארט נישטא צווישען זיי, און זי נעהמט געשווינד אוועק.

און דאס אייגענע טאקי איז געווען מיט רב שלמה'ס ווייב און טעכטער זיינע. מיר תלמידי חכמים זענען זיך געווען פערטאן אין אונזער זאך אזוי, איז מיר האבען זיך אן זיי גאר פארגעסען, נישט בעמערקענדיג, אויב זיי זענען דא אדער נישטא. ביז עס האט זיך דערהערט זייער קול אין פאדער-צימער און דערפיהלט א קאלטער שטראם, וואס

האָט זיך אַריינגעריסען אַהין אין שטוב אַריין, מיט אַ קלאַפּעריי אין די טירען, האָבען מיר זיך אויפגעכאַפּט — ווי פון שלאָף. נאָך אין אַ ווײַלע איז אַריין איינע פון די טעכטער און געזאָגט דעם פאָטער אויפ׳ן אויער:

— טאַטע, עפּיס אַ בחור איז געקומען. ער בעט זיך איבערנעכ־טיגען די נאַכט אין דער שולע.

— וואָס? אַ בחור פון דער גאַס און בעט זיך נעכטיגען! — מאַכט רב שלמה בייז און פערוואונדערט — ס׳איז נישט אומזיסט, דאָ מוז עפּיס זיין, וויפיעל גנבות און נאָך אַזעלכע זאַכען קומט פאָר אין שטאָדט דורך אַזעלכע אָנשטעלען, — זאָל ער אַריין!

אַ אָרים בחור, פון אַ יאָהר זיבענצעהן, אַ דערשלאָגענער, האָט זיך שעמעוודיג געוויזען אין דער טיר. דאָס קאַפּאָטקעלע זיינע, אַ צוריסענע, אַ געלאַטעטע, דורכגענעצט פונ׳ם רעגען, טרייסעלט זיך און שטעהט אַראָבלאָזענדיג די אויגען.

— פונוואַנען קומסטו, בחור? און וואָס ווילסטו אין האַלבע נאַכט — פרעגט רב שלמה מיט כעס.

— איבערנעכטיגען — שטאַמעלט דער בחור שטיל — איך בין דאָ אַ פרעמדער.

— וואָס הייסט, אַ הכנסת אורחים איז ביי מיר אין מיין שולע— האָט זיך געוואָרטעלט ר׳ שלמה — איך פערשטעה אַזעלכע אָנשטעלען, געה דיר געזונטערהייט!...

אַזוי ווי דער בחור איז אַריין שטיל, אַזוי איז ער אַרוים שטיל, אָנבויגענדיג דעם קאָפּ נישט צו רעדען אַ וואָרט, נאָר אַ בליק געטאָן אויף אונז מיט די אויגען. — און אוי, רבונו של עולם! וויפיעל יסורים, צרות און פורעניות, וויפיעל האַרץ, געפיהל און געבעט האָבען זיך אויסגעדריקט אין דעם דאָזיגען בליק!...

רב שלמה איז געבליבען זיצען פערבליפט נאָך דעם בחור׳ס אַוועק־גאַנג, פערטראַכט און פערזאָרגט. דאָס פנים זיינס האָט זיך פאַרענדערט, אַזוי אַז איך האָב נישט דערקענט דעם רב שלמה׳ן, וואָס איך האָב ערשט נישט לאַנג געזעהן. פאַר מיר זיצט אַ אַלטער, אַ שוואַכער, גאַר אַ צוּבראָכענער שאַרבען, און דאָס געזיכט שטאַרק צוקנייטשט.

אויף אונז איז אויך אָנגעפאַלען אַ מרה־שחורה, דער נעגעצט, דער גיסט, און קיינער רעדט אַ וואָרט ניט.

אין דרייסען שטורעמט, דער ווינד קלאַפּט אין די פענסטער,

בלאָזט אין די שפּאַלטען, בלאָזט און הײלט אין די קוימענס און רײסט אַרײנצוחאַפּען זיך אין שטוב אַרײן

זענען מיר אויפגעשטאַנען, אַרויס פון שטוב מיט אַ שווער געמיט, און צונאַנגען זיך איטליכער צו זיך אַ הײם.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָבען מיר זיך פערזאַמעלט נאָך אַ מאָל בײ רב שלמה׳ן אין אָווענד. רב שלמה האָט געפיהלט קאָפּוועהטאָג און ער איז דעם גאַנצען טאָג נישט אַרויס פון זײן צימער. דאָך איז דאָס ווייב זײנס אַרײנגעגאַנגען צו איהם זאָגען, אַז מיר זענען געקומען, און באַלד טאַקי האָט ער אונז פּאַרבעטען צו זיך. דאָס צימער איז נישט אַזוי גרויס און ס׳איז דאָרטען עפּיס אַ נחת, ריין ציכטיג אין אַלע ווינקעלעך, די ווענד און מעבעל, און די שאַפּעס ביכער, זאָגען: אַז דאָ וויינט אַ תלמיד חכם. רב שלמה זיצט אָנגעלעהנט בײם שרייבטיש פערטיעפט אין די געדאַנקען מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען, פאַר איהם ליעגט אַ בויגען פּאַפּיר פערשריבען און געמעקט אין פיעל ערטער, אויך אַ פען נאָך נישט רעכט אָבגעטריקענט פונ׳ם טינט. בײם אַרײנגאַנג, האָט ער תּחילת אונז נישט בעמערקט. דערנאָך האָט ער זיך אַ חאַפּ געטאָן און האָט אונז צוגענומען פריינדליך.

מיר האָבען מקים געווען אין איהם די מצוה פון בקור־חולים, ווי דער שטייגער פון אַ אידען איז. דער שטייגער איז בײ אידען, אַז זיי קומען מבקר־חולה זײן, לאַכען זיי אויס פאַר ליעבשאַפט דעם קראַנקען מיט דער קראַנקהייט, אַז ס׳איז נאָר אַ אײנרעדעניש, בכדי מען זאָל איהם פערגרינגערן דעם וועהטאָג. מען זאָגט איהם אויך מוסר איטליכער אויף זײן גאַנג. אײנער זאָגט: ווי נעהמט דאָס אַ איד, דאַכט זיך, אַ קלוגער, האָט אַ ווייב מיט קינדער, זאָל זיך נאַריש מאַכען, זיך אַנידערלעגען קראַנק. ווי געשיקט זיך עס! דער צווייטער זאָגט: כ׳לעבען, תּאַרף אַוועק דיינע וועהטאָגען, טהו אַ שפּיי אויף דער קראַנקהייט, בעסער האָב אין זינען, אַז בײ דיר איז דאָ אָהן עין הרע דערוואַקסענע טעכטער, און זעה, אַז מיר זאָלען באַלד אײן־גיכען, אם ירצה השם, טאַנצען אויף זייערע חתונות. און ברײנגט איהם ראיות פון זיך אַליין, פון דעם מאָגען זײנעם, פונ׳ם פאַלען אויף די קריזעם און פון די מערידען, וואָס האָבען איהם צרות אָנגעטאָן, פונדעסטוועגען... גאָרנישט, בין געזונד, און ברוך השם.

אין דער צייט וואָס יענע האָבען דאָ פערפיהרט אַזאַ שמועס, געבענדיג דערבײ, טאַקי ווי מענשען, וואָס זענען געפּרובט געוואָרען מיט

קריינק. עפּיס מיני מאָרנע רפואות, ערב־זייענדיג, אַז ס׳וועט ווירקען, — האָב איך מיינם אָבגעמאַכט בקיצור, זאָגענדיג: אי, כ׳לעבען, רב שלמה! — נאָר כדי מקים צו זיין אַ אידישען מנהג, און פּטור. אין אַזוינע מיני זאַכען, ווי אויך אין ווינשעווען נחמות, ברכות, בין איך אַזאַ עם הארץ, וואָס דאָס גלייכען צו מיר נישטאָ.

רב שלמה הויבט זיך אויף פון׳ם אָרט, נעהט און נעהמט אַרויס פון אַ קעסטעלע אַ קליין פּעקעלע, בינדט איהם אויף, לעגט עס אַנידער פאַר אונז און זאָגט:

— קוקט, רבותי, זעהט, וואָס ליעגט פאַר אייך!

— קנעפּלעך זעהען מיר — זאָגען מיר אַלע גלייך אַרויס — ווייסע ביינענע קנעפּלעך. אלא, וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס זענען די קנעפּ פון מיין איינציג קאַפּאָטקעלע, וואָס איך האָב געהאַט אויף מיר צום לייב, ווען איך בין אין דער יוגענד פערוואָגעלט געוואָרען פון מיין היים אין דער ליטא, צוריק אַ פערציג יאָהר — זאָגט רב שלמה שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— אָבער וואָס פאַר אַ שייכות זענען די קנעפּ מיט אייער נישט־געזונד־זיין, און וואָס האָט איהר זיך עפּיס גראָד איצט אין זיי דערמאָנט? איז אונז אַ גרויסע קשיה.

— אוי, ס׳איז שייך און שייך, זיי געהערען זיך זעהר גוט אָן! הלואי וואָלט איך אין זיי נעכטען נישט געווען פאַרגעסען — זאָגט רב שלמה מיט אַ ביטערען זיפץ, זעצענדיג זיך צוריק אויף זיין ביינקעל, פערמאַכט די אויגען און שווייגט אַ ווײַלע פערזונקען אין די געדאַנקען.

דערנאָך הויבט ער אויף דעם קאָפּ און ווענדעט זיך צו אונז מיט אַזוינע דבורים:

— איך בין זיך מתודה פאַר אייך: רבותי, אַז איבער מיין הייסען כאַראַקטער בין איך נעכטען נכשל געוואָרען אין אַ האַרבע עבירה, איך האָב אַרויסגעטריבען אַ אָרעם יונגעל, אַ פערוואָגעלטען, אַ פערלאָזטען, נעבעך, אַ נאַקעטען און אַ — הונגעריגען, וואָס האָט געבעטען רחמים איבערצונעכטיגען ביי מיר אין שולע אין אַזאַ פינסטערער רעגען־שניידע־דיגער נאַכט. ניין, רבותי, ער האָט נישט געהאַט דערביי קיין שום שלעכטע כונה, ער איז באמת אַ גר און אַ פערוואָגעלטער, און נאָך מעהר, ער איז זיכער פון די ישיבה־בחורים אין דער ליטא. דאָס איז מיר קלאָר געוואָרען באַלד טאַקי, ווי ער איז נאָר אַרויסגעגאַנגען, פון׳ם שטעהן זיינעם בהכנעה, פון זיין קליידונג, און טאַקי פון דער בקשה

זיינער גופא. מיט אזא מין בקשה וועט נישט קומען איינער א היגער. ס'וועט איהם אזוינס גארנישט איינפאלען אפילו, נאר דוקא א וואנדרער פון ערגיץ א ווינקעל אין דער ליטא, וואס די בתי מדרשים און ישיבות דינען דארטען פאר אכסניות פאר די ארעמע בחורים. איך אליין בין דאך דערמיט געפרובט געווארען נישט איינמאל נאר, אין מיינע יונגע יאהרען. די נעכטיגע נאכט האב איך פערבראכט אין גרויס עגמת נפש, נישט געקענט קיין אויג צומאכען, אזוי שרעקליך האט מיר דאס הארץ געפלאגט, אזוי האט מיר באנג געטאן. די געשטאלט פון דעם דער־שלאגענעם בחור'ל און צוגלייך אויך מיין געשטאלט, ווען איך בין נאך געווען א יונגעל, געקליידט ווי ער, האבען פאר מיר געשוועבט די גאנצע נאכט און מיך שרעקליך געפייניגט. ציטערענדיג־טרעסלענדיג זיך שטעהט פאר מיר דאס אומגליקליכע בחור'ל. ער שווייגט. נאר די אויגען זיינע דערצעהלען זיינע צרות, אויפ'ן פנים זיינעם ליעגט אויסגעדריקט א גע־בעט: האב רחמנות אויף א געפייניגטען, אויף א הונגעריגען, נעהם אריין דעם פרעמדען, דעם נאקעטען, און זאל ער ביי דיר נעכטיגען אין א ווינקעלע! ער שטעהט מיט א צובראכען הארץ און ווארט אויף הילף, אבער אנשטאט הילף טהוט מען אויף איהם א היק, און מען טרייבט איהם ארויס. שטיל און פארשעמט געהט ער ארויס אנבויגענדיג דעם קאפ, ווי א שוואכער בייגט אן דעם אקסעל, אז דער שטארקער וויל איהם שלאגען — די געשטאלט אוועק, און מיינע קומט! קומט, שטעלט זיך מיר פאר, דערמאנט מיר פריהערדיגע יאהרען און זאגט: דערמאן זיך נאר, רב שלמה, אט אזוי האסטו דיך אויך אומגעוואגלט, אין דיין יוגענד, ארויסגעהענדיג פון דער ישיבה, און אזוי ביסטו אויך ווי א פער־וואגעלט פויגעלע געקומען אין איינע פון די שטעדטלעך, וואס דא אין דעם געגענד, נאקעט און בלויז אין א צוריסען קאפאטקעלע מיט ווייסע ביינענע קנעפ און האסט זיך געבעטען אין א בית המדרש, מען זאל דיך לאזען דארט דעם קאפ אנידערלעגען. ווי־זשע ביסט דו עס אזוי שלעכט, רשע איינער, היינט אין גוטע אומשטענדען? ווי האט דיך פערטראגען דאס הארץ היינט, אז דו ביסט געווארען א גאנצער פריץ, און ס'איז דיר מיט דעם אויבערשטענס הילף גוט, צו דערוויטערן א עלענדען, א דער־שלאגענעם, נעבעך, וואס דו אליין ביסט א מאל געווען אין זיין שטאנד? אנגענומען, אז דו האסט אפשר נישט געקענט געבען איהם ביי דיר א נאכט־לעגער, האסטו דו געמעגט איהם געבען עפיס געלט, ער זאל קענען איבער־נעכטיגען אין א אכסניא. צו־וועניגסטען, אויב נישט א נדבה פון דער

קעשענע, האָסט דו דאָך איהם געקענט געבען אַ גוט וואָרט מיטן מויל, און רו, נישט געגוג וואָס דו האָסט נישט געגעבען נישט דאָס און נישט יענץ, האָסט דו איהם אַזוי מאוס אַרויסגעטריבען. — אוי נישט פאַר אייך געדאַכט, ברידער, אַזאַ פלאָגען זיך ווי נעכטען און אַצינד נאָך אויך!

— פונדעסטוועגען נעהמט אייך נישט אַזוי צום האַרצען — טרייסט איך רב שלמה׳ן — עס טרעפט זעהר אָפט אַזעלכע מעשים, בייזאַכען, און קיינער מאַכט זיך נישט דעראויס. לאָמיר נעהמען, אַ שטייגער, אָט די גרויסע סוחרים, די בעריהמטע באַנקירען און טאַקי אַלע גבירים אונ־זערע, וואָס בעהאַנדלען אַזוי שלעכט זייערע מענשען, נישט־ברחמנות׳דיג, ווער, (זאָל זיי צו קיין גנאי נישט זיין) זענען זיי אַליין? כמעט אַלע זענען זיי אויפגעקומענע משרתים, וואָס שפילען היינט די ראָלע. אין דער יו־גענד זענען זיי געווען משרתים אין קלייטען און אַכסניות און האָבען גע־לייזט פון זייערע בעלי־בתים אין טאַטענס טאַטען אַריין הונדערט מאָל אַ טאָג. אַזוי איז שוין געשטעלט אין דער וועלט פון זינט זי איז בעשאַפען געוואָרען, אַלע פאַרגעסען זיך, ווער עס האָט די בייטש אין האַנד. שמייסט, נישט צו געדענקען, אַז ערשט נעכטען האָט ער מיט זיין כבוד אַליין פון דער אייגענער בייטש טאַקי געחאַפט שמיץ. אַ קיילעכדיג ביי־כעל, עזות און געלד נעהמען צו דעם זכרון. אויף אַלע פעהלער און פלוי אין דער נאָז פערדעקט די מטבע. בעקומט איינער געלט, האָט ער די וועלט און יענע וועלט.

— אַייערע טרייסט־ווערטער זענען נישט קיין ענטפער — ענטפערט רב שלמה — דאָס שלעכטס הערט נישט אויף שלעכט צו זיין דעריבער נאָך, ווייל עס איז אַ געוועהנטליכע זאַך. כשר מאַכען אַ חטא דערמיט, ווייל מען געפינט איהם אָפט ביי אַ סך מענשען אין דער וועלט, הייסט אַזוי פיעל, ווי מען זאָל זאָגען, אַ שטייגער, אַז אַ שטומפיגע ראיה, טויבקייט און שטאַמלען איז נישט קיין פעהלער, ווייל אין דער וועלט זענען דאָ גוזמא־גוזמאות טויבע, שטומע און בלינדע. וואָרום אויב אַזוי, מוז דאָך אויסקומען, אַז סיי דער יצר טוב מיט זיין גוטסקייט און סיי דער יצר הרע מיט זיין שלעכטסקייט זענען נישט ווערט קיין דרייער. ניין, רב מענדעלי, אומזיסט די רעד אַייערע. איך וויים ביי מיר מיין שולד און פיהל, אַז איך האָב געהאַנדעלט שלעכט.

— אָט דאָס האָסט דו דיר טאַקי פון גאָט אַליין אַ מוסר דערפאַר, וואָס דו פוילסט זיך אויפשרייבען דיין לעבענס־געשיכטע — זאָגט איינער

פון דער חברה — וויפיעל מאָל האָבען מיר דיר געזאָגט און געזאָגט דו זאָלסט דאָס טאָן און האָסט נישט געפאָלגט.

— אָט דאָס דאָזיגע בחור׳ל איז טאַקי ווי אַ שליח פון גאָט געקומען אויפצוטרייבען דיך, אַז דו זאָלסט לסוף זיך דערמאָנען אָן דיינע פריהערדיגע יאָהרען — העלפט אונטער דעם ערשטען נאָך איינער — אָט האָסטו אַצינד נישט ווילענדיג טאַקי זיך דערמאָנט אין די קנעפּלעך פון די יונגע יאָהרען און הלואי זאָלסט דו זיך אויך דערמאָנען נעמען אָנשרייבען, ווי ס׳האָט זיך געלעבט אידען אַ מאָל, אין יענער צייט, כדי עס זאָלען נישט פערפאַלען ווערען ווי אין וואַסער אַריין.

יוער האָט אַייך געזאָגט דעם סוד, וואָס איצט ביי מיר אין הארצען! — טהוט רב שלמה אַ זאָג און דאָס פנים פלאַמט איהם, — אויף מיין געלעגער נעכטיגע נאַכט ליגענדיג פערטראַגען, אין שטוב איז שטיל און אין דרויסען שטורעמט אַ שרעק, איז מיר ווי אַ בליץ אַריין — דער געדאַנק, אָט דער טרעפער, דער אויסלעגער, וואָס זיצט אין דעם מענשענס הארץ, — און האָט אויסגעלעגט, אַז די מעשה מיט דעם בחור׳ל איז אַ וואונק מיר פון אויבען, און פון יענער צייט אָן הערט ער נישט אויף צו־צוטרייבען מיך און זאָגט: שרייב! אין דעם מענשענס לעבען קומט פאָר אַמאָל אַזוינס, וואָס צווינגט אפילו דעם אַפּיקורס, וואָס לייקענט אין דער השגחה, גלויבען, אַז ס׳איז פאַרהאַן אַ פערבאָרגענער, אַזעלכער, וואָס אַלסדינג בעשטעהט דורך איהם, איטליכע זאַך אין איהר צייט, אויף אַזעלכע בעדינגונגען, מיט וועלכע עס איז געשטעלט געוואָרען פון לכתחילה. עס זעהט אויס, אַז אַזוי איז דאָס מזל מיינס און אַזוי איז שוין מיר בעשעהרט, אַז מיר זאָל עס געהן אין דער וועלט אַלץ מיט שטורעם. מיין לעבען איז אַ שטורעמדיגער ים, מיינע יאָהרען — רוישענדיגע כוואַליעס, און די נשמה מיינע — דאָס שליידערנדיגע שיפעל. און דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב מיך אָנגעהויבען צו דערקענען, איז אויך געווען מיט שטורעם. — ס׳איז פריהלינגס־צייט. פלוצלינג ווערט אַ חמאַרע און צווישען גערטנער אויף פריש־גרינעם [גראָז לויפט זיך אַ אינגעלע באָרפיס אין איין העמדעל מיט אַ היטעלע אויפ׳ן קאָפּ. לויפט געשווינד, אָבשטעלענדיג זיך צו־ווײלען, די אויגעלעך וואַרפען זיך אין אַלע זייטען, און די אויערלעך הערען־צו אויפגעשטעלט ווי ביי אַ העזעלע. יענס קינד דאָס בין איך מיט מיין כבוד אַליין. דאַסמאָל עפענט זיך מיר צום ערשטען מאָל אויף די אויגען מיינע און איך ענטפלעק מיך צו מיר אַליין אינגאַנצען ווי איך בין — איך ענטפלעק מיך און בלייב פערגאַפט

אויף דעם בילד, וואָס שטעהט פאַר מיר. איינער אַליין געפין איך מיך דאָ, קיין לעבעדיג בעשעפעניש ארום נישטאָ. נאָר הימעל און ערד. אַ פלויט פון איין זייט, אַ פלויט פון דער אנדערער זייט. אָט גיט אַ זעץ, אַ קלאַפּ אויבען אין דער הויך. דאָס קול קייקעלט זיך, אין ענדע וועלט צעפּאַלענדיג זיך אויף אַ סך שטאַרקע קולות דאָרט. און פייערדיגע שלאַנגען פליהען מיט אַ צוק אין הימעל. — אָט דאָס קלאַפּען רעדער פון גאָט׳ס רייטוואָגען, טראַכט איך בײַ מיר, נאָט פאָהרט עס דאָרט אין הימעל, טראַסקעט מיט דעם בייטש און פונקען פליהען. אַ זייל פון שטויב הייבט זיך אויף פון דר׳ערד, עס יאָגט זיך, עס דרעהט זיך ווי אַ דריידעל. נאָר באַלד ניט אַ נאָס אַ רעגען, אַ ליעבער ווארימער רעגען נאָר אַ דערקוויקעניש, גרויסע טראָפּענס פּיקען אַז אויף גרינוואַרג אין די גערטנער: רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבעל יונגעטשקע בויגען איין די קעפּעלעך, ווי קינדער ביים מאַמען אין שויס, און צוואָגען זיך מיט פערגעניגען. אין דרויסען לאָיען פון הונדערטער ערטער קליינע רינקעלעך, נעהמען זיך אויפ׳ן וועג צונויף, פליסענדיג וויטער, ווייטער, זוזענדיג אין די אויערען. און אָט טהוט זיך אַ וויז די ראָד פון זיין רייטוואָגען, אַ ראָד אַ גרויסע דאָרט אין הימעל. נאָר אָבער אַ האַלבע זעהט זיך ארויס וואונדער־שען געפאַרבט, אַ פערגעניגען צו קוקען, און עפּיס אַ ליכטיג שיין אַנטגעגען. די זון נעהט ארויס דאָרט פון אונטער דער ראָד, ווי אַ חתן פון אונטער דער חופּה, גיט אַ קוק צו דער ערד, שיינט זי, אַ ווינק צו די וואָלקענס — ווערען זיי רויט...

דאָס איז דער אָנהויב פונ׳ם דערקענען מיך אַליין, גאָט און די וועלט זיינע. מיט דונערען און בליצען איז מיר דאָס אַלסדינג ענטפּלעקט געוואָרען צום ערשטען מאָל און דאָס מענשליכע פערשטאַנד האָט אין מיר אַ שיין געגעבען דורך דעם שטורעם. אָט דאָס וואונדערליכע בילד האָט זיך מיר איינגעשניטען אין האַרצען. אייביג וועל איך, וויל איך עס נישט פערגעסען די גאַנצע פּאַנאָראַמע פאַר מיר, און דעם לשון פון דער נאַטור ארום מיר האָב איך דאַמאָלסט פערשטאַנען און האָב עס געפיהלט מיט׳ן האַרץ פון אַ אומשולדיג קינד. איך האָב פערשטאַנען דעם לשון פון די קרייטעכצער און געוועקסען פון גאָרטען, דאָס ליעד וואָס די רינעלעך וואַסער פּלאַפּלען, און וואָס פראָש קוואַקעט ליגענדיג אין בלאָטע ביז׳ן האַלז, ארויסשטעלענדיג אַ פּאָר גרויסע אויגען — האָב איך גוט פערשטאַנען, איך האָב דאָך איהר אָבגעענטפערט קוואַקענדיג אויך אויף אַ קול ווי זי. און אַז איך בין געקומען אין הנטף פון אונזער הויז. איז

אַרויס דאָס קעלבעל פונ׳ם שטאַל אויסגלייכענדיג די ביינער, אַראָב לאָזענדיג דעם קאָפּ און אויפהייבענדיג דעם עק און געמעקעט, און ס׳איז אויך אַרויס די הוהן מיט איהרע קינדערלעך און געפּיקט אין מיסט פּישצענדיג, און דער האָהן געהט־מיט פּאַראַויס קוממיות זעהר האָפּערדיג און מאַכט קוקעריקו. אויך די קאַץ זעה איך, ווי זי געהט אַראָב פונ׳ם דאַך, קאַראַבקעט זיך אויפ׳ן וואַנד און מיאַאוקעט. האָב איך געוואוסט וואָס זיי ווילען, און האָב איטליכען אָבגעענטפערט אויף זיין לשון: געמעקעט, געמיאוקעט, געפּישצעט הויך אויפ׳ן קול. פערשטאַנען האָב איך נאָר נישט דעם פּאַטש, וואָס דער טאַטע האָט מיר געגעבען, און וואָס בעדייט דער מאַמעס געשריי אויף מיר, אַז זי האָט מיך דערזעהן פּיטש נאַס פונ׳ם רעגען; וואָס זיי זענען אויסען געווען דערנסטמאָל אין וואָס מיין רבי און אַנדערע מענשען זענען אויסען געווען פון מיר דערנאָך — דאָס האָב איך נישט געקענט פאַרשטעהן.

רב שלמה שפּאַרט זיך צו מיט׳ן קאָפּ צום פאַרענטשיל פון שטול שווייגענדיג אַ ווייל'ע. פונ׳ם אויסדרוק פון זיין פּנים און די אויגען איז געווען צו דערקענען, אַז ער איז שטאַרק צוקאָכט און מיר האָבען פערשטאַנען, פאַר וואָס ער איז אַזוי צוקאָכט. זיין לעבען האָט זיך איהם געצויגען ווי אַ וועג פול דערנער מיט שטיינער. אָט געהט ער בארג אַרויף איבער הויכע שפּיציגע סקאַלעס און אָט לאָזט ער זיך אַראָב אין טיעפע אָבגרונדען. אַצינד ביים עפענען די אַלטע פעקלעך צרות און ביים אָנריהרען מיט אַ פינגער די וואונדען, מכות, נאָך אינגאַנצען נישט אויסגעהיילטע, מוז מען דערביי פיהלען שמערץ, אַ שמערץ זעהר אַ גרויסען. בערוהיגענדיג זיך אַ ביסעל, הויבט ער אָן ווייטער צו ריידען.

— איך וויל אַצינד ענדיגען אייך מיין שמועס, וועלכער איז נעכטען אין אָנהויב איבערגעהאַקט געוואָרען. שוין אַ לאַנגע צייט אַז די פּען מיינע געפינט זיך צווישען צוויי פערשיעדענע דעות פונקט קאַפּויר איינע פון דער אַנדערער, ווי דער אָרון פון מחמד׳ן הייגט, לויט ווי מען זאָגט, צווישען צוויי מאַגנעטען. אין דער צייט וואָס איינע פון די דעות ציהט זי אַהין צו בעשרייבען אַלטע זאַכען וואָס פריהער, איז די וואָס אַגענען האַלט זי אָב ציהענדיג זי אַהער צו בעשרייבען וואָס אין אונזער צייט געהט פאָר. און די דאָזיגע צוויי שפּאַרען זיך איינע מיט די אַנדערע און מיר ווי צוויי קרעמער קריגען זיך איבער איין קונה, צונישט מאַכענדיג דערביי איינער דעם אַנדערענס סחורה. איינער זאָגט: גאָט זאָל אָבהיטען פון דער מאָדנער נייער סחורה און פון די שענע תכשיטים היינטיגע צייט ביי

אידען! אלץ וואס דו זעהסט איז נישט מעהר נאר פורע שווינדעל, און א אויגען=פערבלענדעניש, פארזילבערטע שערבלעך, א אויסגעבלאזטע איי, צוגעפוצט, פערפארבט פון דרויסען אין שמוציג, פע, פון אינעווייניג. ס'איז נישטא קיין עכטער טיפ מיט זיינס א ווילען, מיט זיין אייגענעם כאראקטער. עפים נאר אנגעשטעלטע גולם'ס, משטיינס=געזאגט, ווי קוקלעס אזוינע, דאכט זיך, עפענען ליפעלעך, פויקען, בלאזען, קלינגען און גיבען פון זיך ארויס א קול נישט פון א לעבעדיגער נשמה, נאר דורך עפים א פריזינקעלע. כ'לעבען, לאזט זיי אב, און נאט אייך בעסער אנטיקען אלץ פאטערשע, וואס עס לעבט און עס האט א אייגענעם ווערטה... אנגעגען זשע די שרייט: קומט צו מיר, קוקט אן מיין סחורה און קוקט נישט אויף יענץ, וואס שמעקט שוין מיט קברות=בלעטלעך, וואס טויג אייך, רב איד, פערשימעלטע זאכען — אויף דערויף שרייט מען דאך טאקי אין דער וועלט, אז אידען מייסטענס רייסען זיך אב פונ'ם איצטיגען אין דער וועלט אין דער קאפ ליעגט זיי העט=העט אין דער פערגאנגענהייט, זיי געהען אומגעקעהרט מיט דעם פנים א הינטער נישט צו זעהן פאר זיך דעם וועג, שטרויכלען זיך און פאלען. אין אלע זייערע הנהגות — ביי זיך אין שטוב, אין שוהל און אין דער ליטעראטור זייע־דער זענען זיי ווי די טויטע, טויטע זענען זיי ביים לעבען און לעבען מיינען זיי נאכ'ן טויט. א איד אז ער לעבט איז גערעכענט ווי גארנישט, ערשט נאכ'ן טויט ווערט ער געהויבען מיט א שענער מצבה — אלע מתים בעקומען דעם טיטול תם וישר, א נדיב, א חכם. רעטיך, ציבעלע ווערען צעדערבוימער, א פלאטע — א לויתן אויפ'ן בית עולם. הכלל דער היינט איז ביי זיי גארנישט, אין אמת'ן אבער איז דאך דער עיקר לעבען פארט טאקי נאך אין דער הייסער מינוט, אין וועלכער מען געפינט זיך. דער מענש, וואס נויטיגט זיך ווי א לעבעדיג בעשעפעניש אין אזוי פיעל בעדערפעניש, איז מחויב ווי ווייט מעגליך אויסצוזוכען אזוינע מיטעל און זיי צו פערבעסערן אזוי, אז דורך דעם זאל איהם דאס לעבען אויף דער וועלט ניחה זיין. הייסט דאך עס, אז ער מוז דערינען ארבייטען אינאיינעם מיט אלע מענשען אין זיין צייט.

— לאזט זיך, זייט=זשע מוחל — דינען, זאגט רב שלמה, זעהענ־דיג, אז מיר ווילען איהם איבערשלאגען די רייד — איך וויים וואס איהר ווילט מיר ענטפערן. איהר ווילט זאגען: אליין פאר זיך גענומען איז נישט איינע פון די ביידע דעות ריכטיג, ווייל איטליבע פאר זיך איז דאך נישט מעהר נאר ווי איין זייט פון דער זאך, איבער וועלכער עס רעדט

זיך. אלסדינג אין דער וועלט האָט צוויי זייטען און דער אמת בעדאַרף אַרויסקומען פון׳ם אָננעהמען די ביידע אינאיינעם. נאָר אָבער אזוינס קען נאָר אָדער א גרויסער חכם, א געזעצטער מענש, אָדער פערקעהרט א וואַריאַט, וואָס וואַרפט זיך אין אַלע זייטען און פאַר איהם איז רעכט, ווי א טאָג אַרבייטער, איטליכעס מין אַרבייט, וואָס קומט איהם צו דער האַנד, נישט איבערקלייבען. אָנטראָגען שטיינער, ליים, ציגעל צום בויען, אָדער פאַנאַנדערוואַרפען א וואַנד, גראָבען אין מיסט און רייניגען א שטאַל, — וואָס מאַכט דאָס איהם אויס, אבי געאַרבייט און בעקומען געצאָהלט. — איך אָבער בין פון די מיטעלע מענשען, וואָס האַפען זיך נישט צו איטליבער אַרבייט. און נעהמען זיי זיך שוין אַריין אין קאָפּ עפּיס א זאַך, האַלט מען זיך דערמיט שטענדיג, נישט אַראָב דערפון אויף א האָר אין דער זייט! און דערצו נאָך — בין איך זיך מודה פאַר אייך. בין איך בטבע פויל — איך טראַכט מעהר ווי איך טהו. אבי עס טרעפט זיך נאָר עפּיס א שטיקעל עבוב מיר, בעפריי איך מיך פון איהר זעהר גערן. דעריבער אז די דעות זענען מחולק אין מיר, האַלטען זיך מיר ביי דער פען, ציהענדיג זי איטליכער צו זיך, פסק׳ע איך ווי יענער מאַן דאמר: נישט צו דעם, נישט צו יענעם, לאָז זיך ליגען ביז וואַנען משיח וועט קומען. און אָט קומט ער... דער בחור, ער קומט אָן פלוצלינג מיט דעם שטורעם און גיט מיך א דרעה צוריק צו דער פערגאַנגענהייט. אצינד דער קאָפּ ליעגט מיר איננאַנצען אין יענער צייט, דאָרט וואו איך האָב געלעבט אין דער יוגענד. אַלט, זאַט מיט צרות, מיט א הארץ אָנגעפלאָגט און פערוואונדעט פון פליהענדיגע פיילען אין לעבענס־קאַמף. געפּרובט מיט ביטערע שווערע יסורים, האָב איך מיך אומגעקעהרט צו מיין וועלטעל וואָס א מאָל, און דער כח המדמה ברייננט מיר אַרויף פון אונטער ערד זיין צויבער, ווי יענע כישוף־מאַכערין פאַר שאול׳ן אין עין־דור, פאַרשיעדענע בילדער און צורות, מיט נאָך פיעל מיני משונה אַלטע זאַכען פון אַמאָליגע יאָהרען. זיי קריכען אַרויס און קוקען אויף מיר בייז, ווייל זיי פערשטעהען זעהר גוט, וואָס דאָס אומקעהרען זיך מיינס צו זיי בעדייט און צו וואָס זיי ווערען דאָ אַרויסגעפּאָדערט — זיי ווייסען, אז דאָס בין איך געקומען נעהמען זיי, און ווייזען זיי פאַר דער וועלט אויף וואונדער. אוי חעה, יענץ וועלטעל מיינס איז זעהר א קליינס, דאָרטען בליהען נישט קיין פּאָמעראַנצען, עס וואַקסען נישט קיין רויזען, מען זעהט דאָרטען נישט קיין גרוים נחת, טייכען פון מילך און האָניג גיסען זיך דאָרטען נישט און דער עולם דאָרט איז א געמיינער, נעבעך.

אידען מיט בערד און פאות און מיט לאנגע קאפאטעס, דארע, קווארע, געבויגענע, קראנקע, צובראכענע, דערשלאגענע, פערשווארצטע, פערפינסטערטע, ציטערען פאר דער שיין. עס טהוט מיר זעהר באנג, רבותי, בעאומרוהיגען די אלטע ביינער זייערע און מטריח זיין די דאזיגע מתים זיי זאלען ארויף אויף דער סצענע מיט זייער כבוד אליין. און ווער ווייס, צו וועלען זיי זוכה זיין צו א שענעם אויפנאהם. פיעל פון אונזערע אידעלעך זענען דאך, נעבעך, היינט זיך שטארק מצער איבער זייער נאז, וואס שטעהט און שרייט ארוים איטליכען, אז דאס זענען פון די בני יעקב! ווען זיי זאלען נאר האבען די מעגליכקייט, וואלטען זיי פערביטען זי אויף א אנדערע — און פלוצלינג טראגט דער רוח אן פון ערגיץ אידען אלטע, פערשימעלטע, עפים משונה־ווילדע מיט זייער שטעהן, מיט זייער געהן, מיט זייער ריידען און מיט דעם גאנצען בענעהמען זייערען, משטיינס־געזאגט, אנצוטאן זיי א בושה עפענטליך פאר א וועלט מענשען. ניין, ברידער, דאס איז נישט קיין שפאס, איך זאג טאקי ארוים אייך גאנץ ערענסט אזוינס, וואס האט מיר געמאכט עגמת־נפש, און וואס צוליעב דעם האט איהר מיך געטראפען זיצענדיג אזוי פערזארגט און פערטיעפט אין די געדאנקען. און באמת טאקי, וואס האט מען צו דערצעהלען פון אונזער לעבען אין מיינע צייטען? איבערראשט די וועלט מיט גרויסע וואונדערליכע זאכען האבען מיר נישט, קיין גראפען, פריצים און יענעראלען און גרויסע שיסערס זענען מיר נים געווען, קיין ראמאנען מיט יפיפה׳ס האבען מיר נישט געשפיעלט. שלאגען זיך אויף דועלען ווי די בעק, אדער זיין ווי עדות צוקוקען, ווי צוויי פערגיסען זיך דאס בלוט, האבען מיר נישט געפרובט, און טאנצען קאדרילען מיט נקבות אויף בעלער האבען מיר נישט געקענט. און אויף געיעג אין פעלדער, [אין וועלדער צו חאפען בערען, זענען מיר נישט געגאנגען. געראיזט אויף אייגענע שיפען איבער ים׳ען אויפצודעקען נייע אינזלען האבען מיר נישט. מיט טענצערינס און אקטריסעס האבען מיר קיין געשעפטען נישט געהאט, און איבער פרימאדאנעס און אנטאן זיך די גרויסע פארגעניגענס האבען מיר זיך נישט אויסגעבראכט. בקיצור אט די אלע צימעסלעך צום ספור המעשה, ער זאל זיין געשמאק און נעהמען דעם עולם — אט דאס אלסדינג איז נישטא ביי אונז און אנשטאט דעם האבען מיר א מלמד, מיט א חדר, מיט א בעהעלפער, שדכנים, חתנים. כלות, מיט ווייבער׳ קליינוואר, חלוצות און עגונות, אלמנות און יתומים, נשרפים, געפאלענע און אבגעקומענע, אלע סארטען ארימע לייט, ארומגעהענדיגע איבער

די הייזער ערב שבת, ערב יום טוב, ראש חודש און גלאט אזוי זיך מאנטאג און דאנערשטאג, בטלנים, גבאים מקבלים, און צדקה־פושקעס אלע מיני פורעניות, דלות, קבצנות און אלערליי מיני משונה׳דיגע פרנסות, אט דאס איז אונזער לעבען, אז אך און וועה איז צו אונז! א לעבען, משטיינס־געזאגט, אהן נחת, אהן א רוהיג געמיט... א פינסטערס אהן א שיין, אהן א שטראהל ליכט; א לעבען וואס האט א טעם ווי א געקעכטס אהן פעפער און אהן זאלץ.

— א טעות, כ׳לעבען, רב שלמה — זאגען מיר: — נו, לאז שוין זיין אפילו ווי איהר זאגט, אז אין דעם אידענס לעבען פעהלט געווירץ, אבער דערפאר האט ער אין זיך א מין אידישען טעם, וואס ס׳איז נישטא זיין גלייכען. ס׳איז דא א מין קעז, וואס ער איז מיט ווערים, און די מבינים וואס פערשטעהען זיך אויף דער אכילה, צאהלען דערפאר אין טאג אריין און עסען דאס מיט א מארגעם אפעטיט. אט די ביטערקייט וואס איז אין אונזער לעבען, אט דאס איז טאקי די גאנצע חשיבות זיינע, און עס איז געשמאקער דעם מבין פיעל מעהר פון יענער פריקרע זיס־קייט, פון וועלכער עס נודזעט אמאל גאר צום ברעכען. לעקעכלעך, דאס איז א מאכל נאר פאר קליינע קינדער. דאס לעבען פון די כנסת ישראל, האטש עס זעהט אויס שטארק מאום פון דרויסען, אבער שען איז עס אינוויינינג. א שטארקער גייסט ליעגט אין דעם אידישען לעבען, א גייסט א געטליכער, וואס ווי א ווינד וועהט ער שטענדיג, אויפהייבענדיג אין איהם הוואליעס, כדי צו רייניגען זיי פון שמוץ און פוילקייט. די דונערען און בליצען, פאגראמען און שטורעמס, וואס קומען אויף זיי אמאל, זיי לייטערען זיי, און גיבען זיי צו אנייע קראפט. דאס אידישע פאלק איז ווי דער פארצייטיגער גריכישער פילאזאף דיאגענעס, דער קאפ זיינער פליהט איהם אין הימעל, דערקענט נאטס גרויסקייט אהן א סוף, און אליין, וואוינט ער דא צווישען די אומות העולם (ווי יענער אמאל אין זיין פעסעל) צוגריפגעשטיקט אין א בעשטימט ענג ארט. אונטער די בערגלעך מיסט אין חדר, ישיבות און בתי מדרשים גליהט דאס פייעריל פון תורה, פארברייט ליכט און ווארעמקייט צווישען גאנצען פאלק. אלע אונזערע קינדער, ארים און רייך, קליין און גרויס, לערנען און קענען אין די קליינע אותיות. אט אזא לעבען, זאגען מיר, איז ־עכט און עס פאסט טאקי, אז ס׳זאל פערשריבען ווערען לדורות.

— צוגעגעבען אפילו ווי איהר זאגט — ענטפערט רב שלמה — איז דאך דאס גערעדט געווארען נאר אקעגען דעם לעבען פונ׳ם

גאַנצען פאָלק בכלל, אָבער מיין לעבען אַליין, פאַר זין גענומען, מיט וואָס האָט עס פערדיענט און וואָס פאַר אַ נייעס איז אין איהם דאָ, ס'זאָל ווערטה זיין, מען זאָל עס בעשרייבען? עס האָט זיך פּאַסירט מיט מיר דאָס איינענע, וואָס מיט טויזענדער אַנדערע ביי אונז. גאַנץ געוועהנטליכע זאַכען. איז דען דאָ נאָך אַ אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער לעבען פון איטליכען בעזונדער זאָל זיך ציהען פונ'ם געבוירען ווערען ביז דעם שטאַרבען אויף איין נוסח, ווי ביי אונז יודישע קינדער? די ערציהונג, דאָס לערנען, דאָס דאַווענען און דער ניגון צו יעדער תפלה, צו יעדען פזמון, צו יעדער שטיקעל פּיוט, צו יעדער סליחה, האָט זיין געשטעלטען, געוויסען נוסח, אפילו עסען און טרינקען האָבען אויך איין נוסח. איז עס דען וואו געהערט געוואָרען, אַז אין אַ גע־וויסער שעה, פרייטאָג צונאַכטס, אַ שטייגער, זאָל אַ פאָלק יודען עסען פיש, לאָקשען און צימעס? שבת אין דער פריה — רעטיך און פּעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער, אַ אויסגעפּריעטע קאַשע מיט אַ גרויסען מאַרך־ביין דרינען; אין דעם און דעם טאָג זאָל מען עסען קרעפּלעך, אין יענעם טאָג המן־טאַשען און אין דעם טאָג אַ געלען קוילעטש מיט זאַפרען. הויבט איינער אָן זאָגען „כל מקדש“ אָדער שרייען „חי וקים“ אין בערדיטשעוו, הערט זיך דער איינענער ניגון און דאָס איינענע קול אויך אין אַרגענטינע, וואָס אין עק וועלט. מיר זענען אַ עדה פון מילבען, וואָס ווי איינע, אַזוי די אַנדערע, אַלע גלייך. אין דער נאַטור געשיכטע, זאָאָלאָגיע, ווערט גע־רעדט וועגען דעם מין מילבען בכלל, אָבער נישט וועגען איטליכער מילב בעזונדער.

— אין פלוג, דאַכט זיך, רעדט איהר גאַנץ גלייך — ענטפערט חברה איהם — דאָס יודישע לעבען זעהט טאַקי אוים ווי מיט איין נוסח ווי ביי די מילבען. אָבער אין אמת'ן איז צווישען זיי דאָ אַ גרויסער חילוק: די מילב מוז פון דער נאַטור טאָן אַזוינס, וואָס ס'איז גע־שטעלט געוואָרען פאַר דעם גאַנצען מין מילבען, נישט צוקרימען אויף אַ האָר. ביי מענשען איז אָבער נישט אַזוי. איין זאַך וואָס ליגט אין דער טבע ביי אַ כלל מענשען, בעקומט ביי יעדערן פון זיי אַ גאַנץ אַנדער פּנים, יעדערער טהוט זי אויף זיין שטייגער, אַנדערש ווי דער צווייטער. ביי איטליכען מענשען לאָזט זיך בעמערקען אַ בעזונדער כאַראַקטער אין דעם רעדען, אין דעם שמייכעל, אין דעם ווינקען מיט

די אויגען, אין דעם גאַנג, אין דעם שטייגער עסען און טרינקען, האָטש די אַלע זאַכען זענען אַ מתנה פון גאָט בײַ אַלע מענשען. און נאָך מעהר דערקענט מען דעם מענשען אין זיין סטיל, זיין שטייגער שרייבען. איין זאַך קומט בײַ איין שרייבער אַרויס אַנדערש ווי בײַם צווייטען. — אין שני נביאים מתנבאים, צוויי נביאים, זאָגען אונזערע חכמים, רעדען נישט איין זאַך בסגנון אחד, מיט איין סטיל... אומזיסט אייער טענה'ן, רב שלמה! שרייבען אייער לעבענס-געשיכטע מוזט איהר.

— מהיכא-תיתי, פאַר זיך אַליין אפשר טאַקי יאָ, אָבער נישט פאַר אַנדערע — זאָגט רב שלמה, ווילענדיג ווי-ס'איז זיך אַרויסדרעהען — איך בין מוסכם אָנצושרייבען וואָס אין מיין לעבען איז פאָרגעקומען נאָר פאַר מיר, אָבער דאָס זאָל ווי די דאָזיגע קנעפּלעך ליגען בײַ מיר צו-דינען פאר אַ זכרון אין די אַמאָלדיגע יאָהרען-טעג און מיך אָבהיטען פון אַ זינד.

— ניין, רב שלמה — האָבען מיר אַלע געשריען — שרייבען און טאַקי דרוקען!

— אויב יאָ אַזוי — מאַכט רב שרמה מיט אַ שמייכעל — אַז איהר זאָגט דרוקען, געהט זשע ווייטער און רעכענט אוים נאָך און נאָך מלאָכות, וואָס אַ יודישער מחבר האָט צו טאָן, כסדר: שרייבען און צונויפבעהמטען פרענומעראַנטען און הסכמות; דרוקען און מגיה זיין, קנעלען, האָבען צוטאָן מיט דעם בחור הזעצער; מאַכען אַ גרויסען לוח-הטעות, אַזויפיעל וויפיעל אין ביכעל זענען דאָ ווערטער; אַרומגעהן איבער די הייזער, טיילען און אָנוואַרפען אויף יודען די ספרים, דערנידעריגען זיך פאַר איטליכען גאָרנישט, פאַר אַליאַד מענשעל, אַריינלאָזען זיך אין וויכּוחים מיט קמצנים און נאָך אַזוינע מיני נפשות, וואָס ווילען זיך אויסדרעהען; בוקען זיך און קבצנ'ען לכבוד גאָט, לכבוד התורה ולכבוד דעם הייליגען לשון פון קודשא-בריך-הוא מיט די כנסת ישראל; געבען אַ סך ספרים בעקאַנטע במתּנה און מוכרי ספרים אויף באָרג ביז משיח וועט קומען; און נאָך אַלע זאַכען פערקויפען דאָס רעשט ווי שמאַטעס אויף פאַפּיער — אַ קאָפּיקע פאַר אַ פוד! — ניין! ברידער, איך טויג נישט צו אַזעלכע אַרבייט.

— האָט איהר דען פערגעסען, רב שלמה, אַז ס'איז עפּים דאָ אַ מענדעלי מוכר ספרים אויף דער וועלט, און לבטלה האָט גאָט איהם נישט בעשאַפען! — לאָז איך מיך הערען היינט מיט גדלות, ווי אַ גע-נימער אין אַזוינע זאַכען. באַ! איהר האָט, זייט מוחל, נאָך נישט גע-

ענדינג דאָס צעטעל פון אַלע מלאָכות. דעם חילוף האָט איהר פער־געסען, דאָס מיינט מען דעם גלגול, וואָס יודישע ספרים ליידען בעונותינו הרבים. עמיצענס אַ ספר ווערט דורך די מוכרי ספרים מגולגל אין אַ תחינה פון שרה־בת־טובים, די תחינה ווערט מגולגל אין אַ קינה, די קינה אין מעשענע לייכטער, מעשענע לייכטעד אין אַ שופר, אַ שופר אין אַ סליחה, אין אַ מחזור, סליחות, מחזורים אין וואָלפציינדלעך, אין אַ כל־בו און טלית־קטן׳ס. אַט אַזוי געהען זיי איבער פון איין גלגול צום אַנדערען גלגול, ביז זיי ווערען צופליקט, צוריסען און ווערען שמאַטעס. ס׳איז דאָ נאָך אַ מיני חיבורים, וואָס פאַר די זינד פון זייערע מחברים, ליעגען זיי ווי די שטיינער, רחמנא־לצלן, וואָס טויגען צו גאָרנישט, סיידען צומאַכען פון זיי שפּיי־קעסטלעך, מען טהאָר אָבער נישט שפּייען אויף שמות... נישקשה, רב שלמה, נעהמט שרייבט, און וואָס נאָכ׳ן שרייבען דאַרף זיין, דאָס נעהם איך שוין אויף מיר. דער גאַנצער ענין דאָ מיט אונז איז באמת מאַקי מן השמים. זעהט, איך בין אויך ווי איהר זאָגט, געגאַנגען צו אייך אין אַ שטורעם.

רב שלמה האָט געשוויגען און מיר פריינדליך געדריקט די האַנד, ווי איינער זאָגט: מאַקי זאָל זיין ווי איהר ווילט!

געזונד זאָל זיין רב שלמה, וואָס האָט געהאַלטען וואָרט און אין אַ יאָהר אַרום מיר אַריינגעשיקט פיעל פון זיינע געשריבענע זאַכען, וועלכע איך וועל מיט דעם אויבערשטענס הילף לאָזען אָבדרוקען אין אַ קורצע צייט כסדר איינע נאָך די אַנדערע.

# שלמה ר׳ חיים׳ס

(אַ בילד פון אידישען לעבען אין רײש ליטאַ)

# I.

א צעהן וויערסטלעך פונ'ם שטעדטעל ק... אין דער ליטא ערגיץ-
געפינט זיך א מין קליין דערפעל עפעס, ארומגערינגעלט מיט גרויסע וועלדער,
צווישען וועלכע עס פלייצט א היבשער, א שענער טייך, וואס נעבען
איהם שטעהט א מיהל, און דעריבער הייסט דאס דערפעל מליניצא.
אויף איין זייט טייך קוקען ארויס פון צווישען גרינוואַרג און בוימער א
דריי קליינע הייזלעך פאר דריי פויערשע פאמיליעס, די איינציגע איינ-
וואוינער דארט, און אויף דער אנדער זייט טייך שטעהט הארט נעבען
וואלד איין איינציגע שטוב פון קיילעכדיגע ברעווענעס מיט קליינע פענס-
טער און א הויכען, אלטען דאך. דארט זיצט חנא מליניצער מיט זיין
הויזגעזינד, דער ארענדאר פון דער מיהל, וואס די חזקה אויף דער
ארענדע געהט איבער אין זיין משפחה פון טאטעס צו קינדער. אינגאנ-
צען זעהט מליניצא אויס ווי א נעסט, וואס ליגט פערבארגען אין א ווינ-

קער, אָבגעריסען פון דער וועלט, ווייט פון מענשען און פונ'ם טראַקט, נאָר קליינע שמאָלע וועגלעך שלענגלען זיך דורך דעם וואַלד דורך טאָלען און בערגלעך און פיהרען צו דערפער, וואָס ליגען צווישן אַרום און אַרום. און ווען מענשען זענען דאָ זעלטען, עס רעש'ט נישט, עס קאָכט נישט ווי אין שטעדט, דערפאַר שווימעלט און גריבעלט דאָ אין די וועלדער, אין די זומפּען און פעלדער אַלערליי בעשעפעניש, חיות און עופות; דערפאַר לאָזט זיך דאָ הערען אַלערליי קולות: אַ געזאַנג פון פויגעל, אַ קראַקען, אַ קוואַקען, אַ שמוצערן, אַ גרילצען זומער, אַ וואָיען, אַ היילען פון הונגעריגע וועלף ווינטער, און אַ מאָל אַ ברומען פון אַ פערבלאָנדזשעטען בער אויך — און אין דעם דאָזיגען קאָנצערט פערטראָגט זיך אַ רוישען פונ'ם וואַסער בײ'ם אַראָבפאַלען אויף די רעדער, אַ קלאַפּען, אַ מאָהלען פון דער מיהל.

ס'איז אחרון של פסח — אַ שענער, אַ וואַרמער וועסנע-טאָג. די גילדענע זון האָט בײ'ם אויפגעהן צעריסען, צעטריבען די גרויע וואָלקענס אין דער לופט און מיט איהר ליכטיג פּנים אַראָבגעקוקט פונ'ם בלויען הימעל מילד פריינדליך אויף דער ערד. גאָטס בעשעפעניש, אַלע פון גרויס ביז קליין, האָבען אויפהאָפּענדיג זיך פונ'ם לאַנגען ווינטער-שלאָף לעבענדיג פרעהליך, זיך גענומען איטליכער צו זיין זאַך. פריש-געלע בלומען שטעקען אַרויס די קעפּלעך פון צווישען יונגע גרינע גראָז, קוקען אַרויס און מאַכען חן. ווערבעס בײ'ם טייך האָפּען זיך אָנטאָהן זייער נייגרינע זופּיצע, שפּיגלענדיג זיך אין דעם וואַסער ריין קלאָר ווי זילבער. פון די ווייטע וואַרמע לענדער, דאָרט אין דער פרעמד, קומען עופות משאַטעסווייז צוריק אַהער אין זייער רוה אריין. ווילדע גענז פליסקען זיך ערגעץ צווישען וויספּעס דאָ אין טייך. ווילדע קאַטשקעס דרעהען זיך אַרום דעם טשערעט, אַרויס, אַריין מיט אַ געהילך, אַ געשווישטש. שוועלבעלעך פלאַטערען, שוועבען אַהין, אַהער אין דער לופט, שטאַרק פערטראָגען אין דעם בויען, פעררייכטען נייע און אַלטע נעסטער. ברוך-הבאָ! דאָס אַלטע בעקאַנטע פּאָר-פּאָלק בושעלס איז אויך למזל דאָ אין אַ גוטער שעה. זי, די בושעליכע, שטעהט אויף איין פוס, דאָס קעפּעל אין דער זייט, שטעהט בעטראַכט איהר אַלטע נעסט אויבען אויף אַ שפּיץ בוים, און ער אויף די לאַנגע שטעלצען שפּאַצירט זיך האָפּערדיג אויף דעם זומפּ דאָרט, צוקוקענדיג זיך צו אַ קאַליושע, וואו עס שפּרינגען, קוואַקען זשאַבעס, און פּלוצים פּיק-פּיק, אַ חאַפּ אין דעם רויטען נוייטען

פיסק אריין... ס'איז אַ ליבע, אַ פרייד, אַ פליהעניש, אַ זונשייַן, אַ געזינגעריי, אַ געשווישטשעריי אומעטום.

ס'איז יום־טוב, ס'איז ווסנע־צייט!...

דאָס גאַנצע הויזגעזינד דעם אַרענדאַרס איז אַצינד אין דרויסען. חנאַ זיצט צעשפּילעט אויף דער באַנק נעבען דער שטוב, קוקט אויף גאָט'ס שען וועלטעל און גענעצט... ער האָט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, באַלד נאָך מיטאָג געחאַפּט אַ דרעמעל. די עלטערע קינדער אַרום איהם שטעהען און שמועסען תוך־זאַכען: וועגען אַ גרעבליע, וואָס עס האָט ערגיץ נישט וויט פון דאַנען אָבגעריסען; וועגען דעם פאָהרען אַהין אין שטעדטעל מאָרגען פריה, איינצוקויפען דאָרט פאַר דעם פריץ און אויך פאַר זיך נויטיגע זאַכען; וועגען דער שקאַפּע, אַ זקנה פון אַ יאָהר דרייסיג, בלינדליך אַביסעל, וואָס ליגט, מחילה, צוּליגט אויפ'ן גוייַנעם גראָז אַקעגען, קיקעלט זיך און גלייכט זיך אויס די אַלטע קראַנקע ביינער, וכדומה נאָך אַזעלכע וויכטיגע זאַכען אין דעם בעל־הבתישקייט. די יונגערע לויפען אַרום פריי און זענען שטאַרק בעשעפטיגט: אַ טייל שטעהען אויפ'ן בריקעל נעבען דער מיהל, קוקען ווי דאָס וואַסער לויפט דורך די אָפענע זאַסטאַווקעס, פאַלט אין איין גוס, ווי איין שטיק גלאָז, אַראָב טיעף אונטען מיט איםפּעט, מיט גערויש, און צעשפּרינגט אין טויזענטער קליינע שפּריצלעך, שפּילענדיג אַקעגען דער זון אין אַלערליי קאָלירען, ווי בריליאַנטען. ווידער אַ טייל שטעלען־אונטער שיסעלעך נעבען בערעזענע בוימער, פון וועלכע עס רינט, דורך אַ געמאַכט שפּעלטעל אין זיי, אַ געשמאַקער, קלאָרער זאַפט. אַלע זענען פרעהליך, זעהען אויס יום־טוב'דיג. צוציק, דער הונד, אַ דיקבייכיגער מיט קורצע פיס און שוואַרצע פלעקען אויף דער שמוציגער ווייסער פעל, איהם פרייעט זיך אויס דאָס האַרץ, פיהלט אויך, אַז היינט איז יום־טוב. ער האָט היינט ניש'קשה געחאַפּט שיריים אונטער דעם טיש, אָבגעלעקט אַ ביין. ער פעררייסט דעם וויידעל, טאַנצט, שפּרינגט משוגע'נערהייז אַהער, אַהין, אונטערפּישטשענדיג עפּעס אויף אַ מין משונה הינטיש קול.

אויף אַ פריי־גרינעם פלאַץ אין וואַלד הינטער דער שטוב, זיצט אויף אַ שטיק קלאָץ פון אַ גרויסער אומגעפאַלענער סאָסנע חנאַ מלינעצערס ווייב, אַ שענע בעטאָגטע יודענע, אינאיינעם מיט איהר טאָכטער, אַ ווייַ־

בעל פון עטליכע און צוואנציג יאָהר. אַקעגען אויפ'ן גראָז זיצען אָנגע־לעהנט צוויי קינדער איהרע — אַ מיידעל, אַ שענהייט, אַ בלאָנדינקע מיט געקרויזטע לאָקען פון אַ יאָהר פינפצעהן, און אַ יונגעל אויף אַ פּאָר יאָהר יונגער פון איהר. ס'איז עפּעס גאָר ניט דער פּנים, דאָס אויסזעהען בײַ די דאָזיגע דאָ ווי בײַ יענע דאָרט פאַר דער שטוב. יענע און די זע־נען עפּעס ווי אַנדערע מענשען. יענע זענען אויפגערוימט, יום־טוב'דיג און די זענען פערחומערט, פערזאָרגט, זיצען עפּעס ווי תשעה־באָב צו די קינות. די מאַמע און די טאָכטערביידע זעהען אויס שטאַרק צעטראָגען. ביידע האָבען אויפ'ן האַרץ זעהר פיעל און שטיקען זיך מיט אַ וואָרט, איינע וואַרט, די אַנדערע זאָל אָנהויבען צו רעדען.

— נו, לאָה! — האָט לסוף נאָך אַ היבשער צייט שווייגען די מאַ־מע גלייך ווי אין דער וועלט אַריין אַ זאָג געטאָן — זענען מיר שוין, ברוך־השם, דעם יום־טוב אויך איבערגעקומען. נו וואָס ווייטער, לאָה?

— ווייטער איז צרות. די אַלטע צרות. אַזוי, אַזוי, מאָרגען פּאָהר איך, מאַמע.

— אַז דו ועסט בלייבען צוגאַסט נאָך אַ פּאָר טעג, לאָה, וואָס קען עס די אַרען? — זאָגט די מאַמע און די אויגען פערלויפען איהר מיט טרערען.

— איך קען נישט, איך קען נישט, — ענטפערט לאָה, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד.

— זי קען נישט! — מאַכט די מאַמע בעוואַשענדיג זיך מיט טרע־רען — ס'איז איהר ביטער שווער געבען דער מאַמע!...

— זעהסט דאָך, מאַמע, אַז איך בין צו דיר געקומען

— געקומען, זאָגט זי... יאָ דו בינסט געקומען, אַ שענעם דאַנק דיר. נאָר... דאָס מאַמעס האַרץ פיהלט — פיהלט, אַז דער טאָכטער איז שווער. זי זיצט דאָ ווי אויף שפּילקעס. זי שווייגט און די אויגען איהרע רעדען, איטליכער בליק איז אַ שטאָך, איטליכע מינע איז פול מיט פערדראָס, ביטער ווי גאַל. געוואַלד, איך האַלט עס נישט אויס. עס שניידט מיר ביז אין דער זיבעטער ריפּ.

— מאַמע!...

— ווּעה איז דער מאַמע, וואָס האָט די ווּיסטע מאַמע געקענט טהאָן, בעסער מאַכען? ס'איז מיר אויסגעקומען האָטש לעגען זיך, שונאַ־ציון, און שטאַרבען, אויסגעהן פאַר הונגער און וואָס וואָלט געוואָרען פון די ברעקלעך קינדער?

— און היינט, וואָס וועט היינט פון זיי ווערען? — מאַכט לאָה, מיט אַ זיפץ פונ'ם האַרצען.

— היינט? ווי די מעשה איז, איידיל איז אַ כלה און דוד'ל..

— איין איבערבייגדעל, אַ בילמע איטליכען אין די אויגען... און איידיל, מישטעהנס געזאָגט, איז אַ כלה! ס'איז נאָר אַ וועהמיג צוהערען... איידילע, וואָס איז דיר?! — טהוט זיך לאָה אַ חאַפּ צו דער שוועסטערל, וואָס האָט פּלוצים זיך אַ קרום געטאָן און בלייך געוואָרען ווי וואַנד — דיר איז נישט גוט, טוט וועה? ווייטער אין דעם האַרצען?...

— ניש'קשה, לאָה, גאָרנישט. גלאַט אזוי זיך אַ שטאָך.

— געה, נשמה, — רופט זיך אָן די מאַמע — געה אין שטוב אריין און לעג זיך צו. געה, דוד'ל, מיט איהר און דעק זי דאָרט גוט איין מיט מיין שאַל.

ביידע קינדער הויבען זיך אויף און געהען אַוועק אומעטיג מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ.

— שענע תכליתים! אייד, איז אַ כלה, יא נעבעך א כלה, אַ ווּיסטע כלה! — זאָגט לאָה בעטריבט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — אַ יונגע רויז, ערשט אָנגעהויבען בליהען און שוין פערדאַרט...

— לאָה איך האַלט עס נישט אויס! אַ האַרץ האָב איך פול מיט מכות און דו שיטסט מיר נאָך זאַלץ אויף די וואונדען. געוואַלד וואָס בין איך שולדיג, וואָס האָב איך געקענט טהון? געוואַלד רחמנות, האָב רחמנות!

— נו, געענוג, גענוג, מאַמעניו!... קום בעסער זעהן, וואו איז ערגיץ שלמה. וואָהין ווערט ער עס אַזוי אָפּט עפּעס ווי פערפאַלען?

— זאָל איך אַזוי וויסען בייז. דעם היינטיגען ווינטער, וואָס ער איז דאָ ביי מיר, האָט ער פערבראַכט אין לערנען. פלעגט אויפשטעהען

פארטאג לערנען גמרא פאר זיך, און ביי טאג — מיט די קינדער. די מאמע האט נאר אנגעקוואלען פון אזא זוהן. דאס הארץ האט מיר זיך געפרעהט קוקענדיג אויף איהם. די לעצטע צייט אבער איז ער עפעס ווי איבערגעביטען געווארען. די גמרא אין דער זייט, תמיד פערטראכט, שרייבט, טענטעלט, איך זאל אזוי וויסען פון צער, וואס ער טענטעלט אזוינס. און זינד ס'איז ווארם געווארען, עס האט אנגעהויבען אומעטום צו וואקסען, צו שפראצען, בלאנקעט ער זיך שטענדיג איינער אליין אין וואלד ארום. אלץ פערטראגען, פערפלאמט. תאמר ווייסט־דו וואס? איין מיטעל וואלט געווען — חתונה מאכען, נאר ער איז אבער, א פנים, א שלים'מזל...

— אין וואס, מאמע, זעהסט־דו עס ארוים?

— ס'איז א וועהטיג צו זאגען. דריי כלות איינע נאך דער אנדערער האט מען מיר גערעדט פאר איהם. איך בין געפאהרען זיי אנקוקען. און וואס לאזט זיך אוים? איינע איז א בלינדע אויף איין אויג, די צווייטע מיט א צוגעפלעטשטער נאז און די דריטע הינקט־צו אויף א פיסעל. דאס מזל זיינס איז שוין, א פנים, אזוי... מילא חתונה מאכען — נישט, וואס דען־זשע? ווייטער אין די ישיבות אריין, זיצען און לערנען דארט, דערפון וויל ער נישט הערען. לאז מיך צורוה, זאגט ער, מיט דיינע ישיבות, מיט דיינע תכליתים! גענוג געשווארצט דאס פנים, געגעסען טעג, גענוג געקוועטשט די באנק, געריבען זיך. רייבען זיך ווייטער דארט ביז איך וועל מיך אויסרייבען און ווערען א שמאטע — פע! גענוג אויסגעריבענע שמאטעס ביי אונז אהן מיר אויך... דו הערסט א לשון א ביסעל פון א בחור, א זיבצעהניעהריגען בחור! — שא, אט געהט ער, אט איז ער אליין, תאמר וואלסט־דו, ווי א שוועסטער, געפריוווט מיט איהם א רעד טאן גלאט אזוי זיך.

א בחור'ל מיט שווארצע געגרייזעלטע האר, א הויכען שטערען און ברענענדיגע אויגען ווייזט זיך פונ'ם וואלד. ער לייענט געהענדיג עפעס א ביכעל, שטארק פערטיפט אזוי, אז ער זעהט נישט, וואס ארום איהם.

— הא, וואס איז עפעס אזוי פערטראכט שלמה! — מאכט די שוועסטער מיט א שמייכעלע, אבשטעלענדיג איהם אויפ'ן וועג.

— א־א, לאה! — טוט זיך שלמה א חאפ און באלד טאקי קוקט ער אריין ווייטער אין ביכעל.

— עפּעס בּיזט־דו העט־העט דאָרט, גאָר ניט אויף דעם עולם — זאָגט לאה, ארויפלעגענדיג די האנד איהם אויפ׳ן בּיכעל — וואָס איז, איך בּעט דיך, דאָרט אזוינס

— דאָרט איז נישט וואָס דאָ — ענטפערט שלמה, אָנקוקענדיג די שוועסטער — דאָ איז צרות...

— אוים יום־טוב, שלמה! רופט זיך אָן לאה און אין די אויגען שטעלען זיך איהר טרערען — מאָרגען פאָהר איך, דאָס וואָס איז דאָ צו רעדען, לאָמיר רעדען היינט. קום.

די מאַמע געהט אונטער איין אויסרעד אוועק אין שטוב אַריין, איבּערלאָזענדיג די קינדער אַליין, און זיי, דער בּרודער מיט דער שוועסטער, שפּאַצירען אַרום, אַהין־אַהער, בּיידע אַריינגעטאָן אין אַ וויטען אַ בּרייטען שמועס, און, ווי עס זעהט אוים, גאָר ניט אין קיין פרעהליכען שמועס.

דערוויל פאַלט צו די נאכט. שטילער, שטילער ווערט דאָס גערויש, דאָס געווימעל אַרום און אַרום. איינס נאָך דאָס אַנדערע צינדען זיך אָן שטערענדלעך אין הימעל. וואַלד און פעלד שווייגט, אַלסדינג דאָרט רוהט. עס גלעט זיי, פערוויגט זיי דאָס מילדע וואַרמע וועסנע־ווינטעל. דער סאָלאָוויי זינגט זיי אַ שען לידעל, זשאַבּעס קוואַקען, דערציעהלען זייערע אַלטע מעשיות — און גאָטס בּעשעפעניש שלאָפט. עס שלאָפט אונטער דעם שאָטען פון בּוימער און טשערעט אויך דער טייך, איבּערגעדעקט מיט טומאַן. שאַ, שטיל, נאָר וואָס אַ מאָל טוט זיך אַ וואָרף פון אונטען אַ פיש און דערלאַנגט איהם אַ פּאַטש.

בּיי חנאָ מליניצער אַ קעגען איז דאָס גאַנצע הויזגעזינד אַ צינד אויף — מען פּטר׳ט אַרויס דעם פּסח פון שטוב, און דאָס אַרויס׳פּטר׳ן איהם, האַק און פּאַק מיט אַלע זיינע כּלים, מאַכט אָן אויף דעם יודענס נשמה עפּעס אַ מרה־שחורה. אַך, רבּונו־של־עולם, וויפיעל חן עס ליגט אין דעם פּסח׳דיגען פאַרעווען טאָפּ, אין דעם גרויסען בּייכיגען בּיטעל, אין די מאַקערטעס, פלעשלעך און גלעזלעך! דאָס אייגענע גלעזעל, וואָס אַלע נעבּט פון אַ גאַנץ יאָהר איז אַזעלכעס פּראָסט אַ קעלישיקעל, הלילה הזה, די נאַכט פון פּסח, איז עס אַ כּוס... עס שיינט, עס רעדט עפּעס ווערטער, עס דערמאַנט אַ מאָל אויך אין אַלטע צייטען, וועלכע עס האָט איבּערגעלעבּט, און עס הערט זיך אַ גרוס אייניקלעך פון זיידעס, בּאָבּעס...

יער איבערגאַנג פון יום־טוב צו וואָך לאָזט זיך איבערהויפט שווער פיהלען דעם יודען, נאָך שווערער נאָך איז איהם אויפ׳ן געמיט ביי׳ם געזעגענען זיך מיט דעם פסח — אוים פריץ, ווייטער אַ יאָך!...

מאָרגען גאַנץ פריה האָט פון מליניצאַ זיך געלאָזט אַ וואָגען, וועלכען עס האָט געשלעפט מיט איהר כבוד אַליין די אַלטע שקאַפּע, וואָס איז געלעגען נעכטען צולעגט, מחילה, קויקלענדיג זיך פראַנק און פריי אויפ׳ן גרינעם גראָז. אויבען אין וואָגען אויף פעקלעך זאַכען מיט אַ גרויסער קישען זיצט לאָה. איינער פון חנאָ׳ם זיהן זיצט אויף דער קעלניע, מיט אַ בייטשעל אין דער האַנד, גלאַט אַזוי זיך, פון יוצא וועגען, נישט צו בעליידיגען דערמיט חלילה די זקנה נעבעך, וואָס איז כמעט צוויי מאָל עלטער פון איהם און האט נאָך דעם זיידען זיינעם, עליו השלום, גע־פיהרט. זי געהט זיך איהר וועג גלאַסען, חעצקענדיג זיך שען, פיין, ווי איהר שטעהט אָן, און צוציק דער הונד לאָזט, ווי אַ טרייער געזעלען, זי נישט אָב: דאָ דרעהט ער זיך איהר אַקעגען, פלאָנטעט זיך איהר צווישען די פיס; דאָ הייגגט ער זיך איהר אויפ׳ן האַלז אונטערשפרינגענדיג און אָנהאַוקענדיג איהרע פולע אויערען, דערנאָך טוט ער זיך העגדום־פענדום אַ יאָג, פערלויפט איהר דעם וועג העט־ווייט און שטעלט זיך וואַרטען אויף איהר דאָרט, אַרויסשטעקענדיג אַ צונג און מאַכענדיג מיט די זייטען. שפּילענדיג און חעצקענדיג זיך אַזוי איז דער וואגען אין אַ פּאָר שעה אַרום אַריינגעפאָהרען איז ק... גלייך אויפ׳ן מאַרק.

---

# 2.

צווישען דעם רינג הייזער אויפ'ן מארק, דער שענסטער פלאץ אין דעם שטעדטעל ק... שטעהט א הילצערנע שטיב מיט א גאניקעל, כמעט איין פאסאן, איין געשטאלט מיט די אלע אנדערע הייזער דארט, נישט מעהר, וואס זי איז אבגעטינקעוועט, וויס אבגעשמירט פארענט אויף דער גאס ארויס. דאס קליינשטעדטעלדיגע, אלטפעטערישע לעבען איבערהויפט און דאס געבוי פון די הייזער איז, קען מען זאגען, ווי דאס לעבען אין דאס בויען נעסטען ביי פייגעל, פראסט איין שטייגער, איין שניט פאר אלע גלייך. עס וועט געגוג זיין, פון א זכר וועגען, אבצומאלען איין הויז פונ'ם רינג הייזער אין שטעדטיל ק... למען ידעו דורותיכם...

לאזען קינדס-קינדער וויסען, אין וועלכע הייזער די זיידעס זענען געזעסען און האבען אבגעלעבט זייערע יאהרען אינאיינעם מיט קינדער, קליינע און גרויסע און פארפאלקען אויף קעסט!

ביי'ם עפענען די טיר קומט מען גלייך פון דער גאס אריין, אזוי ווי מען שטעהט און געהט, אין א חדר, א גרויס, א לאנגס, דער עיקר דירה, וואס הייסט אייגענטליך שטוב. אין דער הינטערסטער וואנד פון שטוב, אינוועניג אקעגען דעם אריינגאנג, פיהרט א טיר אין א פינסטער צוויז, אהן פענסטער, אהן א באלקען — איין ארט פאר האלץ וכדומה גוטינע זאכען אין דעם בעל-הבתישקייט און א מאל איז עס אויך א שטאל פאר דער בהמה, בשעת די גרויסע פרעסט ווינטער אדער ווען זי איז קעלביג, א שטייגער, און קען נעביך נישט נעכטיגען, ווי געוועהנטליך, אין דרויסען. ביי דער זייט פון דער דאזיגער הינטער-טיר לינקס, שטעהט א גרויסער אויבען, אויף צו קאכען און באקען, און אונטער דעם פריפעטשיק איז דא איין ארט (א קאטוך) פאר עופות, וואס לעגען דארט אייער און קוואקען, וואס נעכטיגען דארט ביינאכט, קריכען גאנץ פריה פון דארט ארויס און שפאצירען זיך פריי אין שטוב ארום, פול אין איטליכעס

ווינקעלע, אויף טיש און אויף בּיינק. האַרט נעבען דעם אויבען שטעהט אַ רובּע פון גרינע קאַפּלעס, אַ הויכע, אַ לאַנגע מיט צוויי בּיינק: די פּליישיגע און די מילכיגע בּאַנק. אַט די דאָזיגע בּיידע אויבענס און אַ ווענטעל מיט טירלעך נאָך זיי, וואָס ציהען זיך איבער דער גאַנצער לענג שטוב, צעטיילען זי אין צוויי העלפטען, איין העלפט איז די הויפּט־דירה, וועלכע איז דאָ בּעשריבּען, און די אַנדערע בּעשטעהט פון אָלקערלעך פאַר זיך און פאַר שכנים. אַקעגען דער רובּע הייגנט פונ׳ם סופיט אַראָב אַ לייטער, קיימענדעל עפּעס ווי אַ מין גלאָק מיט צוויי דראָטענע קייטעלעך, איינס אַ קעגען דאָס אַנדערע, אונטען בּיים ראַנד, צו וועלכען עס ווערט צוגעקייטעלט עפּעס אַ מין אייזערנע סקאָוואָראָדע (אַ לוטשניק), אויף וועלכער עס ווערט צולעגט אַ פּייער׳ל פון דאַרע שפּענדלעך צו בּעלייכטען אַלע וואָכענד די שטוב, חוץ פרייטאָג צו־נאַכט, וואָס דענסטמאָל ווערט עס בּעלויכטען פון חלב׳דיגע בּענשליכט אין מעשענע לייכטער אויפ׳ן טיש און אין דעם זעקס־רעהרענדיגען קופּערנעם הייננ־לייכטער אויבען מיט אַיין אָדלער. דער דאָזיגער „לוטשניק“ גיט, ווי די זון, ליכט, וואַרמקייט דעם גאַנצען הויזגעזינד און טראָגט אַריין פרעהליכקייט, לעבּען אין שטוב אַרום איהם פערבּריינגט מען די ווינטער־נעכט אין געזעלשאַפט מיט עפּעס אַנ׳אַרבּייט, אָדער גלאַט אַזוי זיך אַ געשפּרעך. ווייבּער, היימישע און אַמאָל אויך איינע אָדער אַ פּאָר נאָהענטע שכנות אין דערמיט, זיצען זיך אויף דער פליישיגער, אויף דער מילכיגער בּאַנק, פליקען פעדערען און בּערעדען די וועלט. שבּת־צו־נאַכט ווערט צוגערוקט אַ טיש, מען לייענט פאָר פון „ספר הישר“, פון „גדולת יוסף“ — און מען עסט געקאָכטע קאַרטאָפּלעס. חנוכּה שפּילען די קינדער אין דריידעל, די עלטערע אין קאָרטען — און מען עסט לאַטקעס. און גלאַט אַזוי אַ נאַכט, ווען מען פרעגעלט שמאַלץ, זיצט מען אויפגערוימט, דערצעהלענדיג מעשיות — און מען עסט גריווען.

אויך לאָזען די קינדס־קינדער וויסען, אַז אויף מעבּעל האָבּען די זיידעס זיך שטאַרק נישט אויסגעבּראַכט. אַ זיידענס שטוב איז אויסגעשטעלט געוועהנטליך אַזוי: לאַנגע הילצערנע בּיינק בּיי די ווענד, אויבּעגאָן אַ לאַנגער פיערפיסיגער, רויטגעפאַרבּטער טיש, שוואַרצע און ווייסע קעסטלעך, איינס איבּער דאָס אַנדערע געהיפערט, אין דערמיט טיש אויף צושפּיעלען אין דאַמקעס. דאָרט אין אַ ווינקעל פון דער העלפט וואַנד בּיז צו דער סטעליע, שטעהט פעסט איינגעפּאַסט אַ ווינקעל־שאַפעלע מיט

געגלייזטע טירלעך, פון וועלכע עס קוקן אַרויס אַ בעכער מיט קידוש־גלעזלעך, אַ הדס'ל פון דראָט־אַרבייט, אַ חנוכה־לעמפּעל, אַ פּושקעלע פאַר דעם אתרוג סוכות, אַ טייערקעפּעל אויף־חידושים, אַ טאַץ מיט שעלכלעך אויף איינגעמאַכטס, טעמבעקאָווע און וואַרשאַווער־זילבערנע לעפעל. גאַנץ הויך אויף דער וואַנד הענגט אַ שפּיגעל, אין וועלכן ס'איז נישט מעגליך זיך אָנצוקוקן ביז מען שטעלט זיך נישט אויף אַ בענקעל, און נאָך אַלע מיה זעהט מען אין איהם אויס גרין און געל מיט געשוואָלענע באַקען פון ציינווייטאָג. ס'איז זיך גלאַט אַזוי אַ שפּיגעל פון־שענקייט וועגן, נישט חלילה צושפּיגלען זיך. פע!... דערפאַר אַז מען איז שוין אַרויף אויפ'ן בענקעל, זעהט מען חאָטש דאָס געמעל אויף די פּאָרטרעטלעך, וואָס הענגען איהם בײַ די זייטן: עפּעס אַ ייד אַ גאון אין טלית און תפילין, אַ מין יענעראַל אויף אַ פערד, האַלב צוביסען פון פליגען, אויך אַ „מזרח" מיט צאַצקעלעך און משונה ווילדע חיות, וואָס זענען נאָך לעת־עתה אין אונזערע לענדער נישטאָ.

ד לאָזען קינדס־קינדער וויסען, אַז אַ יידענס שטוב אין דעם שטעדטעל ק... איז מסוגל צו אַלע מינים בעדערפעניש אין דעם מענשענס לעבען. אַ חוץ וואָס זי דינט פאַר אַ קיך, פאַר אַנ'עס־צימער, אויך פאַר אַ שלאָפצימער, וואו מען שלאָפט אויף צונויפגערוקטע בענק בײַ די ווענד און בײַ די אויווענס, איז נאָך אין איהר געוועהנטליך דאָ אַ שיינקעל אויך. אַ גאַנצע וואָך, פאַר דעם ביסעל שטאָדט־גוים, דלפנים, איז דאָ טאָר בראַנפען און בייגעל: בשעת די ירידים אָבער און די מאַרקטעג, איז שוין אויסגעשטעלט פון פויגעל־מילך: געקאָכטע אייער, פּעקלעך לעבער, הערינג און פיש מיט דרילעס אויך. ווינטער בשעת די קאָליאַדעס זיינען פערקליבען זיך אַהער אַלע אָוונד אויסגעפּוצטע שיקסעס מיט ברודים־שקצים אַ פולע שטוב, אַזוי איז שוין פון אייביג אָן געשטעלט. זיי זיצען, קנאַקען ניס, בלאָזען זיך, לאַכען, פּלוידערען, זינגען, שטיפּען און כשר־צען זיך שפּעט ביז מען שפּריצט זיי אָב מיט וואַסער און שטופּט זיי אַרויס, אַזוי איז אויך שוין פון אייביג אָן געשטעלט. און ווען די שטוב טויג פאַר אַ טעאַטער, אַ פשיטא שוין טויג זי פאַר אַ קאַזאַרמע. קיין בעסער אָרט אויף צו מושטירען סאָלדאַטען ווי אין דעם יידענס שטוב ווינטער און ווי אָבענדען איז גאָר נישטאָ, ס'איז וואַרים, ס'איז ליכטיג, מען זעהט ווי צו געבען — אַ פּאַטש...

אָט אַזאַ מין שטוב איז אויך יענע אָבגעטינקעוועטע צווישען דעם

רינג הייזער, וואָס האָט אָנגעהערט צו ר׳ וואָסן — אַ שענער געהויבענער בעל-הבית, אַ פּאַרנעהם אין דעם שטעדטעל

צו זיין אַ שענער יוסטער בעל-הבית איז אין ק... גענוג געווען צו האָבען אַ שטוב, אַ קוה און עפּעס אַ שטיקעל פּרנסה דערצו, אָבער צו זיין אַ פּאַרנעהם, גערעכט, געליעבט איז קאַרג אַ רייכקייט, אפילו אַ סך אַ גרעסערע דערפון. אין דער ליטאַ אַ מאָל, היינט אפשר שוין נישט אַזוי, האָט מען געלענט כבוד נישט אַזוי אויף געלד, ווי אויף תורה. אַ גראָבער יונג אַ רייכער בלייבט נאָך אַלע זאַכען פּאָרט טאַקי אַ גראָבער יונג, ווי דעם עולם׳ס ווערטעל טאַקי: פון אַ חזיר׳שען עקעל קען מען קיין שטריימעל נישט מאַכען. שפּרינגען אויבענאָן, זאָגען דעות — דאָס ליגט שוין אַזעלכען און זיין גלייכען בטבע, זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, מען מוז נאָך אפשר אַמאָל צוזעהן אַזוינס, הערען און שווייגען, נאָר נעהמען אַניעדערזעצען אַזעלכע אויבענאָן און קוקען זיי אין מויל אַריין מיט׳ן גוטען ווילען, ליעב האָבען זיי באמת פונ׳ם הארצען — אָ, ניין, זוכה זיין דערצו בעדאַרף מען זיין אַ למדן, גוט און פרום, האָבען זכות-אָבות. יחוס איז נישט דאָס ביטעל, נאָר דער קאָפּ, דאָס הארץ. אָט אַזוי איז אין דער ליטאַ איבערהויפּט, בפרט נאָך אין דעם שטעדטעל ק... אַנ׳אָרט פון תורה פון אייביגע יאָהרען, וואו די איינוואוינער זענען כמעט אַלע לומדים, וואו דער בית-המדרש, דער קלויז איז פול מיט בעלי-הבתים און בעלי-הבית׳לעך, וואָס זיצען און לערנען, אויך מיט ישיבה-בחורים, פּרושים פון דער פרעמד, וואָס פערלאָזען ווייב און קינד, קנייטשען די גמרא און עסען טעג; וואו אַלע פּאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, פערקלייבען זיך אַרום בעזונדערע טישען בעלי-מלאכות און נאָך אַנדערע פונ׳ם עולם, צו הערען אַ גוט וואָרט פון די פּאָרזשער דאָרט — ביי איין טיש „מדרש״, ביים צווייטען „עין-יעקב״, ביים דריטען „פּסוק״, ביים פערטען „חובת-הלבבות״ וכדומה אַזעלכע הקירה און מוסר-ספרים; וואו שבת און יום-טוב ווערט פונ׳ם בעל-מימר, נעבען דעם אָרון-קודש, געזאָגט פלאַמענדיגע דרשות, וואָס צינדען אָן דאָס הארץ פון די כנסת-ישראל מיט היילינער ליעבע צו דער שכינה, וואָס זענען געווירצט מיט טרייסט-ווערטער פון די נביאים, מיט משלים, קלוגע, שאַרפע גלייכווערטלעך פון די חכמים, מיט אַ קול, מיט אַ ניגון, וואָס דערקוויקט, צוגעהט זיך אין אַלע אברים. אין אַזאַ שטעדטעל אַז מען איז זוכה צו זיין אַ פּאַרנעהם, מסתמא איז עס נית אומזיסט, מסתמא איז מען גוט, פרום און געלערענט, מיט אַלע מעלות.

און ר' חיים האָט די אַלע מעלות אין זיך געהאַט. מען קען זיכער זאָגן, ווען ר' חיים'ס „פּאָנדיש", זיין גאַנץ פאַרמעגן ביי זיך אין שטעדטעל וואָלט ערגיץ אַנדערש זיך אָנגעזעהען ווי גאָרנישט, אַקעגענזשע וואָלט דער אייגענער ר' חיים מיט זיינע מעלות אין אַ גרויסער שטאָדט געוואַקסען, געווען פיעל מאָל גרעסער, נאָך געהויבענער.

נאָך אין די רעכטע יונגע יאָהרען, ווען אַנדערע, נישט קיין יודישע קינדער, טראַכטען ערשט חתונה האָבען, איז שוין ר' חיים געוואָרען אַ זיידע און שרה זיין ווייב אַ באָבע למזל. לויט דעם חשבון יאָהרען, גערעכענט צוריק, פון'ם זיבעטען קינד לעת־עתה ביז דעם עלטסטען זוהן, שוין אַ טאַטע, אויף קעסט נאָך דערהייל, האָט ר' חיים חתונה געהאַט, אַ פּנים, זעהר פריה, כמעט גאָך גאָר אַ קינד. עס האָט געהייסען, ווי שרה פלעגט ליעב האָבען אָפט צו דערצעהלען, אַז זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע און ער, דער מאַן, אַ קליין יונגעלע, האָט מען זיי פּלוצלים אָבגעשטעלט אַ חופּה, אין דער בהלה, נישט היינט גערעכט. נאָר חען בהלה, וואָס בהלה? — דאָס מאַכט אַ יודען נישט אויס, אַזעלכע אָדער אַזעלכע, אַלץ איינס. ווער קען זיך זיי אַלע אָנגעדיינקען?! מעגליך, אַז דאָס איז געשעהן בשעת דער גזרה, מען זאָל נעהמען יודישע קינדער פאַר רעקרוטען. דענסטמאָל האָבען יודען זיך געקליגט, אין חאַפּעניש, אין איילעניש אָבצושטעלען חופּות ברעקלעך קינדער, גאַנץ שכל'דיג אַזוי: ווי באַלד אַז דו, שנעק איינער, קענסט זיין אַ זעלנער, קענסט דו דאָך זיין אַ בעל־הבית אַוודאי!...

ר' חיים איז געווען, ווי מען זאָגט, אי צו גאָט, אי צו לייט. זיין צייט איז געווען אָבגעגעבען צו דער פּרנסה, צו תורה און אויך צו שטעדטישע זאַכען. יאָהרענלאַנג אוועקגעווען אַ קאַזאָנער רב דאָרט, נישט בעלוינט צו ווערען דערפאַר. פלעגט אויך זאָגן אומזיסט אַ שיעור גמרא מיט פּוסקים פאַר יונגע לייט. זיין הויז איז געווען תמיד פול, דער אַריין, יענער אַרויס. קיין זאַך האָט זיך נישט געטאָן אָהן איהם, וואו ערגיץ אַ שפּאַרעניש, אַ לאָרעניש איז ער געווען דער פערמיטלער. בשעת עפּעס אַ נויט אין כלל־זאַכען פלעגט מען אָנקומען צו זיינס איין עצה און ווענען אַלסדינג מיט איהם זיך מישב זיין.

נאָר צו וואָס אַ ים בריען? איין סצענע דאָ, למשל, וועט זאָגען בעסער פון אַלע ווערטער. שאַ!...

ס'איז ווינטער, שבת־צונאַכט, נאָך הבדלה. אויפן „לוטשניק"
אונטער'ן קוימענדעל, ברענט פרעהליך אַ פייערל, וואָס פון צייט צו צייט
מערט עם אונטערגעהאַלטען מיט דינע טרוקענע שפענדלעך. דעם פייערל
אַקעגען, ביי אַ טיש, צוגערוקט צו דער וואַרמער רובע, זיצט דאָס הויז־
געזינד, אַ שכנה פון דער צווייטער שטוב, פול מיט נייעם ווי אַ פויק, און
אויך דאָ, מען וואַרפט זיך איבער מיט אַ וואָרט און מען פליקט פעדערען.
דערביי טאַקי לייענט איינער פון די קינדער פאַר די מעשה פון יוסף הצדיק
מיט די ברידער אויף עברי־טייטש. מען האָט הנאָה, מען וואונדערט זיך
אויף דער גבורה פון יהודה — פון זיינם אַ געשריי ווערט שיער נישט
אַ תל פון גאַנץ מצרים; די קאַץ זיצט צושאַרענדיג זיך צום אויווען, לעקט
אַ קאַפּקעלע, מאַכט מיט די אויערלעך און האָט, ווי עס זעהט אויס,
אויך הנאָה. אין אויווען הייצט זיך, עס קאָכט זיך וועטשערע, נאָר קודם־
כל זידט דאָרט אַ טעפּעל קאַרטאָפלעס אויף איבערצוחאַפּען דערוויל. ר'
חיים געהט הין און צוריק איבער דער שטוב, נאָך אין דער שבת'דיגער
קאַפּאָטע און זינגט זיך „אליהו־הנביא" מיט גרויס געפיהל. און ווי ער
לאָזט אויס דעם סוף „במהרה יבוא אלינו", גיך און באַלד קומט ער צו
אונז, עפענט זיך די טיר און לייטישע מענשען פונ'ם שטעדטעל קומען
אַריין — אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָהר!

און דאָס פערשטעהט זיך אַליין, אַז לייטישע מענשען גיבען איינער
דעם אַנדערען אָב כבוד ביי'ם אַריינקומען, האַלטענדיג אַ שעה אָפען די
טיר אפילו ווינטער, גאָר אומצוקומען דערוויל אין שטוב פאַר קעלט,
אַזוי אויך ביי'ם זעצען זיך. ס'איז אַוועק היבש צייט אין רוקעניש, און
ווינקעניש, און בעטעניש, פלאָנטענדיג זיך דערוויל דער יענעם אונטער
די פיס, ביז די לייטישע מענשען האָבען זיך לסוף אויסגעזעצט. שרה איז
מכבד די געסט נאָר פריינדליך מיט טרינקען „שפעציעס" — מיני קריי־

טעלצער, וואָס אַ כּפרה פאַר זיי טיי — און מיט שטיקלעך קאַנדעל־צוקער, וואָס אַ כּפרה דערפאַר היינטיגער צוקער... מען זיצט זיך, מען בלאָזט און מען טרינקט, איינער פערוויכערט זיך די פּיפּקע — אַ פּאַרצע־לייען לולקעלע מיט אַ זילבערן דעקעל און אַ לאַנגען געפלאָכטענעם ציבוק. אַ פּאָר הוסטען זיך אויס, טאַפּען זיך ביי די נעז, ביי די בערד און עס הויבט זיך אָן אַ שמועס. אַהין־אַהער, דאָס אַ ביסעל, יענס אַ ביסעל ביז מען קומט אַרויף לסוף אויף אַזאַ שמועס!

— אַח־חאַ־חאַ׳ די גזרה פון די קליידער איז דאָך טאַקי אַ מיאוסע זאַך! — מאַכען אַלע מיט אַ זיפץ — יודען זאָלען זיך אָנטאָן דייטש: אַ קאַרטוז מיט אַ דאַשיק... ס׳איז דאָך עפּעס משונה אַ שרעק! און געוואַלד צו וואָס, רבונו־של־עולם, צו וואָס?!... וואָס קען „זיי" דאָרט, זיי וואָס קען אַרויסקומען דערפון, אַז יודען וועלען זיך שוין אָנטאָן דייטש?... עס מוז דאָך עפּעס אַלץ מיט אַ גאַנג.

— מען שמועסט, דרינען שטעקט אַ שפּיצעל — רופט זיך אָן מיט אַ קנייטשעלע יענער פון פּיפּקעלע, פערציהענדיג זיך שטאַרק און אַרויס־לאָזענדיג פון׳ם מויל רינגלעך רויך — וואַקסען זאָל ער נאָר, וואַקסען... פון וועמען מיינט איהר? — פון מאַנטעפיורען!

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ בער! וואָס רעדט איהר?

— אָט דאָס וואָס איהר הערט. אָבער ר׳ ברוך הלל׳ס טעג מען גלייבען? ער קומט ערשט פון די ירידין און האָט דאָרט מיט זיינע אייגענע אויערען...

— איך האָב אויך עפּעס אַזוינס געהערט — פאַלט אַריין אין די רעד אַ ריהרעוודיקער צאַפּלענדיקער יוד, פּפרבייסענדיג אַ ליפּ — האַ, וואַרט, וואָס האָב איך געהערט?

— שלאָגט נישט איבער, ר׳ יוסיל — מאַכט דער עולם — שאַ!... אַ־נו, ר׳ בער.

— מען שמועסט, הייסט עס — הויבט אָן ר׳ בער געלאַסען, פּאַ־מעליך און קייעט איטליכס וואָרט ביז ער ברייננט עס אַרויס פון מויל — אָט וואָס; אַז מאַנטעפיורע האָט געזעהן ס׳איז פע... איז ער געקומען מיט אַזאַ פּראָיעקט: אַדוני מלך, זאָגט ער, פערקויף מיר דיינע יודען. איך וועל געבען פאַר זיי אַזויפיעל און אַזוי פיעל מיליאָן.

— הונדערט טויזענט, האָב איך געהערט, הונדערט טויזענט מי־ליאָן! — פּאַלט ר׳ יוסי׳ל ווייטער אין די רעד אַריין. געמיינט דערמיט נישט אַזוי די סומע געלד, ווי אַרויסצו־ווייזען דאָ דעם עולם. אַז ער ווייסט אויך, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, נישט ערגער פון אַנדערע.

— מילא וואָס מאַכט עס אויס — טוט ר׳ בער אַ זאָג פאַרדרע־סענדיג מיט דער נאָז און דערצעהלט ווייטער — מהיכא־תיתא! ענטפערט דער מלכות בקיצור, מען מאַכט באַלד טאַקי אַ תקיעת־כף און מאַנט־פיורע גיט דערוויל איין אָוערראָוף.

— חלילה, הונדערט טויזענט מיליאָן באַלד טאַקי, באַלד במזומנים — צושאָקעלט זיך ר׳ יוסי׳ל, ווי ביים שפּאַרען זיך מיט עמיצען איבער אַ שטיקעל גמרא.

— אי, זייט־זשע מוחל, ר׳ יוסי׳ל, שאַ! בעטען איהם אַלע מחילה, ער זאָל שווייגען.

— בקיצור, ער גיט דערוויל איין אָדעראָויף — דערצעהלט ר׳ בער ווייטער, רוהיג געלאַסען, נישט מאַכענדיג זיך אויס ר׳ יוסיל׳ס רייד — והמותר איז ער זיך מתחיב סילק׳ן צום טערמין ביים נעהמען די סחורה — די יודען הייסט עס. דערמיט איז מען זיך צוגאַנגגען. זיי געזונד — פאָהר געזונד! נאָך אָנבייסען געהט זיך דער מלכות, ווי דער שטייגער איז, אין סענאַט און איז שטאַרק אויפגעראַמט. — אדוני מלך, פרעגט איהם דער מיניסטער, וואָס איז די מעשה, וואָס דו בינסט היינט עפּעס אַזוי אויפגעראַמט? — אַזוי און אַזוי, ענטפערט דער מלכות מיט אַ שמייכעלע, געמאַכט אַ געשעפטעל, פאַר אַזוי פיעל פערקויפט היינט מיי־נע יודעלעך. — אדוני מלך! טוט זיך אַ חאַפּ דער מיניסטער זעהר דער־שראָקען, וואָס האָסטו געטאָן? ס׳איז אַ מקח טעות!... און באַלד טאַקי פיהרט ער איהם אַרויס פון די קאָנטאָרסקע ביבער אַ קלאָרען חשבון, אַז דאָס פּראָצענט, וואָס אַזא סחורה — יודען הייסט עס, טראָגט אין אַ געוויסע צייט יאָהרען איין, טרעפט העט־העט מיט אַ שמיצעל אַריבער דעם מקח פאַר דער גאַנצער סחורה. — וואָס־זשע טוט מען? מאַכט דער מלך. גערעדט איז דאָך גערעדט און פון מלכות אַ וואָרט איז דאָך אַ גזרה. אדרבה זאָג, האָסט דאָך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, פאַל עפּעס אויף אַ הסברה. — אדוני מלך! רופט זיך דער מיניסטער אָן, נאָכדעם

זי ער האָט אַ ווײלע געטראַכט, ס׳איז דאָ איין עצה. גיב אַרויס אַ בעפעהל, אָבער טאַקי באַלד, יודען זאָלען זיך אָנטאָן דײטש. גראַם־שטראַם! מאַכט דער מלכות, וואָס איז שייך דאָס דערמיט? — ס׳איז רעכט! זאָגט דער מיניסטער האַלב עפּעס אויפ׳ן ווינק — אַי באַלד דײטש, איז דאָך שוין פערשטעהסט־דו מיך, גאָר עפּעס אַנדערש... מיט דיר איז דאָך גענוג אויפ׳ן ווינק — אַ־אַ שכל׳דיג! גיט זיך דער מלכות אַ חאַפּ, דו בינסט ווערטה פאַר דער עצה אַ גילדענעם מעדאַל. — הערט־זשע רבותי, דעם שפּיץ — מאַכט ר׳ בער, נעטענדיג זיך אויסרייניגען מיט אַ דרעטעלע דאָס פּיפּקעלע פונ׳ם אַש — אַקוראַט צו׳ם טערמין קומט מסתמא מאַנטעפיורע.

— ניין, נישט אַזוי, ער קומט נישט, ער לאָזט פריהער מעלדען — קען זיך ר׳ יוסי׳ל נישט איינהאַלטען, צעשאָקעלט זיך און פאַלט ווידער אַריין אין די רעד.

— שאַ, זײט זשע מוחל! האַלט זיך איין אַ ווײלע און שלאָגט נישט איבער, ר׳ יוסי׳ל! — בעט דער עולם. וואָס איז זעהר ציקאַווע צו הערען דעם סוף — נו ר׳ בער, נו־נו.

— קומט ער, הײסט עס — הויבט ר׳ בער אָן ווײטער דעם שמועס, ציהענדיג די ווערטער ווי יענעם אויף צו להכעיס און שמאַכענדיג פאַר הנאה — קומט ער, אַזוי ווי איך זאָג אייך דאָ, צו׳ם טערמין און מאַכט כהאי לישנא: אדוני מלך! נאַ דאָס מותר געלד און לאָמיך, כפי השליש־צעטעל, נעהמען די ס ח ו ר ה — יודען הײסט עס. — אָך! מאַכט דער מלכות, מהיכא־תיתי... נעה דיר, זײ מוחל, און וואו דו וועסט דערזעהן אַ יודען, נעהם דיר איהם, בשם אלהי ישראל, די סחורה דיינע... מאַנטעפיורע לאָזט זיך לאַנג נישט בעטען און נעהט. ער געהט אין איין שטאָדט — נישטאָ, נאָך אין אַ שטאָדט — נישטאָ. בקיצור אין בערדיטשוב — אויך נישטאָ. קיין סימן אפילו נישט פון אַ יודען. אַלע יודען זענען אָנגעטאָן דײטש — דײטשען.

— אוואַ, אוואַ! — מאַכט דער עולם פערוואונדערט — אַזוי, זאָגט איהר, אַזוי שמועסט די וועלט!

— עט! — מאַכט ר׳ חיים מיט אַ שמײכעלע — נישט תמיד איז אמת, וואָס טראָגט זיך אַרום אין דער וועלט. ס׳איז זיך אַ מימרא...

— א צו אזוי, דערוויל איז שפל — זאָגט דער עולם מיט א קרעכץ — די גזרה איז דאָך טאַקי א גזרה! מילא די קאפאָטע יאַק קאַפאָטע, וועט מען אין איהר מאַכען א האַק, דער גוטער יאָהר וועט זי נישט נעהמען מיט א שפּאלט פון הינטען אויך, אָבער א קארטוז — רבונו־של־עולם, א קארטוז!... ר׳ חיים, פאַלט עפּעס אויף איין עצה, הא, וואָס טראַכט איהר, ר׳ חיים?

— איך טראַכט — ענטפערט ר׳ חיים נאָך עטליכע מינוטען שווייגען, רייבענדיג זיך דעם שטערען — איך טראַכט, וואָס פאַרט האָבען אין א נויט די חכמים מיט זייער חכמה נישט געמאַכט. מע טאָר א שטייגער שבת נישט טראָגען, נא ציה איבער א שנירעל און טראַג. מען טאָר נישט נעהמען פּראָצענט, נא דיר היתר־עסקא און נעהם! — ס׳איז דאָ איין עצה, יודישע קינדער! זאָגט מיר, רבותי, וואָס איז אזוינס א קלאַפּאָווע היטעל (א חצי שבת׳ל)?

— וואָס הייסט? — וואונדערן זיך אַלע אין איין קול — א יודיש קלאַפּאָווע היטעל איז א קלאַפּאָווע היטעל, א וואָכענדיג היטעל מיט קלאַפּען! פון ביידע זייטען האָט עס אויפגעשטעלטע, מיט קליאַטשע אָנגעשטאָפּטע קלאַפּען, פון רויכוואַרג, פערשטעהט זיך, און פאָרענט איז עס בעלעגט, פון איין קלאַפּען צום אַנדערן, מיט א שמאָל שטיקעל רויכוואַרג, גוט צוגענעהט אונטען, אויך צום וואָרבעל אויבען. ווער גייסט עס דען נישט א יודיש קלאַפּאָווע היטעל?!

— מילא — שמייכעלט ר׳ חיים מיט א קנייטשעלע — מה רעש? וועט יענם שטיקעל פאָרענט נישט צוגענעהט זיין צו׳ם וואָרבעל נאָר מיט דער אונטערסטער זייט אליין, אזוי אז עס זאָל זיך קע:ען אָבלעגען: וויל מען, איז דאָס ווי היינט א היטעל, כשר יודישליך, וויל מען, לעגט מען עס אָב, קומט עס אויס א דאַשיק, איז מען יוצא לכל הדעות און פטור. און וואָס קען מען צו א יודען מיט אזא היטעל האָבען? א דייטש!...

— טאַקי וואו תורה דאָרט חכמה. מאריך ימים ושנים זאָלט איהר, ר׳ חיים, זיין! — זאָגט דער עולם גאַנץ צופרידען, אָנווינשענדיג איהם א פולע קאָפּ.

דאָס דאָזיגע מין היטעל מיט דעם אָבגעלעגטען דאַשיק איז דער־נאָך אָנגענומען געוואָרען בכל תפוצות ישראל און גילט נאָך עד היום בי־

אַלע פרומע יודען דאָרט אונטער דעם נאָמען „נאַפּאָלעאָנקע״. די וועלט אָבער בעדאַרף וויסען, אַז נולד איז דאָס היטעל געוואָרען אין דעם שטעדטעל ק... און אין דער היסטאָריע בעדאַרף עס שטעהן פערשריבען אויף דעם נאָמען ר׳ חיים׳ס, דער ערשטער, וואָס האָט עס ממציא געווען. — נאַפּאָלעאָן, מעגליך, האָט געטראָגען פון אַזאַ פאַסאָן אַ היטעל גאַנץ זיכער אָבער, מען מעג שווערען, אַז ר׳ חיים האָט מיט נאַפּאָלעאָנען זיך כלל נישט אָנגעהערט און קיינמאָל זיין היטעל אפילו אין די אויגען נישט געזעהן.

צו ר׳ חיים׳ן פלעגט מען אָנקומען אויך בשעת, נישט־דאָ געדאַכט, עפּעס אַ קראַנקהייט. קיין דאָקטאָר אין שטעדטעל איז נישט געווען, חוץ אַ רופא, וואָס האָט מעהר נישט געוואוסט, ווי שלאָגען צו דער אָדער, שטעלען פּיאַווקעס, באַנקעס, אויך גאָלען און טערען. ווי באַלד עפּעס אַ שלאַפקייט, האָט זיך געוויזען דער רופא מיט דעם גאַנצען קליפּערגעציינג און געאַרבייט אויף אַלע כלים: צוקאַראַדאַשעט רוק און לענד, האַלז און געניק, צו־ווישענדיג דערנאָך עפּעס אויף דייטשעריעס, „צו געזונט!״ און אַז די ברכה זיינע האָט נאָך אַלע מיטעל נישט געהאָלפען, דעם קראַנקען איז נאָך געוואָרען ערגער, פלעגט מען קומען מיט אַ געבעט צו ר׳ חיים׳ן, ער זאָל מוחל זיין געהן, דעם חולה „צו בעטראַכטען״ — און ר׳ חיים, וואָס האָט ער געקענט טאָן, איז געגאַנגען בעטראַכטען. ביים עולם איז איינגערעדט געווען, אַז ר׳ חיים איז אַ מעטער, אַ גרויסער מבין אין דאָקטאָריע. ער אַליין ווידער האָט זיך געהאַלטען טאַקי דרינען פאַר אַ שטיקעל מבין. פון וואַנען האָט אַזוינס צו איהם זיך גענומען? דערויף איז דאָ אַ טעם. ר׳ חיים אַליין איז בטבע געווען אַ שוואַכער, אַ שלאַפער מענש. חוץ דער יודישער קראַנקהייט „מערידין״, אַ ירושה פון די עלטערן, האָבען איהם אין לעבען נישט אויסגעלאָזט נאָך אַנדערע מיני וועהטאָגען: שטעכעניש אין די קריזשעם, אַ שפּאַרעניש אונטערן לעפעלע, קוועטשעניש, מאַטקייט אין די גלידער, וואָס היינט הייסט עס עפּעס „נערווען״, איבער וועלכע ער האָט אַ מאָל, ביי אַ געלעגענהייט, זיך מיישב געווען מיט גרויסע דאָקטוירים ערגעץ, און צום גרעסטען טייל אָבער זיך נישט וויסענדיג געמאַכט — עט, גאָרנישט, אַ מיחוש, עס וועט אַזוי זיך איבערגעהן. איינמאָל אָבער איז ער טאַקי שטאַרק פערשלאַפט געוואָרען, בעקומען אַ היציגע קראַנקהייט עפּעס, אַזוי אַז מען האָט צו איהם עטליכע מאָל אַראָבגעבראַכט אַ גרויסען דאָקטאָר פון דער סביבה, דאַכט זיך, דעם שלאָס־דאָקטאָר, וואָס ביי׳ם דוכס אַליין, און דאָס אויסגעהען זיך זיינס פון דער

קראַנקהייט איז געווען בּעשײנפּערליך אַ וואונדער ווי פֿון טויט לעבּעדיג.
דאָס אַלסדינג האָט געמאַכט ר׳ חיים׳ן פֿאַר אַ געניטען. איהם געגעבּען
דאָס רעכט אַ מבין צו זיין אויף קרענק, שוין נישט צו רײדען פֿון רפואה־
בּיכלעך פֿאַר׳ן פּאָלק, אין וועלכע ער פּלעגט אַריינקוקען, פֿון אַלע רע־
צעפּטען, וואָס האָבּען מיט דער צייט בּיי איהם זיך אָנגעקליבּען. פּרעגט
נישט, זאָגט מ׳ין, דעם דאָקטאָר, פּרעגט דעם קראַנקען, — און קראַנק
איז דאָך ר׳ חיים אין זיין לעבּען פֿיעל מאָל געווען, און בּאמת טאַקי פֿאַר
וואָס זאָל דאָקטאָריע ערגער זיין פֿון אַדוואָקאַטור, אַ שטייגער? אין
יענער שטאָדט, נישט ווייט פֿון ק... איז דאָ אַ ר׳ אהרן, דוקא נישט
אַזאַ למדן, אין די שקאָלעס ערגעץ נישט געלערנט, פֿון דעסטוועגען גילט
ער אין דער סביבה פֿאַר אַ „זאַקאָנשטשיק” נאָר אַ מורא! בּיי עפּעס אַ קרעצעל,
אַ מיאוסען עסק, ווענדעט מען זיך צו איהם, נאָר טאַקי דערפֿאַר אַליין,
וואָס ער, ר׳ אהרן, איז אין זיין לעבּען אין פֿיעל תּפיסות איבּערגעזע־
סען, פֿאַר בּלבּולים און גנבות, פֿאַר פֿאַלשע מסירות וכדומה נאָך בּלבּולים
אַזעלכע, בּעהיט זאָל מען ווערען, און איהם איז אויסגעקומען דורכדעם
גוט בּעקאַנט צו־ווערען מיט „נאַטשאַלסטוואָ”, ווייסט די אַלע גיינג, וואָס
מען האָט צו טאָן, וואָס צו שרייבּען, וואָס צו רעדען מיט אַלע דרעהד־
לעך, שפּיצלעך און אָבּשניצלעך.

ר׳ חיים אָבּער איז געווען אַ דאָקטאָר נאָר צו געוויסע קרענק, פֿון
וועלכע מען קאָן חלילה ליגע׳ אָדער מען ליגט שוין טאַקי אין בּעט,
קיין כּח נישט האָבּענדיג זיך בּהיהרען. צו אַנדערע, גלאַט אַזוי זיך וועה־
טאָגען זענען שוין געווען אַנדערע אין שטעדטעל, וואָס האָבּען געטויגט
אימליכער צו זיין זאַך. אויגען־וועהטאָג, אַ שטייגער, דערויף איז געווען
אַ ר׳ פֿישעל. ער האָט געהאַט בּסוד עפּעס אַ וועסערל, פֿון וועלכעס ער
פּלעגט געבּען עטליכע טראָפּענס אויף אַ רפואה, אומזיסט, נאָר פֿון מצוה
וועגען. צו מאָגערקייט, אויסדאַרעניש האָט פּעטרוכאַ, די אַלטע גויה גע־
געבּען עפּעס מיני קרייטעכער אַזוינע. צו דער ניכפּה, צו אַ מאַנקאָליע.
אַ רוישען אין קאָפּ — דערויף איז געווען אַ מייסטער יאַש דער טאָטער.
אויף איין עין־הרע אָבּשפּרעכען, צייהנוועהטאָג פֿעררעדען, גיסען וואַקס
מיט אייער אויסקויקלען — דערצו איז געווען אַ בּריה גיטעל די זאָגערין,
און צו קדחת, מאַיאָווע אָדער קדחת רביעית, פּלעגט זעהר גוט העלפֿען
דער מלמד ליפּא ראובן׳ס, וואָס איז בּאמת געווען אַ גרייליכער (זעלטע־
נער) מענש, נישטאָ, האָט עס געהייסען, ווייט אין דער וועגס צווכען
זיין גלייכען.

## 4.

ליפא ראובן׳ס, אַ יוד אין די מיטעלע יאָהרען, איז איינער פון יענע מענשען, אין וועלכע גאָט האָט אַריינגעלעגט אַלע גוטע מתנות: גייסט, הארץ און געפיהלען, נאָר פערגעסען אָבער זיי צוגעבען איין קליינינקייט — מזל! ביים אַרויסגעהן פון גאָט׳ס הענד אַהער אויף דער וועלט האָט זיי דער רוח, ווי אַ קערנדעל תבואה, פערטראָגען ערגעץ אין אַ העק, אין אַ וויסט אָרט, וואו עס איז נישטאָ די אַלע מיטלען, ווי געהעריג איז צו וואַקסען. דער גייסט אין זיי רייסט זיך, זוכט זיך ערגעץ איין אָרט, וואו צו ווייזען זיך פריי, צופיהרען אַביסעל די הענד — ביי אַ טייל אָבער ווערט ער, נאָך אַלע אומזיסט׳ע מיה, נאָך דעם אויסגליטשען זיך אויף שטיינער אין דעם וועג, אַלץ שוואַכער, און זיי ווערען אינגאַנצען אָבהענ-דיג. זיי ליגען, פוילען, נעהמען זיך אַמאָל אויך פאַר קרענקונג צו דער משקה, טויגען צו גאָרנישט און הייסען ביי דער וועלט: טויגעניכטסען, פערלוירענע מענשען. ווידער ביי אַ טייל הערט דער גייסט פאָרט טאַקי נישט אויף צורייסען זיך אַרויס, אַרויס, עפּעס קאָכט עס, בורטשעט עס אין זיי, ס׳איז אַ שטענדיגע קאָכעניש, אַ ראַנגלען זיך, איין אינוועניגסטע נישט־צופרידענהייט. פאַר עסעניש געהען זיי פונ׳ם לייב אַראָב, זענען עפּעס פעראומערט, פערטראַכט, דער גייסט לאָזט זיי נישט רוהען, זיי חאַפּען זיך צו אַלצדינג, דאָ צו דער, דאָ צו יענער זאַך, נאָר איטליכע זאַך קומט אוים עפּעס משונה, עפּעס ווילד ווי די נאַטור אַליין, וואָס איז נאָך רוי, נישט בעאַרבייט — דאָס זיינען יענע מיני קינסטלער, וואָס, ווי די וועלט זאָגט, אין דער האַנד הונדערט מלאכות און ווענינ ברכות.

ליפא ראובן׳ס איז געווען אַ דאַרער, אַ קורצזיכטיגער מ[illegible] בלייך פנים, אַ שטילער, אַ גוטער און זייער בעליעבט ביי איטליכען אין דעם שטעדטעל. זיין כאַראַקטער, זיין וואוינונג, זיין שטייגער לעבען. זיין טאַג

און אלץ מיט אנאנדער האט בעשיינפערליך געוויזען, אז אין איהם איז דא דאס פינטעלע, דער ברען פון א קינסטלער. ער האט געהאט א האנד צו שניצען, צו מאלען, צו שרייבען און צו קריצען אויף קופער און אויף שטיינער, נישט צו מאכען זיך דארויס א פרנסה, נאר גלאט אזוי, ווייל דאס איז געווען זיין בעסטער פערגעניגען; ווייל עס האט איהם דערצו עפּיס געטריבען און ער האט בעדארפט, געמוזט מייסטער'ען. ביי דעם שטעדטילדיגען עולם יודען האט ער געהייסען א בריה צו אלצדינג, א קענער, עפּיס גאר א שרעק — און זיי האבען ביי איטליכער געלעגענהייט זיך מיט זיין בריה'שקייט בעניצט. מען האט איהם מכבד געווען מיט שניצען דעם ארון-קודש, מאלען א „מזרח", שלאגען מצבות, קריצען חתימות. מיידלעך, כלות, פלעגען איהם מטריח זיין, מיט זיין גוטען ווילען צו מאכען פאר זיי מוסטערען, אויף קייטעלשטיכלעך, אויף העפטען, אויסנעהען פאר זייערע חתנים תפילין-זעקלעך. און אז ער טויג שוין יא צו אלע זאכען און איז דערצו נאך א גוטער מענש אויך, טהוט איטליכען צוליעב, אזוי זיך, אומזיסט, פאר וואס-זשע זאלען חייבער נעבעך אזוי זינדיג זיין, נישט צו בעניצען זיך מיט איהם אויך — צו קדחת א שטייגער? מען האט איהם געבעטען, האט ער געשריבען עפּיס אזוינס אויף מאנדלען, אדער אויף טעלער מיט טינט, וואס צופיהרענדיג עס דערנאך מיט וואסער גיט מען עס דעם קראנקען — טרינקען — און עס העלפט!... צו די אלע זאכען האט ליפא ראובן'ס נאך צוגעקנעלט אויך.

## פאר א מלמד האט איהם געמאכט ר' חיים!

שלמה ר' חיים'ס, א יונגעלע פון א יאהר זיבען, האט פון דער קינדהייט זיך געוויזען פאר א וואוילעס, א לעבעדיגעס, מיט א שארף קעפּיל צום לערנען. אין איין יאהר האט ער זיך אויסגעלערנט ביי משה שלייען גוט עברי, געלייענט גיך ווי א וואסער און אנגעהויבען חומש, ווי דער שטייגער איז, פון „ויקרא", וואס אנדערע קינדער בעדארפען דערויף אוועקזיצען אין חדר א צוויי דריי יאהר. ביים גאנצען הויזגעזינד ר' חיים'ס ווי אויך ביי פרעמדע, אריינגעהערט צו איהם אין שטוב, איז שלמה'לע געווען זעהר בעליבט פאר זיין לעבעדיגקייט, פאר זיין פאלען אמאל אויף קלאץ-קשיות, און נאך מעהר — פאר זיינע אנשטעלען. ס' איז אין איהם געלעגען בטבע עפּעס אזוינס, אויפצוחאפּען באלד ביים ערשטען בליק יעגעמס א מינע, א ווארט, וואס עפּעס נישט אזוי, משונה ווי ביי

אנדערע. ער פלעגט וואונדער־שען נאָכמאַכען אַבי וועמען מיט אלע פאַ־סמעטקעס — ווי יענער רעדט, ווי יענער שמעהט און געהט, אַזוי אַז מען פלעגט זיך האַלטען ביי די זייטען פאַר געלעכטער, וועהענדיג און הערענדיג איהם. בעזאָנדערס ליעב האָט ער געהאַט נאָכצומאַכען ג י ט ע ל די זאָגערין, ווי זי קושט די מזוזה ביי׳ם אריינקומען אין שטוב, אָנגע־טאָן אין דער יופּע אויף איין אַרבעל; ווי זי פערציהט די ליפּעלעך, זאָגט: „אַ גאָט העלף!" מיט חן; ווען זי גיט אַ ביינ דעם רוקען ווי אַ קעצעלע, אַזוי אַז איין אַקסעל קומט אויס נידעריג, די אַנדערע העכער, דאָס קע־פּעלע אין דער זייט, אונטערגעהאַלטען מיט דער האַנד, און אַ פינגער אויף דער באַק; ווי זי קנייטשט דאָס פּנימ׳ל, אַ סמאָרע מיט דעם נעזעל, פערגלאָצט די אייגעלעך און רעדט מיט תחינה־לשון, אַלץ: „געלויבט און געאַכפּערט דער אַלמעכטיגער, ברוך הוא וברוך שמו, וואָס בעשירעמט זיין פאָלק ישראל!" אריינוואַרפענדיג אין דערמיט שטיקלעך פונ׳ם „נחלת צבי" און רבינו בחיי. — די מאַמע פלעגט מיט אַנדערע גלייך מאַקי אויך לאַכען, נאָר דערביי, מיט אַ פינגער אויף דער נאָז כלומר׳שט אין כעס צו איהם מאַכען:

— וואַרט נאָר, וואַרט, שען בחור׳ל איינער! איך וועל ניש׳קשה דערצעהלען דעם טאַטען, וועסט־דו שוין וויסען, נישקשה, ווער עלטער איז, ווי איין עלטערען נאָכצוקרימען זיך. — זאָל איך אַזוי וויסען ביין, אויב איך פערשטעה. וואָס פאַר אַ מין שלאַק דאָס איז, רבונו־של־עולם!..

דער טאַטע אָבער איז אויף דעם קינד אַ מבין געווען. ער האָט, נוט פערשטאַנען, אַז ביי אַ געהעריגען סדר לערנען אַלצדינג, וואָס מען בעדאַרף, און ביי אַ רעכטען מלמד אין די הענד, קען פון אַזאַ קינד, מיט דער צייט, ווערען אַ לייט׳ן לערנען אַלצדינג, וואָס מען בעדאַרף, האָט ביי יודען צו יענער צייט, און בפרט נאָך אין אַזאַ שטעדטעל ווי ק... נישט געהייסען שפּראַכען, חכמה־זאַכען, דאָס וואָס היינט. צו גמרא און פוסקים זיין נאָך אַ בעל־תנ״ך אויך, פערשטעהן אביסעל דקדוק — איז מען שוין אַ פאַרטיגער מענש, אַ ווילדער בריה איינער אין דער וועלט, מעהר דערפון איז גאָר נישטאָ, טאַקי איין איבעריגע זאַך. נאָר ווער אָבער האָט, חוץ דעם אָנהויב פון איטליכער סדרה, געלערענט קינ־דער תנ״ך? מען האָט זיך עפּעס געשייעט, עס האָט עפּעס געשמעקט מיט

אפיקורסות. ס'איז מאקי א גרויס וואונדער, נישט צו פערשטעהן אזוינס... נאָר ווי די מעשה איז, אַזוי איז עס געווען, און אַזוי איז עס ביי א טהייל יודען נאָך היינט. גרויסע רבנים, פאַרצייטען און אויך היינט, האָבען נישט געוואוסט און וויסען נישט רעכט גוט עד־היום, וואָס שטעהט אזוינס אין תנ"ך, און פון דעסטוועגען שאַ! מען קען זיין א גרויסער למדן פסקענען שאלות אָהן פסוק אויך... ר' חיים'ן אָבער האָט זיך געגלוסט פאַר שלמה'לען זיינעם מאַכעם איין אויסנאַהמע, פרובען לערנען איהם דוקא גאַנץ תנ"ך, מיט דעם תרגום אויך, כסדר פון אָנהויב ביז צום סוף. ר' חיים אליין האָט געקענט תנ"ך, און געשריבען מליצה. פון זיינע בריוולעך פלעגט מען לעקען די פינגער. ער האָט געהייסען צווישען זיינע אלע בע־קאַנטע א „בעל־לשון"... נאָר וואו נעהמט מען אָבער דעם מלמד דערצו? אָט דאָס האָט ר' חיים געטראַכט און איז לסוף געפאַלען אויף ליפא ראובן'ס. איהם האָט עס ר' חיים געמאַכט פאַר א מלמד, צו קנעלען מיט זיין שלמה'לען, מתיר־געווען איהם צוצונעהמען נאָך עטליכע קינדער, כדי ער זאָל קענען ווי־עס־איז מיט וייב און קינד, ווי אלע יודישע קינדער, עס אַזוי זיך לעבען...

און דער זיווג האָט עולה־יפה געווען! דער רבי און דער תלמיד האָבען זיך איינער דעם אַנדערען זעהר גוט געפאַסט. דער רבי האָט גע־קנעלט געטריי, און דער תלמיד — געלערנט געשמאַק. דער שטייגער איז געוועהנטליך געווען, בשעת דעם לערנען ביים טיש פלעגט דער רבי זיצען אויף זיין אָרט מיט עפּעס איין אַרבייט — מאַלען אָדער שטעכען א חתימה'לע. נאָר דאָס האָט אָבער נישט געשאַדט צום גאַנג פונ'ם לער־נען, ער האָט ניש'קשה, זיך גוט צוגעהערט, פערקעהרט דאָס לערנען איז געגאַנגען נאָך פיעל בעסער. די אַרבייט איז פאַר איהם געווען דאָס איי־גענע וואָס א פראַסטען בעל־מלאכה א גוטער טרונק בראַנפען. זי האָט איהם בעגייסטערט, בעלעבט, געמאַכט בערעדעוודיג. ערשט דענסטמאָל האָט ער דערקלערט אלצדינג שאַרף, קלאָר, פונ'ם מויל האָבען זיך איהם געשאָטען פערל, אין די אויגען האָט געפינקעלט א הייליג פייערל, ער האָט געקוקט מיט ליעבשאַפט עפּיס אַזוי גוט, אַזוי גוט... און דעם תלמיד פלעגט עס געבען א נעהם, א ברען, אונטערגעגעבען איהם א חשק, ער האָט געשלונגען איטליכעס וואָרט, אויפשטעלענדיג די אויערלעך, דאָס לערנען איז נישט געווען, ווו ביי יענע, ערגעץ אַנדערש א שטייגער, א שווערע משא, א ריין אָבקומעניש, וואו דער רבי מיט דעם תלמיד

לײדען נעבעך בײדע גלײך: אײנער שלאָגט אין קאָפּ אַרײַן מיט געוואַלד, איז דערבײַ אויפגעבראַכט, היצט זיך אַ שרעק, און דער אַנדערער, וואָס זאָל ער נעבעך טאָן, מאַכט זיך כלומר׳שט ווי איהם איז עס אין קאָפּ אַרײַן, ציטערט, פלאַטערט — און בײדע ווינשען אײנער פונ׳ם אַנדערן פּטור צו ווערען..." נײן! דאָס איז געווען גאָר עפּים ווי אַ שמועס צווישען צוויי פרײנד, אין וועלכען אײן האַרץ פיהלט דאָס אַנדערע — אַ שמועס, וואָס מאַכט פערגעניגען אי דעם, וואָס רעדט, אי יענעם, וואָס הערט, בײדע פערשטעהען זיך זעהר גוט, און עס ווילט־זיך צוברײנגען אַזוי די צײַט נאָך און נאָך.

שלמה׳לע איז מיט דער צײַט אַלץ געוואַקסען, געוואַקסען ווי אַ בלומעלע אונטער אַ גוטער השגחה, און ווערענדיג אַלץ וואָס ווײטער פערשטענדיגער, הערט ער נישט אויף פונדעסטוועגן צו בלײַבען, נאָך זײַנע יאָהרען נאָך, אַ קינד. שלמה׳לע אין חדר און שלמה׳לע אין דרויסען זענען עפּעס גאָר אַנדערע, פערשײדענע מענשען. לערענט ער איז געלערענט, ער איז מיט דעם גאַנצען קאָפּ אַרײנגעטאָן אין לערנען. ער דענקט, טראַכט וויל גרינדליך איטליכע זאַך פערשטעהן; נאָר קוים צוגעמאַכט דעם ספר, איז ער ווי איבערגעביטען געוואָרען, ער לעבט, שטיפט — אַ יונגעל מיט די בײנער. איבערהויפּט האָט שלמה׳לעס כאַראַקטער פון קינדווײז אויף זיך געוויזען עפּעס ווי אַ צונויפגעשטעלטער פון פערשײדענע מינים, נישט פון אײן שטיק מאַטעריע. עפּעס האָבען צוויי נשמות — אַ מלאך מיט אַ רוח, געשטעקט אין איהם בײדע אינאײנעם. ער איז געווען אי אײַנגעשפּאַרט, האַרט ווי אַ שטײן, אי ווײך ווי אַ טײג, לאָזענדיג זיך פיהרען אַ מאָל בײַ דער נאָז; אי בײז, אי מילד, גוט ווי די וועלט; אי ביטער־גאַל, אי צוקער־זיס; אי ערנסט, אי אַ קאַטאָוועסטרײבער; אי אומעטיג־פערטראַכט, אי לוסטיג פרעהליך. שלמה׳לע איז בטבע געווען אַ הײס־בלוטיגער, אָנצינדענדיג זיך ווי אַ שוועבעלע, ווי באַלד נאָר עפּעס האָט איהם געטאָן אַ ריהר. די פײַערדיגע רעד פון די נביאים, די דערצעהלונגען זײערע איבער גאָט, איבער די וועלט, האָבען אויפגעוועקט זײַן כח־הדמיון און איהם געגעבען גענוג שטאָף צו דענקען, צו טראַכטען. — „איך האָב געזעהן גאָט, זאָגט ישעיה הנביא, ווי ער זיצט אויף זײַן הויכען שטול, די פּאָלעס צעשפּרײט, פערנעהמען דעם הײליגען פּאַלאַץ. שרפים — ברענענדיגע מלאכים, שטעהען איבער איהם, איטליכער מיט זעקס פליגעל... און עס רופט אײנער צום אַנדערן און

אַנט: קדוש, קדוש, קדוש — הייליג, הייליג, הייליג איז דער גאָט צבאות, פול איז די וועלט מיט זיין כבוד! און עס וויגט זיך, עס ציטע-רען די ווילען דאָרט פונ׳ם שרייענדיגען קול, און דאָס הויז ווערט פול מיט רויך. אוי, זאָג איך, וועה איז מיר, איך בין פאַרביי! איך בין דאָך אַ מענש מיט איין אומריין מויל און צווישען אַ פאָלק מיט אַ ביז אומ-ריין מויל געפין איך מיר". שלמה׳לען זיינען די דאָזיגע ווערטער שטאַרק אין קאָפּ אַריין. ער הויבט אָן צו טראַכטען איבער גאָט, זיך פאָרצושטע-לען מלאכים מיט פליגעל, און וויל אַלץ וויסען זעהר פיעל אַזוינס, וואָס פּיקט איהם דעם מוח, פאָדערט אַ דערקלערונג. פרעגען דעם רבי׳ן — דערצו האָט ער נישט תמיד גענוג מוט געהאַט. איינמאָל האָט ער יאָ זיך געפּרובט מאַכען מיט איהם אַ רעד. רויט-ווערענדיג דערביי פלאַמ-פייער, נאָר דער רבי האָט אויסגעהערט מיט אַ שמייכעלע, שווייגענדיג אַ קרים זיך געטאָן, ווי איינער רעדט: עט!... אויף זיינע שאלות ביי אַנדערע, עלטערע מיט בערד, פלעגט ער בעקומען תמיד איין ענטפער: שאַ, שקאָץ! אַ יונגעלע מאַר נישט פרעגען. אַ יונגעלע בעדאַרף נור פאָל-גען, טאָן וואָס גאָט הייסט — לערנען, דאַווענען, אַז נישט, וועט דער אוי-בערשטער שטראָפען, שמייסען דאָרט מיט אייזערנע ריטער — און פאַר אַ רוט האָט שלמה׳לע געציטערט, נישט אַזוי פאַר דעם וועהטאָג, ווייל אַז מען שמייסט, טוט וועה, ווי פאַר דער שאַנדע — פע, ס׳איז אַ חרפּה!... שלמה׳לען איז פאָרגעקומען גאָט עפּעס נור ווי אַ בייזער פריץ מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנד, פאַר אַ מינדעסטע קלייניגקייט ווערט ער אָנגע-צונדען, אש להבה — שמייסט! ביי אַ מינדסט עברה׳לע: איבערהיפּערן אַ שטייגער אין דאַווענען עפּעס אַ וואָרט, נישט ענטפערן אמן, אַ טרונק וואַסער טאָן אַ מאָל אָהן אַ „שהכל", האָט ער געהאַפּט אַ ציטער און גע-טראַכט: „אוי, וועה איז מיר, אוך בין פאַרביי.

און ווער שמועסט ימים-נוראים, וואָס, כפי יודען זאָגען, אפילו אַ פיש אין וואַסער ציטערט דענסטמאָלט — איז שלמה׳לע געווען אין איין שרעק. דער גאַנצער ענין פונ׳ם אויפשטעהן צו סליחות, דאָס האַפּעניש, לויפעניש אין שול, אויפ׳ן פעלד, דאָס יאָמערן-וויינען, דאָס טרויערדיגע ניגון׳דיל ביי׳ם דאַווענען, דאָס אומעטיגע פנים׳ל פון דער מאַמע און פונ׳ם גאַנצען הויזגעזינד, גלייך ווי עס הענגט איבער זיי די רוט און מען קען זיי, מחילה, מקיים-פּסק זיין — אָט דאָס אַלסדינג האָט אויף איהם אָנגע-מאַכט אַ שרעקליכע פינסטערע מרה-שחורה, ס׳איז איהם נישט ניחא גע-ווען דער גאַנצער יום-טוב, די פיש מיט דעם צימעס, עס האָט איהם

זיך נור געדאַכט, ווי ער, דער אייבערשטער, זיצט אויף דעם הויכען שטול, די פּאָלעס איבער דעם מקום קדוש, ברענענדיגע מלאכים אַרום איהם, פליהען ברענגען ספרים, שרייבען, רעכנען איטליכענס עברות מיט אַ רעש, אַ געפּילדער, און עס וויגט זיך די וועלט, עס ציטערן די טויערן פונ׳ם הימעל פון זייער געשריי — און ער טראַכט: „אוי, וועה איז מיר, איך בין פאַרביי!“...

נאָר אַזוי ווי אין דער וועלט איז שוין געשטעלט, אַז עס נישבאַ אין איהר אינגאַנצען גוט׳ס, אָהן עפּעס שלעכטס, און ריין שלעכט, וואָס דרינען זאָל נישט שטעקען עפּעס גוטס, איז דעריבער אויך מיט די ימים־נוראים געקניפּט און געבונדען געווען זאַכען אַזעלכע, וואָס האָבען גענלינדערט אַביסעל דעם שרעק, צוגעגעבען אַ זיסקייט דער ביטערע מרה־שחורה. די וויכטיגסטע פון יענע אַלע זאַכען זיינען עס די „ישובניקעס“, די אַרענדאַרעס פון די דערפער, וואָס פלעגען אויף די הייליגע טעג קומען מיט זייער הויזגעזינד אין שטאָדט אַריין. דאָס אָנקומען זייערס האָט אויפגעריהרט דאָס שטעדטעל, אָבגעמונטערט, אָבגעפרישט אַביסעל דעם עולם, און עס האָט געהאַט עפּיס אַ מין בעזונדער טעם — בצבֿונג בדבש, האָניג מיט פעפער און ציבעלעס אינאיינעם.

די היסטאָריע פאָדערט, אַז די זאַך זאָל דאָ אַביסעל מעהר דערקלערט ווערען, זיסט, וועט אפשר אין איהר פעהלען זעהר אַ וויכטיגע בלעטעל, און פאַר די שפּעטערדיגע דורות — זאָגט! ווער ווייסט? — קען די זאַך בלייבען נישט פערשטענדליך.

## 5.

פונ׳ם חודש תשרי הייבט זיך אָן אַ צעטעל ימים־טובים: די ביידע ערשטע טעג פונ׳ם חודש איז ראש־השנה, דער צעהנטער טאָג — יום־כפור, זיי הייסען ימים־נוראים, שרעקליכע טעג, און אינאיינעם מיט די טעג, וואָס צווישען זיי, הייסען זיי אויך עשרת־ימי־תשובה — צעהן טעג צייט, חרטה צו האָבען אויף די זינד: וויינען, בעטען און אויסבעטען אַ גוט יאָהר. דענסטמאָל איז אויפ׳ן הימעל אַ יריד, עס קאָכט זיך דאָרט אַ שרעק.

„ונתנה תוקף קדושת היום, און דערצעהלען וועלען מיר — אַזוי טוט זיך דער מהוור דאָרט אַ זאָג — די שטאַרקע הייליגקייט פונ׳ם טאָג. דען שרעקליך פאָרכטיג איז ער צוגלייך, אין איהם שטייגט הויך דיין קעניגרייך. אויף גנאָד איז, נאָט, דיין שטול געשטעלט, דו זיצט מיט אמת אויף איהם צו ריכטען די וועלט. יאָ, אמת! דו ביזט דער ריכטער און פערקלאָגער, דו ווייסט און ביזט דער עדות־זאָגער. דו שרייבסט און חתמ׳סט, צעהלסט און רעכענסט אַלץ מיט צאָהל, געדענקסט פערגעסענע זאַכען, וואָס העט אַמאָל. דו עפענסט אויף דאָס קאָנטעבוך, עס לייענט דרוים אַליין זיך איטליכס וואָרט, פון יעדען מענשען אייגנהענדיג שטעהט די חתימה זיינע דאָרט. מיט׳ן גרויסען שופר טוט מען דאָרט אַ בלאָז, אָווא! אַ דינע שטימע לאָזט זיך הערען — שטיל, שאַ. מלאָכים יאָגען, אין איינע שרעק אַהער־הין און זאָגען: עס־איז אָט־אָ דער יום־הדין, אויף אָבצורעכענען זיך מיט׳ן גאַנצ׳ן געזימעל, אָ־דאָ אין הימעל! דען וויל אין דיינע אויגען ריין און פיין, איז ביי׳ם געריכט נישט מעגליך זיי צו זיין, און אַלע אויף דער וועלט ווי ברייט זי איז און לאַנג, געהען דיר פאַרביי, ווי שעפעלעך אַ גאַנג. ווי זיינע לעמער קוקט דער פעסטיך איבער גוט, ער לאָזט שאָף זיינע דורכגעהן אונטער׳ן רוט, אַזוי אָט נעהמסט דו אַלע ב׳שעפעניש אַפיר, דו רעכענסט, צעהלסט און לאָזט פאַסירען זיי

פאַר דיר. בעשטימסט פאַר יעדען זיינס פאָראויס, און גיבסט זיין פסק יעדען אַרויס, ראש־השנה ווערט אויף זיי דאָרט אָנגעשריבען, יום־כפור אָבגע׳חתמ׳ט אונטערשריבען. וויפיעל זאָלען אומקומען, וויפיעל זאָלען צוקומען, ווער זאָל לעבען און ווער שטאַרבען, ווער אויסלעבען זיין צייט זאָל ביז צום עק, און ווער פון דאַנען פאַר דער צייט אַוועק. ווער אין פייער אַ טויט אַ שווערען, ווער דורך אַ שווערד, ווער דורך אַ חיה זאָל דער׳הרג׳ט ווערען, ווער פאַר הונגער, ווער פאַר דאָרשט און נויט, ווער דורך שטורם און ווער דורך מגפה אַ טויט. ווער דערשטיקעניש, אין האַלז אַ ביין, און ווער — אין קאָפּ אַ שטיין, ווער זאָל צו הויז זיך רוהיג בלייבען, און ווער אין דער פרעמד זיך אַרומצוטרייבען, ווער זאָל זיך לעבען שטיל, און ווער אין דולעניש פיעל, ווער אין פריידען, ווער אין ליידען, ווער אָנווערען, ווער רייך ווערען. ווער האַלטען זאָל אַראָב און ווער אַרויף דעם קאָפּ״.

און ווי דער יריד. דער רעש אויפ׳ן הימעל, אַזוי רעש׳ט זיך אויך דאָ אויף דער ערד. נאָך מיט אַ חודש פריהער טוט אין די שולען אַ בלאָז דער שופר און וואָהרענט: יודען, עס געהט דער יום־הדין! און יודען הויבען בעצייטענס אָן זיך אַרומקוקען, מאַכען אַ קלאָרען חשבון פון זייערע מעשים אַ גאַנץ יאָהר, און טוען אַלע מיטעל, ווי אַרויס ריין פונ׳ם משפט, וואָס שטעהט זיי פאָר — זיי זאָגען סליחות, זוכען זיך גוטע אַדוואָקאַטען אין צדקה. אין אַלטע זכות אָבות, צו זיין מליצי יושר, פירשפּרעכער פאַר זיין הייליגען כסא־הכבוד.

טאָן תשובה, בעטען, מיט צדקה שמירען —
דאָס העלפט אַ שלעכטען פסק צו קאַסירען.

די אַרענדאַרעס פון דערפער אַרום און אַרום קומען מיט קינד און קייט, האַק און פאַק אין די שטעדט אַריין, אינאיינעם מיט כל־ישראל צושטעהן דאָרט פאַר גאָטס געריכט און אויסבעטען פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט מענשען, גאָר אָהן אַ שום חילוק, אַ גוט יאָהר, אַ דערלייזונג פון אַל־דאָס בייז.

דאָס ‍‍‍…עדטעל ק... איז גאָר נישט דאָס שטעדטעל, וואָס אַ גאַנץ יאָהר, וואו מען זעהט קיין פרישען מענשען נישט און וואו דאָס לעבען פליסט געוועהנטליך ווי אַ שטיל וואַסערל רוהיג, עפּיס ווי פערשלאָפען. אַ פּאָר טעג פאַר ימים־נוראים חאַפּט עס זיך אויף. עס ווימעלט פון נייע

פאַרשווינען, וואָס קומען פונ׳ם ישוב, פוהרלעך אָנגעזעצט מיט ווייבער און קינדער אויף גאַנצע בערג בעבעכעס, איבערבעטען, זעקלעך שפּייז און שטייגען מיט עופות ציהען זיך איבער די גאַסען. בעלי־בתים, יונגע לעך, ווייסע חברה, געהען און לויפען אַ קעגען, איטליכער אַקעגען זיין אָרענדאַר, וואָס שטעהט ביי איהם יום־טוב אויף סטאַנציע. פון ביידע זייטען שיטען זיך רייד הויך אויף אַלערליי קולות — פון דאַנען שאלות: פאַר וואָס אַזוי שפּעט? פאַר וואָס אַזוי און פאַר וואָס אַזוי? און פון דער אַנדערער זייט מעשיות, וואונדער און נסים גרויסע: עס האָט געלאָפּנעט אין וועג אַנ׳אַקס, געפאַלען אַ פערד, אָבגעריסען אַ בריק, אַ מעוברת ווייבעל האָט זיך פערוואָלט אין מיטענדרינען געהן צו־קינד, זיך איבערגעקעהרט אַ וואָגען, מע בעדאַרף גומל בענשען, קוים מיט דעם לעבען אַרויס... דאָרפס־הינט ביי׳ם אָנקומען מיט זייערע בעלי־בתים רייצען אויף די אַלע שטעדטעלדיגע הינט, עס ווערט צווישען זיי אַ געבילעריי, אַ געשלעגעריי, גלייך ווי זיי זיינען נישט ברידער פון דער הינטישער זרע, מיט איין הינטיש מויל, איינע הינטישע ציינער. און באמת טאַקי איז דאָ צווישען זיי אַ גרויסער אונטערשייד. דער דאָרפס־הונט איז דאָס, ווי גאָט האָט איהם בעשאַפען, ווייסט נים קיין פּאָליטיקע, חוץ דעם בעל־הבית און די שטוב קען ער נישט קיינעם, בילט אויף איטליכען אָרים און רייך אַלע גלייך. חאַפּט טאַקי אַ ביין, אַז יענער גיט, חאַפּט און בילט פאָרט ווייטער טאַקי, בילט מיט זיין אייגען קול, נישט פערשטעלט, ער איז פראָסט אָהן אָנשטעלען. דער שטאָדט־הונט אַ קעגען איז שוין עפּעס גע׳מלאָכה׳ט, אויסגעפיינט, אַביסעל פאַלש און האָט מורא פאַר אַ שטעקען — בילט אויף אַנ׳אָרימאַן, אויף אַזעלכען, וואָס קען זיך נישט וועהרען, פאַר אַ שטאַרקען האָט ער אָבשיי, פאַר אַ רייכען שען געקליידט — אַ שרעק! מיט אַ שטיקעל ברויט שוחד פערשטאָפּט מען איהם דאָס מויל, שאַ! גיט יענער פון דער אַנדערער זייט, אַ ווילד פרעמדער גאָר, אַ גרעסער־שטיקעל, טוט ער שוין איהם צוליב, פאָלגט וואָס מען הייסט. ער שפּאַצירט זיך אָפּט אַרום, שמעקט וואו עפּים אַ קערמעשיל, וואָס מען קען חאַפּען אַ לעק, מאַכט בעקאַנטשאַפטען, דרעהט מיט דעם ווידעל, שטעהט אויף די לאַפּקעס און בילט אַמאָל עפּעס גאָר נית מיט זיין קול, גלאַט אַזוי זיך, מען זאָל נישט פערגעסען, אַז ס׳איז דאָ אַ הונט... אַז ער האָט צייהן און קען, אין אַ נויט־פאַל, הינטען אַרום אַ ביס טאָן אויך... אָט די דאָזיגע ביידע מיני הינט אָנקוקען קענען זיי זיך נישט איינער דעם אַנדערען. די גאַנצע צייט, וואָס זיי ביידע געפינען זיך אין דעם שטעדטעל

הערשט דאָרט אַ בילען, אַ האַווקען, אַ שרייען אויף די צייהן, עפּעס אַ „הינטישער וואָפּראָס„, שטענדיגע קריעג און שטענדיגע געשלעג. דער קאָפּ אַזש ווערט דול! וואָרטשון אַ שטייגער, אַ דאָרפס־הונט אָהן חכמות, ווייסט נישט מעהר ווי צו היטען די שטוב, ליגט זיך אויסגעצויגען אין דרויסען פאַר דער טיר, קוקט בייז ווי אַ רוח מיט פערלאָפענע פון בלוט, האַלב צוגעמאַכטע אויגען, רייבט, קראַצט דעם בויך אין דער ערד, שטיל אונטערפּישטשענדיג פאַר גרויס הנאה, פלוצים רוקט זיך אונטער קאַשטאַן, אַהויכער, אַ דאַרער, איינער פון די שענע בעלי־בתישע שטאָדט־הינט. ס׳איז איהם פון דערוויטענס אין דער נאָז אַריין אַ ריח פון יודישע פיש, אויף וועלכע ער איז אַ גרויסער בעלן, אויך אַ ריח פון געבראָטענס, וואָס קאָכט זיך לכבוד יום־טוב דאָרט אין שטוב, און ער לאָזט זיך, ווי געוועהנטליך, צוקומען נאָהענט, שמעקען, נישטערן, תּאָמר וועט דאָס מזל איהם דיענען אַ חאַפּ טאָן עפּים. וואָרטשונען אָבער איז די זאַך נישט געפעלען — וואָס געהסט־דו, עזות־פּנים, אין מיין גבול אַריין? און וואָס איז עס גלאַט פאַר אַ מאָדע, הונט איינער, ארומגעהן איבער די הייזער. אַריינשטעקען אַ מאָרדע, וואו מען בעדאַרף נישט?! ער גיט זיך אויף איהם פון הינטען פלוצים אַ וואָרף. טוט אַ ביס און רייסט איהם אוים אַ זשמענע האָר. קאַשטאַן ווערד אַזש פערצאַפּעלט, פערלעגט, מחילה, דעם ווידעל, חאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס — און אַוועק־אַוועק מיט אַ קוויטש... דאָס אייגענע איז אויך מיט פּילקען, אַ שוואַרץ הינטעל מיט אַיין אויסגעקרימטען רוקען און הינקענדיג פיסעל, וואָס לעבט פון קצבה — פון יודישע פּאָמוניצעס. ער לאָזט זיך, ווי דער שטייגער זיינער איז, צו אַ יודענס שטוב, וואָס זאָל ער דאָ איבערטראַכטען? פלוצים טוט איהם אַ חאַפּ טרעזאָר, אַ געזונטער, אַ קודלאַטער דאָרפס־הונט, און ברעכט איהם אַ פּיין, אַזוי אַז ער פערגעהט זיך נעבעך פאַר וועהטאָג, לויפט שפּרינגענדיג, דאָס הינקענדיג פיסעל אין דער לופטען. דאָס געזעסעל אין דער זייט אויסגעקרימט און היילט, רויעט אויף אַ גרילצענדיג קול. אַזאַ פּסק חאַפּען אויך נאָך אַנדערע שטאָדט־הינט. ס׳איז זיי פערשטערט דאָס לעבען — נישטאָ קיין צוטריט צו אַ יודישע שטוב! דערפאַר אָבער דערטאַפּען זיי אַ דאָרפס־הונט ביי זיך, ערגיץ אויף דער גאַס, מעג ער שוין זיך געזעגענען מיט דעם לעבען. זיי וואַרפען זיך אויף איהם פון אַלע זייטען, שאַרפען די צייהן, צופּען און רייסען. עס ווערד אַ געקוויטשעריי, נישט אויסצוהאַלטען. קונדסים מישען זיך אויך אַריין, הידען אונטער, וואַרפען שטיינער, כאַטעס שטעהען אין

די טהירען, רופען, שרייען און שעלטען. יודען אויף דער גאס האפען א ציטער, ראטעווען זיך און לויפען גאר און איין אטעם, האלטענדיג זיך ביי די פאלעס.

הכלל עס רעש'ט זיך, עס קאכט זיך, דאס שטעדטעל איז אויף, ס'איז, ווי מען זאגט, ליהודים! דאס לעבען אין דעם שטעדטעל געהט שוין שטארקער, עס זעהט אויס, ווי א שטעהענדיג טייכעל. וואס וועסנער־צייט צוגיסט זיך עס, פליצט ניך, האסטיג מיט א גערויש.

און בשעת דעם גערויש ווייזט זיך פון דערווייטענס א לאנגער וואגען פול אנגעזעצט מיט חנא מליניצערס הויזגעזינד. די אלטע שקאפע, וואס האט א ביסעל זיך צוגעשטעלט אויפ'ן וועג, טוט זיך אצונד אן א כח, אריינפאהרען אויף דעם מארק קוממיות, האפערליך, מיט דער פאמפע. און לכבוד דעם שטעדטעל ולכבוד די פארשוינען, המסובין בכאן אויפ'ן וואגען, פעררייסט זי דעם וויידעל, שטעלט אויף די אויערען, הייבט פיסלעך און העצקעט זיך לעבעדיג־פרעהליך מיט א טאראראם, א גע־קלאפערײ פון די רעדער. צוציק לאזט זיך פאראויס מיט דער בשורה — אז מען פאהרט! היטענדיג זיך, פון דעסטוועגען, די ביינער ביי א בע־געגעניש מיט זיין גלייכען, אין הינטישע מיילער נישט אריינצופאלען. יענע איהם א שמעק — שלום עליכם, און ער יענע א שמעק — עליכם שלום! מאכט ער אב בקיצור, א שמעק נאר פון יוצא וועגען, דרעהט זיך באלד טאקי אויס און לויפט ווייטער, די „זקנה" נאך איהם, האץ־האץ ביי ר' חיים'ס שטוב, וואס פון א ד״שע צייט יאהרען שטעהט דארט איין חנא פון דער מיהל מיט ווייב און קינדער — א גרויס פעקעל, אהן עין־הרע!

פאר שלמה'לען שטעלט זיך דערנסטמאל א וועלט מיט נייע עסקים, ס'איז דא ברוך־השם וואס צו טון, אויף וואס צו קוקען, וואס צו בע־טראכטען. לאז זיך שוין גאט אנשרייבען דארט. וואס ער וויל, דערוויל אבער אז מען לעבט, בעדארף מען לעבען.

קודם־כל האפט שלמה'לע זיך ארויף. באלד טאקי נאך חנא'ס אבקומען אויף דעם וואגען, עטליכע קונדסים אריין מיט איהם, א פאר שטעהען, אנהאלטענדיג זיך פון הינטען, צווישען די רעדער — און היידא! מען ציהט ביי די לייצען, מען שמייסט, מען מאכט מיט די ליפען, שרייעט אין איין קול: „ויא־ויא": אין כעס טוט א פאהר א ביסעל פארביי

דער שטוב. דערנאָך נעהמט מען צום סמיך צוציק'ן, מען טוט מיט איהם אַ רעד עפּעס אויף איין אַנדער מין לשון, אַריינלאָזענדיג זיך מיט איהם אין די הויכע דרכים, פערהערענדיג איהם. וואָס ער קען, פריהער פון דערוויטענס, מיט אַבשיי, אונטערוואַרפענדיג איהם שטיקלעך ברויט, שפּעטער אַלץ נעהנטער ביז מען פערלירט דעם דרך־ארץ, און עס ענדיגט זיך, ווי דער שטייגער איז, מיט אַ שטיין און מיט אַ קוויטש...

שלמה'לע אינטערעסירט זיך אויך שטאַרק מיט די נייע מיני דאָרפס־פּאַרשוינען, אַלצדינג אין זיי קומט איהם אויס עפּעס משונה. מיידלעך אין נייע גראָבע שיך און זאָקען, אין נייע סיטצענע קליידעלעך פון אַ מיתה־משונה־קאָליר, מיט גרויסע רויטע קוויטען, גלאָצען אויס גרויסע קעלבערנע אויגען, אַ פינגערל אין דעם מויל — און קוקען. יונגלעך אין תּאַלאַטלעך, אין נייע קנאַקענדיגע לייבסערדאַקלעך אין לייווענדענע פלידערלעך, בלאָזען זיך, שעמען זיך, קאַלופּען די נאָז — און שיסען פּלוצים אויס, אין קולאַק, אַ געלעכטער, ווישענדיג בשעת מעשה טאַקי מיט דעם אַרבעל, מיט דער פאָלע די נאָז, מחילה. היינט דאָס רעדען זייערס, דאָס עסען, איז אויך עפּעס אומנעלומפּערט — דאַכט זיך גערעדט, און ס'איז עפּעס נאָר געבעבעט, דאַכט זיך, געגעסען, און ס'איז עפּיס נאָר געפרעסען. אַ קייען אַ ביסעל, מישטעהנם־געזאָגט, אַ מאַכען מיט די באַקען, אַ זופען מיט אַ הילך! דאָס אייגענע פּנים, דאַכט זיך, דאָס אייגענע פליישׁ, און פאָרט עפּעס נישט אַזוי ווי ביי שטאָדט־לייט — עס שמעקט עפּעס מיט דאָרף. די ווילדע גאַנז, אַ שטייגער, איז דאָס אייגענע טאַקי וואָס די היימישע, איין פליישׁ, און דאָך עפּעס אַנדערש — אַנ'אַנדער טעם, אַנ'אַנדער קאָליר. חנאַ אַליין איז אייגענטליך געווען נישט קיין גראָבער מענש, נאָר צווישען איהם און ר' חיים'ן איז גאָר קיין פערגלייך. דער חילוק צווישען זיי ביידע האָט שלמה'לען געוואָרפען זיך אין די אויגען — חנאַ אַקעגען דעם טאַטען האָט גאָר עפּעס קיין פּנים נישט! ס'איז אויך אַ גרויסער חילוק צווישען טויבע־סאָסיען, חנאַ'ס ווייב, און דער מאַמע זיינער. טויבע־סאָסיע איז אַ ברייטביינערדיגע, אַ יאָדערדיגע; איהרע הענד, איהר פּנים זיינען עפּיס מנושם: פערברענט, פערבראָטען פון דער זון. געהט זי — איז געגאַנגען, מען פיהלט, אַז זי שטעלט אַ פוס, רעדט זי — איז גערעדט מיט לעפצען, אויף דער געמבע. זי איז גוט, נאָר אָבער פראָסט. זי איז פרום, וויינט ביי ליכט־בענשען, חליפעט ווי באַלד זי דערהערט פון דער פירזאָגערין אַ קול, האָטש זי פערשטעהט נים קיין וואָרט. אַקעגען־זשע שרה די מאַמע זיינע,

איז אַנ'איידעלע, אַ שוואַכע. האָט קליינע, ווייסע הענד מיט דינע בלויע עדערלעך, אַ פערפרומט בלייך פנים מיט דינע ליפּען — אינגאַנצען עפּעס אַ רוחניות, און אַז זי גערט, דאַכט זיך, זי שוועבט. זי איז אַ וואוילקענע־דיגע, קען אַלע תחינות פון ארץ־ישראל, ווייסט אויך דעם „מעין־טהור", אַלע דינים פון „חנ"ה", וואָס געהערען זיך אָן מיט איין אשה, לייענט דעם „צאינה־וראינה", דעם „מנורת־המאור" און נאָך אַזעלכע ספרים. ווייזט ווייבער אין שול צו דאַוונען, וואָס צו זאָגען, ווען צו שפּרינגען קדוש, לייענט זיי אויך פאָר, און האָט מיט זיך דאָרט, אין דער ווייבער־שער שול, אַ לימענע אָדער טראָפּענס אַזוינע, אויפצומינטערן אי זיך אי אַנדערע בשעת דעם חלש'ן.

און באמת טאַקי, אַז שרה פלעגט לייענען, האָט מען געקענט טאַקי חלש'ן. איהר לייענען איז געווען פול מיט געפיהל, איהר גנוּ'דיל דערביי האָט גערירט, געצופּט ביי דער נשמה, אַ שטיין אפילו וואָלט פון איהרע טרערען אויך צוגאָסען געוואָרען. ס'איז כדאי אויף אַ ציקאַ־ווּעשט צו שטעלען דאָ האָטש אַביסעל פון דער תחינה ערב יום־כפור, ביי די וועקסענע ליכט מאַכען.

שרה לענט קנייטלעך. ווייבער, שכנות מיט געבראָכענע הערצער שטעהען אַרום איהר. זי לייענט און לייענט זיי דערביי פיר מיט אַ ריהרענ־דער שטימע טיעף פונ'ם האַרצען:

„רבונו של עולם, דערבאַרמדיגער גאָט! די ליכט וואָס מיר ווע'לען מאַכען אין שול אַריין פאַר דיין הייליגען נאָמען וועגען און פאַר די הייליגע ריינע נשמות, זאָלען דערוועקען די הייליגע אָבות ואמהות, זיי זאָלען אויס זייערע קברים פאַר אונז בעטען, אַז קיין בייז, קיין צרות, קיין לייד זאָלען אויף אונז נישט קומען, און אונזער ליכט און אונזער מאַנענס ליכט און קינדערס ליכט זאָלען נישט אויסגעלאָשען ווערען פאַר דער צייט, חס ושלום... ווי איך וועל לעגען דעם פאָדעם פון די קנייטלעך פאַר אונזער פאָטער אַיירהם, וואָס דו האָסט איהם מציל געווען פון דעם פייער אין קאַלכאוויוועז, אַזוי זאָלסט־דו אונז רייניגען פון זינד, אונזער נשמה זאָל קומען ריין פון שולד צו דיר, ווי זי איז גע־קומען ריין אין אונזער גוף אַריין. — אין דעם זכות, וואָס איך לעג דעם פאָדעם פאַר אונזער מוטער שרה, זאָל גאָט ברוך־הוא אונז געדענקען דעם זכות פון איהר צער, אַז מען האָט איהר ליבש זוהן יצחק געפיהרט

צו דער עקדה. לאָז זי אַ גוטע מליצה זײן, אַז מען זאָל ניט חאַפּען בײ אונז אונזערע קינדערלעך, זײ זאָלען פון אונז נישט אַוועקגענומען ווערען און נישט פערוואָרפען ווערען ווײט פון אונז ווי די בלודנע שעפּעלעך. — אין דעם זכות, וואָס מיר לעגען דעם פאָדעם פאַר אונזער פאָטער יצחק, זאָלסט דו זיך איבער אונז דערבאַרמען, אַז מיר זאָלען קענען מגדל זײן אונזערע קינדער, זײ קענען האַלטען בײ אַ רבי׳ן, עס זאָלען, ווו דאָס ליכט, אונזערע קינדערס אויגען לײכטען אין לערנען, אין דער ליעבער תורה... פאַר דעם פאָדעם, וואָס מיר לעגען פאַר אונזער פאָטער יעקב, וועלכען דו האָסט געהאָלפען פון די שונאים, בײגעשטאַנען איהם אין זײנע נױטען, אַזוי זאָלסט־דו אונז העלפען פון כל המשחיתים והמקטרגים, זײ זאָלען נישט קענען אַנרעדען אויף אונז שלעכטס, אויסטראַכטען בלבולים, צו פערשוואַרצען אונזער נאָמען... מיר זאָלען אין דעם יום־הדין האָבען אַ גוטען משפט מיט אונזערע מאַנען און קינדער, מיר זאָלען חלילה נישט זײן קײן אלמנות און אונזערע קינדער קײן יתומים... בזכות שלמה וואָס האָט געבויעט דאָס בית־המקדש און תפילה געטאָן, ווען אפילו נישט קײן יוד, אַ פרעמדער גאָר פון אײן אַנדער אומה, אַז ער וועט קומען אין בית־המקדש אַרײן און דיך בעטען, זאָל זײן געבעט אויך אָנגענומען ווערען — אין דעם זכות, רבונו של עולם, זאָל נישט פער־שלאָסען ווערען דער טויער פונ׳ם הימעל פאַר מײן געבעט און לאָמיר געדאַכט ווערען מיט מײן מאַן און מיט מײנע קינדער און מיט אַלע לײט צום גוטען אין דעם נײעם יאָהר. אָמן!״

לאָז נאָכדעם לאַכען, ווער עס קען, לאָז ער זאָגען, אויב עס לעגט זיך איהם דאָס מויל, אַז דאָס איז נאַרישע זאַכען — אַהער ליכט, אַהער אַ סך אַזעלכע רײנע נשמות־ליכט! אַ סך אַהער אַזעלכע ברענענדיגע געפיהלען, רײנע הערצליכע ווערטער, הײסע טרערען, געבעט און ליעבשאַפט צו תורה און חכמה, ליעבשאַפט צו מענשען, צו אַ גאַנצער וועלט מענשען! און דאָס אַלצדינג בײ וועמען איז עס? בײ יודענעס, בײ פּראָסטע יודענעס, וואָס אָנקוקענדיג זײ פון דרויסען. דאַכט זיך, זײ זײנען גאָר נישט; וואָס אָנקוקענדיג זײ פון מאַרק, דאַכט זיך, זײ זײנען משונה פערגרעבט... הלואי אַ סך אַזעלכע ווײבער מיט אַזעלכע געפיהלען און אַזעלכע ווערטער!

דאָס מעגען הערען יענע, יענע... און וויסען וואָס אַזוינס אַ יודיש האַרץ בעטײט, מעגען הערען און — שטומען!

## 6.

אַ פּאָר יאָהר איז דרינען זינט שלמה'לע האָט אָנגעהויבען לערנען תנ"ך, איינגאַנצען איז ער נאָך אַ קינד, און ווּאָס פּאָרט, רבונו של עולם, האָט ער שוין נישט איבּעגעלעבּט, וואו איז ער אין דער דאָזיגער צייט שוין נישט אויסגעווען? טאַקי גאָר עפּעס ווי איין אַלטער, וואָס וואָלט אַוועקגעלעבּט מתושלח'ס יאָהרען! — ער איז געווען אין ארם־נהרים, אין כּנען, אין מצרים, אין פּרס ומדי און שושן הבּירה דאָרט, און נאָך אין מדינות, פון הודו בּיז כּוש, אויך אין דער וויסטעניש, אין מדבּריות און אַנגעזעהן זיך, אָנגעהערט זיך דאָרט זעהר פיעל וואונדערליכע זאַכען. לאָז מען פון דעסטוועגען קיין טעות ניט האָבּען, מ'שט מיינען, אַז עס האָט זיך געמאַכט עפּעס איין אומגליק, און ר' חיים האָט געמוזט עוקר זיין, זיך אַרומוואָגלען מיט זיין הויזגעזינד נעבּעך, אָדער אַ שרפה, אַ מגפה, אַ בּייזע מהומה, נישט דאָ געדאַכט, איז אָנגעשיקט געוואָרען אויף דעם שטעדטעל, און די איינוואוינער זיינען זיך צעלאָפען, האָבּען, ווי דער שטייגער פון יודען איז אין גלות, זיך צעשלעפּט אהער, אַהין, איבּער דער גאַנצער וועלט. חלילה, קיין צער קיין בּייז! דאָס שטעדטעל איז ווי פריהער אַ שטעדטעל, די איינוואוינער ווי פריהער איינוואוינער, ר' חיים איז ר' חיים, אַלצדינג ווי פריהער, איטליכער, בּרוך־השם, אויף זיין אָרט און שלמה'לע האָט פונ'ם שטעדטעל קיין פוס אפילו ניט אַרויסגעשטעלט. — וואָס־זשע דען? דאָס איז אַזוינס, וואָס פאַר אַלע אַנדערע פעלקער איז עס אַ סוד, גאָר ניט צום פערשטעהן, נאָר בּיי יודען פערלויפט זיך עס זעהר אָפט. בּיי יודישע קינדער נאָר געשעהט אַזוינס, אַז מען זאָל זיצען טאָג ווי נאַכט פערשפּאַרט אויף איין אָרט, נישט צו וויסען, וואָס דאָ אַרום געהט פיר, וואָס מען בּרויכט צו לערנען, צו טאָן, בּכדי צו לעבּען מיט לייטען גלייך; מען זאָל אויסגעטאָן זיין פון אַלצדינג

דאָ, מבטל זיין אַלע זאַכען, וואָס זיינען ווייט. פשוט [illegible] לעבען אַריין און [illegible]בערטראָגען זיך איינגאַנצען מיט די ב[illegible] און אַלע געדאַנקען העט ווייט אין איין אַנדער עולם, אין אַנדערע צייטען; מעז זאָל נישט זעהן פאַר זיך די וועלט, דאס וואָס פאַר דער נאָז, און אָבגעבען זיך איינגאַנצען נאָר מיט אָזעלכעס, וואָס העט אַ מאָל, צו וועלכעס מען בעדאַרף נישט האָבען אַזוי די אויגען און די אַנדערע מענשליכע גראָבע חושים ווי אַ שאַרפען כח הדמיון — אַ דווילע נאַקעטע נשמה אָהן לייב, אָהן לעבען!

שלמה׳לע נאָך אַ יונג קינד, אַ הינדעלע וואָס ליגט נאָך אין דער איי, נישט צו וויסען דאָס אָרט, דאָס לאַנד, וואו ער איז, נישט דאָס פאָלק, די מענשען, צווישען וועלכע ער געפינט זיך; וואָס פרעגט איהם בחרם פון אַ לעבען דאָ צו זאָגען — ער, שלמה׳לע, בעקלאָגט זיך אין די געדאַנקען אַרום ערגעץ אין די ווייטע מקומות דאָרט! ער איז פערוואָגעלט אין מצרים, אין די לענדער פון סיחון, עוג מלך הבשן און נבוכדנצר מלך בבל, דער קאָפּ ליגט איהם אין דעם ים־סוף, אין דעם ים־המלך, אין דעם טייך פרת און דעם ירדן. פאַר איהם געפינען זיך מיני מענשען, מיט וועלבע מען בעדאַרף רעדען לשון־קודש, עפּעס גאַר תרגום, מען זיצט זיך ביי זיי אין געצעלטען, מען רייט אויף מויל־אייזלען און קעמלען, מען טרינקט פון אַ „לאָגעל", מען געהט באָרפיס און טראָגט נאָזבאַנדען, אַלצדינג ווי דער שטייגער איז. אונזער נאַטור דאָ, מיט איהרע מיני געוועקס, חיות און עופות געהער זיך מיט שלמה׳לען נישט אָן. וואָס מאַכט עס איהם אויס פעלדער מיט תבואה — קאָרען, רעטשקע, קאַרטאָפלעס, פון וואַנען ער עסט אַ „קרופּניק" מיט ברויט אַלע טאָג? וואָס ווייסט ער אַ סאָסנע, בערעזענע און דעמבענע בוימער! ער ווייסט נאָר ביי זיך אין האַרצען: וויינגאַרטנער, טייטלען, פייגען, מילגרוימען און איילבערטען, פימסענהאָלץ און בוקסענבוימער. פון לעבעדיגע מיני בעשעפעניש ווייסט ער: אַ ווייזעלטיר, אַ לינדענוואָרם און אַ פיפערנאַטער, אַ לעמפּערט, אַ אינד, וואָס טוט טאָן גלוסטען אויף קוואַלען וואַסער, אַ שור־הבר און אַ טירקעלטויב. הכלל, שלמה׳לע איז נאָר אַ געבירטיגער דאָ און אַליין איז ער עפּעס ווי נישט קיין היגער, לעבט ערגיץ דאָרט, דאָרט... זיין צייט איז פאַרצייטען און זיין וועלט איז אַ יענע, וואָס אַ מאָל, דאָ איז ער אַ גר און דאָרט — איין אַלטגעזעסענער; ער קומט אַ היים, נאָר אויף אַ ווײלע, ווי אַ גאַסט אויף דער סטאַנציע, עסט־אָב, נעכטיגט איבער — און מאַרש אַהין, ווייטער טאַקי אַהין!...

זיין לעבּען איז, ווי דאָס לעבּען פון טויזענדער אַנדערע שלמה'לעך, נאָר פון אַ זכר ווענען — אַזוי און אַזוי איז געווען דענסטמאָל, בּימים ההם, אין יענע צייטען.

נאָר לעבּען מיט דעם זכר אַליין דערפון, וואָס איז געווען; בּלייבּען בּיי אַ געשיכטע און דרעהען זיך, דרעהען זיך אויף איין אָרט, ווייטער נישט אויף קיין האָר — אַזעלכעס הייסט נישט געלעבּט, נאָר געטרוימט. אונזערע עלטערן, וואָס זיינען געזעסען בּיי די טייכען פון בּבל און דער קאָפּ איז זיי געלעגען גאָר ערגיץ אַנדערש, האָבּען שפּעטער ערשט, בּיים צוריק־קעהרען זיך פון גלות, דערפיהלט אַליין און אין שמחות דערצעהלט, לויט עס שטעהט אין דעם שיר־המעלות, אַז נישט געלעבּט האָבּען מיר, נאָר היינו כּחולמים, מיר האָבּען גע'חלומ'ט

און ווי בּאַלד אַזאַ לעבּען, וואָס איז אַ חלום, וואָס־זשע איז פאַר אַ וואונדער, אויבּ אין איהם גרויסט זיך אַזוינס, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, אויבּ עס דרעהען זיך אַרום אין איהם רוחות, שלעק, און ס'איז גאַנץ רעכט אויך בּהמית מיט מענשליכע צורות, וכדומה נאָך אַזעלכע ווילדע בּעשעפעניש!...

ווען נישט די ציצית, די מזוזה און קריאת־שמע, די דאָזיגע דריי גוטע שמירות, וואָס האָבּען שלמה'לען אַביסעל בּערוהיגט, וואָלט ער חלילה יונג פון דער וועלט געגאַנגען פאַר גרויס מורא, וואָס ווילדע בּעשעפעניש האָבּען אויף איהם אָנגעמאַכט.

ס'איז כּדאי צו וויסען האָטשע נור אַ טייל חלומות פון שלמה'לעס יוגענד, ווי אַזוי און דורך וועמען ס'איז איהם ענטפּלעקט געוואָרען דער סוד פון רוחות, גלגולים און פיעל אַנדערע שרעקליכע זאַכען נאָך נאָר אין דו קינדישע יאָהרען

אין דעם שטעדטעל ק... פלעגט צייטענווייז זיך אַ וויז מאָן, ווי פּלוצים פונ'ם הימעל אַראָפּגעפאַלען, אַ יוד מיט אַ ווילדער גרויער בּאָרד, איין אויג אַ בּלינדעס, דאָס אויסזעהען זיינס שטאַרק־שטאַרק משונה און געקוקט האָט ער בּייז פון אונטער די לאַנגע בּרעמען, האַלטענדיג אַבּיסעל איינגעבּויגען דעם קאָפּ. זיין אָנקומען האָט זיך געלאָזט הערען אין דעם גאַנצען שטעדטעל, אַלע אין איין קול: דער בּעל־שם, רבּי אליה בּעל־

שם! יודען פלעגען נים קענען זיך זאַט אָנדערצעהלען פון רבי אליה׳ס גרויסע וואונדער פון זיינע סגולות און קמיעות — דאָרט און דאָרט האָט ער אַרויסגעטריבען אַ גלגול, דענסטמאָל און דענסטמאָל האָט ער געהאַט צו טאָהן מיט „זיי", מיט די נישט־גוטע, וואָס האָבען פאַר איהם דאָס ניין־יעהריגע ציטערן פאַר זיין פּיפּס. דערבּיי איז דערקלערט געוואָרען דער טעם פון זיין בּלינד אויג, אַזוי: אַז ער רופט צונויף די שדים וועגען עפּעס אַ זאַך, שיט ער אויף אַ זעקעלע מאָהן און הייסט זיי מיט אַ שפּרוך, בּיז איין מאָנדעל צונויפקלייבען, ווארום אָהן עפּעס איין אַרבּייט, לאָזען זיי איין רגע שטעהן לעדיג, קענען זיי מויק זיין. איינמאָל האָט ער זיך פערגעסען מאָהן אויסצושיטען, האָבען זיי איהם איין אויג אויסגעדראַפּעט

אָט דעם רבי אליה׳ן, איבּער וועלכען עס האָט זיך אַרומגעטראָגען אַזעלכע שרעקליכע מעשיות, אַז שלמה׳לע האָט דערזעהן, איז איהם פאַר שרעק דער מאַמעס מילך ענטפאַלען. אמת טאַקי, ווי רבּי אליה פאָרעט זיך מיט רוחות, דערבּיי איז ער נישט געווען, נאָר דאָס בּלינדע אויגעל האָט איהם בּעוויזען גאַנץ קלאָר, אַז די מעשה, אַ־פּנים איז טאַקע אַזוי—אלא נישט, פאַר וואָס־זשע איז ער בּלינד?... שעטער אַבּיסעל מיט דער צייט, איז איהם בּעשערט געווען צו זעהן אַזוינס אַליין טאַקי, מיט זיינע אויגען,

ווינטער בּיי נאַכט, אַרום ניין אַ זייגער, פלעגט געוועהנטליך שלמה׳לע און זיינע חברים געהן פונ׳ם חדר מיט פאַפּירענע לאַמטערנעלעך אין די הענד, מיט געפּילדער און געזאַנג, פּייפענדיג אין די קולאַקעס און צופּויקענדיג מיט די בּאַקען. קוים איז מען אויפ׳ן וועג צוגעקומען צו דער גרויסער קאַלטער שול, וואו עס דאַווענען אַלע נאַכט מתים, לויט יודען מיט בּערד זאָגען, האָט פּלוצים עפּעס ווי אָבּגענומען דאָס לשון. מען איז אין איין שרעק איבּערגעלאָפען דאָס שטיקעל וועג פאַרבּיי איהר, האַלטענדיג זיך בּיי די ציצית און שרייענדיג, בּיי זיך אין האַרצען, שמע־ישראל! דערנאָך, אַז נאָט האָט געהאָלפען, מען איז פון דער סכּנה אַרויס, האָבען יודישע קינדער, ווי דער שטייגער איז, זיך געשטאַרקט, געעפענט אַ מויל און געזונגען שירה האָפערדיג בּעהאַרצט.

איינמאָל, אין אַ שטאַרק קאַלטער ווינטער־נאַכט, אַז שלמה׳לע איז בּעהאַרצט, ווי געוועהנטליך, אַריינגעלאָפען אין שטוב, האָט מען איהם בּאַלד אָבּגעשטעלט מיט אַ בּייז־אומעטיגער מינע, און דער „גוט׳ן אָוועגט!"

איז איהם געבליבען שטעהן ווי א ביין אין האלז. ער וויל ארויס מיט עפעס א ווארט, נאר מען ווייזט איהם ווינקענדיג מיט א פינגער אויפ'ן מייל — שא! ער זעהט, ס'איז עפעס נישט גלאט. אין שטוב איז טונקעל, די מאמע איז נישטא, פון די מאנסבילען אויך קיינער נישטא, די קינדער זיצען צושטערט, איטליכער פאר זיך אין א ווינקעלע. וואס זאל ער נעבעך טאן? ער געהט, פון קיינעם נישט בעמערקט, אויף די שפיץ־פינגער און קלעטערט ארויף שטיל ווי א קעצעלע אויפ'ן אויווען, חאטש צו דערווארעמען אביסעל די נשמה פאר קעלט. פונ'ם אלקירעל אויף יענער זייט אויווען — א חדר'ל פאר א פאר־פאלק, פאר דעם עלטערן ברודער מיט דעם ווייב — טוט איהם עפעס שטארק א שיין, ער ציהעט ליגענדיג זיך אוים מיט דעם קאפ אהין, גיט בגנבה א בליק און בלייבט פערגאפט, נישט קענען א ריהר זיך צו טאן מיט איין אבר. דאס ווייבערשע בעט דארט איז פערהאנגען, זעהט ער, מיט א פארהאנג, אנגעזעצט פון אויבען ביז אראב מיט בריוולעך שפילקעס, וואס פונקלען אקעגען דער שיין פון אוואניש ליכט, (א גראב־חלב'דיג ליכט מיט א באוולענעם קנייטעל), די באנק, וואס נעבען דער רובע דארט, איז אבגערוקט און אויף איהר ארט איז אויסגעגראבען אין דער ערד א גריבעל. איינער עפעס פון א ווילד אויסזעהן האלט א שווארצען האהן, רויבערט קרייטיכער אזוינע און מאכט משוגע'נע העוויות. טוט א זעץ דעם האהן אין קעפעל און לאזט ארויס אויף משונה קולות עפעס נישט קיין מענשליכע ווערטער: „איה־ביה סטיטיה, אגרפטי, מרום, שמריאל", ער דרעהט מיט די אויגען, בלאזט, שעפטשעט: „מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ", א טופ געבענדיג מיט די פיס, א מאך מיט די הענד, ווי ער ראנגעלט זיך מיט עמיצען, און ביי איטליכעם „מצפץ" דערלאנגט ער א דרעה, א זעץ דעם האהן אין קעפעל אזוי, אז ער פערגעהט זיך נעבעך הארחלענדיג. פון אונטער דעם פארהאנג הערט זיך אויך א שרייען, א קרעכצען, וואס רייסט אוים א שטיק הארץ. דער ווילדער פארשוין צושאקעלט זיך שטארק ביז, ציהעט איין דעם אטעם אין זיך, קוועטשט זיך און לאזט ארוים ווי פונ'ם בויך עפעס משונה'דיגע ווערטער: „תלמכא חישא ובסוסביק פסלמניא", האפט דעם האהן ביים גארגעל, דרעהט מיט איהם ווי צו כפרות, טוט איהם א ווארף אין גריבעל... פערשיט און — דאס ביינקעל שטעהט באלד טאקי ווידער אויף זיין ארט... פון אונטער'ן פארהאנג געהט ארוים א ביטער געשריי, צוגלייך טאקע א קוויטשעלע א געוויין — מזל טוב! זאגט עפעס א יודענע און

די מאַמע, צונעמענדיג אַביסעל דעם פאַרהאַנג און אַרויסשטעקענדיג די קעפ, — אַ יונגעל, הלואי, אויף לאַנגע יאָהר!

— מזל טוב! — מאַכט יענער פאַרשוין, סאָפּענדיג ווי אַ גאַנז — איך האָב געהאַט היינט מיט „זיי" אַ גוט שטיקעל אַרבייט. פון היינט אָן וועלען שוין ביי דער קינפּעטאָרין די קינדער זיך האַלטען אין „ביין בענעמעניש" וועט זיך, גאַנץ זיכער, מעהר נישט טרעפען

דעם פירוש פונ׳ם דאָזיגען ענין און פון „בענעמעניש", איז שלמה׳לע אין עטליכע טעג אַרום געוואָהר געוואָרען דורך „גרויסע", וואָס האָבען וועגען דעם צווישען זיך געפיהרט אַ ברייטען שמועס און דערביי גאַנץ ערנסט מיט אויסגעצויגענע פּנים׳ער דערצעהלט אַ געשריבענע מעשה, וואָס די האָר שטעלען זיך קאַפּויר זי הערענדיג

„אין דעם קליין שטעדטעל גאַלינג, נישט ווייט פון העלעם, איז געווען איינער מיט דעם נאָמען ר׳ גבריאל. אַז דאָס ווייב זיינס איז געלעגען געוואָרען למזל מיט אַ יונגעל, האָט ער געשיקט בעטען דעם חעלמער רב, רבי אליה בעל שם, ער זאָל קומען מיט זיין כבוד מל זיין דאָס קינד. די מעשה איז געשעהן אין חודש סיון, דאָנערשטאָג. רבי אליה איז אין דעם טאָג טאַקי אָווענד־צייט געקומען נאָהענט צום שטעדטעל, האָט ער דערזעהן מכשפים און מכשפות מעהר פון הונדערט טויזענד. איטליכען פונ׳ם מויל געהט אַרויס אַ פלאַם פייער, אַרום זיי ברענט אויך אַ פייער, און זיי אַלע שפילען זיך אָט מיט דעם דאָזיגען קינד טאַקע וואָס איז געבוירען געוואָרען. אַז דער רב האָט אַ קוק געטאָן, ע־הע, אַזוי איז די מעשה! טוט ער אַ זאָג דעם משרת זיינעם: גיכער גיב מיר אַהער וואַסער פון מיין פלעשעל! פאַר׳ן וואַשען די הענד האָט ער געזאָגט אַ שפּרוך מיט דעם שם און גענומען זיבען מעסערס, זיבען ברעטלעך, צוויי חלות מיט זיבען שיך, אין איטליכען שוך אַריינגעשטעקט אַ מעסער, דערנאָך טוט ער אויס די שיך פון זיינע פיס, וואַשט צוויי מאָל די הענד, שטעלט אויף דעם גראָבען פינגער פון דער רעכטער האַנד און זאָגט אַזוי: מיט דעם כח פונ׳ם הייליגען שם, אַזעלכען און אַזעלכען, בין איך מבטל דעם כישוף פון די מענער און ווייבער, די מכשפים און מכשפות, עס זאָל נישט שאַדען דעם קינד, און מיט דעם דאָזיגען שם האָט רבי אליה דער׳הרג׳עט אַלע מכשפים. באַלד טאַקי נעמט ער דאָס קינד, אָבּיהרען עס צו זיין פאָטער און מוטער, און תיכף ווי ער קומט אַריין צו

זיי, רעדט ער אַרויס דעם הייליגען שם „שמשיהו“, האָבען אַלע מענ־שען אין שטוב דערזעהן, אַז יענס קינד, וואָס ליגט נעבען דער קינפּע־טאָרין, איז גאָר שטרוי און קליאַטשע — אַ פערבלענדזשעניש, בעהיט זאָל מען ווערען! עס האָט זיך גאָר געדאַכט, אַז אַ מענש, מישטיינס גע־זאָגט, ער נעהמט דאָס אמת׳ע קינד, וואָס ער האָט מציל געווען פון די קליפּות, און גיט עס אָב צוריק דער מוטער“*).

פון קענסטמאָל אָן איז שלמה׳לע שטאַרק צודרעהט. עס דאַכט זיך איהם, ס׳איז איננאַנצען דאָ — אַ פערבלענדזעניש! אָט האַפּט דעם, יע־נעם דער רוח, אָדער דער רוח האָט זיי שוין לאַנג געהאַפּט. עס דאַכט זיך נאָר בריות, און באמת איז זייער נשמה פון קליאַטשע. ער אַליין אי־אויך קליאַטשע...

## 7.

אַ מייסטערין שרעקליכע מעשיות אַזעלכע צו דערצעהלען איז געווען יאַחנע־סאָסיע, אָדער לייבּציכע. ווי זי האָט געהייסען. זי האָט, זאָל זיך איהר גרינג שלוקערצען דאָרט, מיט איהרע מעשיות זעהר פיעל אויף שלמה׳לען געווירקט.

לייבּציכען, קען מען זיכער זאָגען, האָט גאָט בּעשאַפען אויף דער וועלט מיט דער איינציגער כּונה אַליין, כּדי אויסצודריקען מיט איהר גע־שטאַלט גאַנץ שאַרף, אין העכסטען גראַד, אַ טייל פון יענע הפצות, וואָס געפינען זיך בּיי ווייבּער איבּערהויפּט צו בּיסלעכוויז נאָר. ווען אַ גרויסע מאָדניצע אין פּאַריז, אָדער אין בּערדיטשוב אַ שטיינער, שטעלט מיט זיך פיר ווי זי שטעהט און גערט, אַ לעבּעדיג בּילד פון דער ווייבּערשער תאוה — פּוצען זיך, דאָס הייסט, אינגאַנצען איז זי אַ גאָרנישט, נאָר אַ פּוץ, אַזוי האָט לייבּציכע אויך פאָרגעשטעלט מיט איהר מיילכען די ווייבּערשע תאוה — צו רעדען און בּערעדען, נישט אויסצולאָזען קיינעם און קיין זאַך אין דער וועלט. אַוועקגענומען בּיי איהר די דאָזיגע איינציגע מעלה, וואָלט זי געמעגט גאָר ניט געבּוירען ווערען, קיינעם חלילה וואָלט עס נישט געאַרט. — לייבּציכע פלעגט, ווי אַ נאָהענטע שכנה, קומען צו שרה׳ן, ר׳ חיים׳ס ווייבּ, לייען אַמאָל דאָס, אַמאָל יענס, און כּמעט אַלע פריהמאָרגען נעהמען פונ׳ם פּריפּעטשאָק אַ קויל פייער בּיי איהר. שווע־בּעלעך, ווי היינט, האָט מען דענסטמאָל וועניג געוואוסט, מען פלעגט געבּרויכען אַנדערע מיני מיטעל און פייערגעצייג. לייבּציכע פלעגט דאָס קויל פייער אַריינשאַרען אין אַ טעפּעל, בּלאָזען עס צווישען די קאַלטע קוילען דאָרט, און דערבּיי אויסשיטען גאַנצע זעק רעד. איין מאָל אין וואָך האָט געמוזט צווישען די דאָזיגע צוויי שכנות זיך מאַכען אַ רוגז. געוועהנטליך פלעגט דער רוגז אַרויסשפּרינגען אין אַ מאַרק־טאָג, איבּער עפּעס אַ מציאה, נאָר מעהר פון אַ טאָג האָט ער קיינמאָל נישט געדויערט.

— ✦ —

מארגען גאנץ פריה איז שוין לייבציכע מיט דעם פייערטעפּעל געקומען, איז געווען זים ווי צוקער, געבלאָזען אין טעפּעל און גערעדט אַ שרעק

אין די לאַנגע ווינטער-נעכט פלעגט זי אָפּט קומען זיצען ביי שרה'ן מיט עפּעס אַנ'אַרבייט, מיינסטענס מיט אַ זאָק אין דער האַנד און האַלטען זיך עצות, צי ס'איז שוין צייט אָנצוהויבען די פּיאַטע, אָדער אויף וויפיעל איינגלעך אָבצולאָזען די זאָק. דערביי האָט זיך איהר נישט צוגעמאַכט דאָס מויל, גערעדט, בערעדט, דערצעהלט משונה-וואונדערליכע מעשיות, וואָס זיינען זיך פערלאָפען אין דער וועלט, אויך מיט איהר אַליין און מיט איהר זיידען עליו-השלום, שווערענדיג זיך מיט כל השבועות, אַז אַלצדינג, וואָס זי דערצעהלט, איז אמת. פון איין מעשה איז זי איבערגעגאַנגען אין דער אַנדערער, און אַמאָל האָט זי אויסגעמישט צוויי מעשיות אינאיינעם. פון וואָס מען זאָל נישט געווען רעדען, איז זיך עס נישט אויסגעגאַנגען אָהן לייבציכעס אַ מעשה. האָט מען גערעדט פון עפּעס אַ שלאַפקייט, קדחת אַ שטייגער, איז לייבציכע אַרוים מיט דער שפּראַכע:

— שאַ, אָט האָט איהר אַייך, יודישע קינדער, גאָר אַ פרישע מעשה! פּסח קלאָץ, אָט דער ישובניק קלאָץ, אַ רויטער אַ געזונטער, גאָר טאַקי אַ פייער, זיצט ער זיך, פּסח, איבער אַ גרויסער שיסעל זוויער-מילך, אַריינגעטאָן אינגאַנצען מיט חשק אין דער אכילה. וואָס דען-זשע זאָל אַ גראָבער יונג טאָן? ווי פּסח זיצט זיך דאָ אַזוי, די נשמה זיינע אין שיסעל, קומט אַריין אין קרעטשמע צו איהם עפּעס אַ פרישער פּאַרשוין. ווער דער פּאַרשוין איז? דאָס וועט זיך שוין אַרויסווייזען ווייטער, שפּעטער אַביסעל. שטעהט ער זיך דער פרישער פּאַרשוין אַקעגען קלאָץ'ן, קיקט-קוקט, נישט אַראָבצונעהמען פון איהם די אויגען. און ווי פּסח שעפּט אָן אַ גרוים לעפּעל זוויערמילך און טראָגט עס צום מויל, אַזש מיין פּאַרשוין טוט איהם אַ פּאַטש איבער דער האַנד און דאָס לעפּעל מיט דעם זוויער-מילך פּאַלט אַריין באַק אין שיסעל. דו זעהסט, מאַכט דער פּאַרשוין צו איהם, אָט דאָס קליינעטשקע שוואַרצינקע פּינטעלע, וואָס שווימט דאָ אַרום אין שיסעל? ניין, דאָס איז נישט קיין פּראָסטע פּינטעלע. ס'איז דיין מזל, וואָס איך האָב מיר דאָ בעצייטענס אונטערגעחאַפּט איידער דו האָסט עס אַראָבגעשלונגען. דאָס גוטעטשקע פּינטעלע איז עס. ווילסט וויסען, ווער, וואָס? — נאַ! דאָס קדחת האָט זיך עס פערוואָרפען אין אַ שוואַרץ פּינטעלע און געוואָלט מיט דעם זוויערמילך אינאיינעם דיר אין בויך אַריין. ער נעהמט באַלד טאַקי אַ פּאַחירל, גיסט אָהן אינוועניג אַריין

דאָס זויערמילך מיט דעם פינטעלע און הענגט עס אויף איבער דעם אויבען. פסח קלאָץ שטויסט זיך שוין אָן, ווער דער פאַרשוין איז, איינער פון דער גוטער כגופיא איז ער. ער האָט איהם זעהר שען בעדאַנקט. דערנאָך איז פסח קלאָץ געפאָהרען אין שטאָדט אַריין און געבענשט גומל... וועט איהר דאָך מיר פרעגען, וואָס איז, יאַהנע־סאָסיע, דער סוף מיט דעם פּאַחירל? אוי? אוי, אַזאַ סוף מיט אַלע אונזערע שונאים געזאָגט געוואָרען! עס איז אויסגעטריקענט געוואָרען ווי אַ שפענדעל, פון אַ מינדסטען בלאָז האָט עס מיט איהם געוואָרפען ווי אַ קדחת. דער רוח האָט שיער נישט צוגענומען דאָס קדחת, אַזוי האָט עס געליטען, ליגענדיג דאָרט פערשפאַרט. בעדאַרף זיך מאַכען, אַז מען זאָל מיט אַ שפּילקע אַ שטאָך טאָן אין דעם פאַחירל, איז דאָס קדחת ווי אַ רוח אַרויסגעפלויגען. אַזוי פליהען זאָל איה, רבונו של עולם, אין פיעל גוטס, אָמן!

זינט דער דאָזיגער מעשה, זאָגט זיך שלמה׳לע אָב פאַר שרעק פון זויערמילך. עס בעקומט איהם נישט איבערהויפּט דאָס עסען, די בעסטע שפּייז אפילו. ער קוקט זיך צו אין טעלער צו אַ מינדסט שוואַרץ פינטעלע און ציטערט — אָט טוט איהם אַ נעהם דאָס קדחת!

איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט זיצט זיך שרה מיט לייבציכען נעבען אויבען און פליקעןביידע פעדערען. אַקעגען זיי אויף דער באַנק זיצט די קאַץ, פערלעגענדיג אונטער זיך די הינטערסטע פיס, מאַכט מיט דעם ווײדעלע און קוקט מיט אַ פּאָר גרינע אויגען. אופ׳ן „לוטשניק” ברענט אַ פייערל, די קינדער, אַ מאָל דער, אַ מאָל יענער, וואַרפען־אונטער דאַרע שפּענדלעך. אין שטוב איז וואַרם, מחיה, עס רעדט זיך עפּעס געשמאַק, אַזוי געשמאַק.

— וואָס, פון דער קוה, שרה, רעדסט־דו? — פאַלט לייבציכע אַריין שרה׳ן אין די רעד — די קוה גיט עפּעס ווייניג מילך, זאָגסט־דו די קוה? דאָס נעהמען די מכשפות צו דאָס מילך. איין מיטעל דערצו איז, קאָכען דאָס „צעדעלקע” (אַ שטיקעל ליינוואַנד אויף איבערזייען דאָס מילך). אַז איך בין נאָך אַ מיידעל געווען, האָט זיך געטראָפען ביים זיידען, מיר אויף צולאַנגע יאָהר, אַ מעשה, אין דעם יאָהר טאַקי, וואָס מיט דעם גאָנער, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען — דער זיידע. ס׳איז נאָך אַזאַ מעשה נישט דערהערט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט.

מען האָט איהם נישט געקענט ריהרען פונ'ם אָרט, אַזוי שווער איז דער גאָנער געווען, אַ הונדערט פונט, און אפשר נאָך מעהר. ער האָט בעדאַרפט געבען אַודאי עטליכע טעפּ שמאַלץ, און גריווען גאָר אָהן אַ צאָהל. צוריקטראָגענדיג איהם פונ'ם שוחט, אַ געקוילעטער שוין, גיט ער זיך פלוצים אַ שטעל אויף די פיס, טוט זיך אַ לאָז, מיט אַ פייף איבער דער גאַנצער גאַס, און ווערט פערשוואונדען. ווער גאָנער, וואָס גאָנער — אַ גלגול איז דאָס גאָר געווען!... טפו, איך מיש איין מעשה מיט דער אַנדערע, פליישיגס מיט מילכיגס, פון מילך וויל איך דאָ גאָר דערצעהלען. אַ מיידעל אַז איך בין נאָך געווען, האָט די רויטע קוה דער יידענס, עליו־השלום, אויפגעהערט כמעט צוגעבען מילך, איז געוואָרען מאָגער, דאַר־קוואַר מיט לעדיגע אַייטער. די באָבע טעמע, זאָל אַ גוטע מליצה זיין, האָט זיך שטאַרק געערגערט. געה, זאָגט זי, גיב פרעסען אַ קוה, אַז זי וויל נישט געבען קיין מילך. מכות איהר... פעטריכע זאָל זיך מיהען־נישט מיהען דאָרט, האָט צוקריגענדיג זיך מיט איהרע אַ חברתה, אַ מכשפה, אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס איז איהר מלאָכה. און פאַר אַ טרונק בראַנפען געהייסען אָט וואָס: „טעמאַ, מאַכט זי, נעהם צעלעג אָוונט־צייט אויפ'ן פריפעטשאָק אַ פייער, שטעל אַרויף דאָרט אויף אַ טרינישקע אַ טעפעל, אין טעפעל טו אַריין די „צעדעלקע" און די האָר פון אַ פלעדערמויז מיט די קרייטעכצער, וואָס איך גיב דיר דאָ. טיר און לאָדען זאָלען זיין גוט צוגעמאַכט, חוץ דיר, זאָל קיינער אין שטוב נישט זיין. אויב דו האָסט שטאַרק מוראָ, מעג יאַחנאַ־סאָסיאַ מיט דיר בלייבען. אַז דאָס טעפעל וועט אָנהויבען קאָכען, וועסט־דו הערען אַ קלאַפּ אין דער טיר, שפּעטער אַביסעל קולות מיט אַ געבעט: טעמאַ, עפען די טיר! און דו שאַ. דאָס וועט די מכשפה קייקלענדיג זיך אויפ'ן בויך, קומען בעטען זיך, און אָננעהמען דאָס קול פון דיין מאַן, און נאָך אַנדערע אַלערליי קולות, דו אָבער ציטְ... עפען ניט למען־השם ולמען־השם". כך־הוה איך געדענק עס, ווי היינט. ס'איז אָוונטדצייט, אין שטוב איז פינסטער, איך מיט דער באָבען, מיר אויף צו לאַנגע יאָהר, שטעהען מיר ביים פריפעטשאָק. דאָס טעפעל אויף דער טרינישקע, אונטען ברענט אַ פייער, קוים הויבט אָן דאָס טעפעל טיאָך, טיאָך, הערט זיך אין דער טיר קלאַפּ, קלאַפּ. די באָבע ציטערט, שטשירעט אוים אויף מיר אַיין אויג. פערבייסענדיג מיט די ליפען. מיר אין האַרצען קלאַפּט אויך — טיאָך טיאָך, נאָר גאָרנישט, שאַ! פלוצים הערט זיך אַ קול ווי פונ'ם זיידען, אָבער אַקוראַט אַזוי, מען האָט געמעגט שווערען, מיט אַ געבעט: טעמ

לאָז מיך אַריין, טעמע! די באָבע פערבייסט נאָך שטאַרקער מיט די ליפּען, ווינקט מיר מיט אַ פינגער אויפ'ן מויל, דאָס הייסט — שאַ יאַחנע־סאָסיע! איך לעג אַלץ אונטער שפענדלעך. דאָס טעפּעל קאָכט, פון דרויסען הערען זיך קולות: ווידער ווי דעם זיידענס קול מיט גוטען און מיט בייזען. דאָס איז געוועזען זי, די מכשפה'טע. עס האָט איהר אַ פּנים גוט גערדעהט אין בויך פונ'ם קאָכעניש אין טעפּעל. שפּעטער אַ ביסעל אַ חריוקען פון אַ חזיר, אַ היילען פון אַ הונד, אַ מעקען פון אַ ציג, אַ מיויקען פון אַ קאַץ. דערנאָך, דערנאָך, הערסט־דו, שרה, וואָס איך וועל דיר בעסער זאָגען — טוט פלוצים אַ זאָג לייבציבע, פערקוקענדיג זיך אויף דער קאַץ, וואָס ליגט זיך אויסגעשטרעקט אַקעגען אויף דער באַנק. דרעהענדיג דעם ווידעל און מאַכענדיג מיט די פאָדערסטע לאַפּקעס — דו הערסט, עס געפעלט מיר עפּעס נישט דיין קאַץ. איך האָב מורא, אַזוי אַ וועהטיג איז מיר נישט, דאָס איז אַ גלגול!... אַרקאַטאַ!

— אַ־קאַטאַ, אַ־קאַטאַ, אַ־קאַטאַ!...

די קאַץ דערשרעקט זיך, לויפט און פאַלט אַריין אין דעם טאָפּ פעדערען, שפּרינגט געשווינד אַרויס, איינגעטונקט אין פעדערען, ווי אַ שוואַרץ־יאָהר. עס ווערט אַ געשריי, אַ יאָגעניש, זי פּוץ אויף טיש און אויף בייגק, און אַלע נאָך איהר. ס'איז אַ צאָרען, אַ מהומה אויף דער בידנער קאַץ נעבעך גאָר פלוצים, אומגעריכט!...

פון דענסטמאָל־אָן דאַכט זיך שלמה'לען גלגולים. דער גאַנער איז נישט קיין גאַנער, די קאַץ איז נישט קיין קאַץ, אויך דער מענש, להבדיל, איז נישט קיין מענש, די דאָזיגע וועלט דאָ איז אינגאַנצען טאַקי גאָר — אַין עולם הדמיון!

# 8.

אַ אויף דעם עולם איז שלמה׳לע אַ למדן, ווייסט נישט פון אַ לעבען צוזאָגען, דערפאַר דאָרט — אויף יענעם עולם, וואוהין ער פערפליהט דורך דעם לערנען, איז ער אַ ווילדער חכם, קען אַלצדינג ווי אַ גרויסער למדן, אַזעלכעם אפילו, וואָס איז פאַר אַנדערע היינט גאָר אַ סוד; ער לערענט גמרא, פערנעהמט זיך מיט דינים ומשפטים און נאָך אַנדערע זאַכען דאָרט. ער איז אַ דאָרטיגער מיט אַלע געגג, מיט דעם שטייגער רעדען, מיט דעם שאָקלען זיך, אינגאַנצען מיט די ביינער, מיט לייב און לעבען. פאַר איהם איז דאָרט אַ וועלט מיט עמקים — ס׳איז דאָרט אַ מחלוקת איבער אַנ׳איי, וואָס די הוהן האָט יום־טוב געלעגט. לוים נעהמען מעשר, כהנים נעמען תרומה, זיינען מקריב קרבנות, און יודען — שמייסט מען מלקות... שלמה׳לע איז שטאַרק פערנומען. וואו פאַר איהם צייט, ווען צייט? נישטאָ קיין צייט! — דער קאָפּ איז איהם דול.

איינמאָל, נאָך אַ גרויס דולעניש, אַז שלמה׳לע איז ווי אַ גאַסט פון יענער וועלט אַהיים אַראָבגעפאַלען, עפּעס איבערצוחאַפּען, האָט ער באַלד ביים אַריינגאַנג אין שטוב דערהערט אַ יאָמער אַ קלאָג, ווי מען בעווינט אַ טויטען, די מאַמע ברעכט די הענד, טענה׳ט עפּעס און וויינט אויף אַ ניגון. דוד׳ל און איידעלע, צוויי ברעקלעך קינדער, שטעהען פון דערווייטענס אין אַ ווינקעלע און רעווען, קוקענדיג אויף דער מאַמע, מיט אָפענע מיילעכלעך. לאָה, די עלטערע שוועסטער, זיצט אויף דער מיל־כיגער באַנק אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איז שטאַרק פערזאָרגט. שלמה׳לען גיט אַ טיאָכקע דאָס האַרץ, אין די אויגען שטעלען זיך איהם טרערען, און ער הויבט אָן באַלד טאַקי אויך צו וויינען.

— אוי, אַ גזר־דין, אַ גרויס אומגליק, אוי־וועה, האָט אונז גע־טראָפען! — טענה׳ט די מאַמע, פערגעהענדיג זיך פון טרערען.

— מאַ—אַמע, מאַ—מע—ע! רעווען די קליינע קינדער און קראַצען די קעפּלעך מיט ביידע הענטלעך.

— אי—איק—היק! שלויכצט שלמה׳לע, דער דאַרטיגער חכם, און שנייצט די נאָז.

— וויין, שלמה׳לע, וויין! — זאָגט די מאַמע מיט תחנה־לשון, אַז זי האָט איהם בעמערקט, און לעגט ביידע הענד איהם אויפ׳ן קאָפּ ארויף — טו, אַלמאַכטיגער פאָטער, די טרערען פון ריינע אומשולדיגע קינדער טאָן אין דיין לאָגעל. אוי, אומגליקליך קינד, ווייסט איז אונז, פינצטער איז אונז — פינצטערע שקאָלעס... יודישע קינדער נעהמען אין די שקאָלעס!

— געוואַלד! — שרייעט שלמה׳לע, פערגעהענדיג זיך אונטער דער מאַמעס הענט.

שלמה׳לע דער „דאָרטיגער” האָט געהערט, אַז אויף דער וועלט „דאָ” געפינט זיך בײ „זיי” עפּעס שקאָלעס. וואָס מען טוט דאָרט אַזוינס? דאָס האָט ער נישט געוואוסט. געהערט גאָר, אַז מען שמייסט אַ שרעק. אַצינד, דערוויסענדיג זיך, וואָס דער מאַמעס געוויין בעטייט, — אַז ס׳איז דאָ אַ בעפעהל, מען זאָל יודישע קינדער נעהמען אין די שקאָלעס, איז איהם ענטפאַלען דאָס געזונט. עס האָט איהם זיך געדוכט, אַט שטעהען זעלנער. מען נעהמט איהם, מען פיהרט איהם, מען שמייסט... און דעריבער האָט ער געבעך געשריען — געוואַלד!

די מאַמע־זשע ווידער האָט געוויינט נישט אַזוי דערפאַר, וואָס מען שמייסט, שמייסען שמייסט מען דאָך אין חדרים להבדיל אויך, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל שקאָלעס איז אַ מיאוסע זאַך. דער נאָמען שקאָלעס אַליין איז שוין פע, אַ שרעק, ס׳איז דאָך אַנ׳עק פון דער וועלט, אוים יודישקייט. וואָס קען חלילה פון יודישע קינדער ווערען?

יודען אין שטעדטעל זיינען אַרומגעגאַנגען אָהן קעפּ, מען האָט געפּוצט, געקרעכצט און גערעדט פון די שקאָלעס. דערביי געמומעלט אויף עפּעס אַ דייטשעל, אַ לילענטהאַל, וואָס פון איהם און נאָך אַזעלכע ווי ער, „בערלינער”, קומט דאָס גאַנצע שפּיל אַרויס. מען האָט געמאַכט אַסיפות און געטראַכט, וואָס טוט מען עפּעס דערצו. ס׳איז געבליבען: מען זאָל גוזר־תענית זיין, זאָגען תהלים, רייסען קברים און איינלעגען די

וועלט. מלמדים נעבעך זיינען געוועזן געפּלעפּט, שטאַרק דערשראָגען, האָבען געציטערט פאַר זייערע קנעלונגען. די שקאָלעס וועלען זיי דאָך דערגעהן דאָס לעבען, מאַכען דעם טויט. אז גאָט אַליין וועט זיך דאָ נישט אריינמישען, נישט טאָן עפּעס אַ נס, וועלען זיי דאָך בלייבען אויסגעשטעלט. עס פערשטעהט זיך, דעריבער, ווי שטאַרק נעבעך זיי האָבען געפּילדערט, אונטערגעהידעט דעם עולם. אַלע טאָג פריה און פאַרנאַכט זיינען די שולען פול געוועזן פון יודען. מלמדים האָבען געפיהרט אהין קינדער פון די חדרים. מען האָט געזאָגט געוויסע קאַפּיטלעך תהלים, געוויינט, געפאַסט. דער ערשטער תענית שלמה׳לעם איז געוועזן יענער, וואָס וועגען די שקאָלעס. ווייבער זיינען געגאַנגען אויף קבר־אָבות, געמאָסטען פעלד און פערגאָסען טייכען טרערען. — ס׳איז געוועזן אַ פערווייגטער זומער! אפילו דאָס ביסעל גוים אין דעם שטעדטעל זיינען אויך געוועזן עפּעס ווי צודרעהט. די גוים און יודען פון׳ם שטעדטעל האָבען געלעבט צווישען זיך זעהר גוט — איינער פון׳ם אַנדערען געצויגען דאָס שטיקעל פרנסה, איינער ביי׳ם אַנדערען האָט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך, און איינער דעם אַנדערען זיך געלאָזט דערקענען סיי אין לייד, סיי אין פרייד. איז אַ חתונה געוועזן, אַ שטיינער, ביי אַ יודען, האָבען בעקאַנטע גוים געשיקט איהם דרשה־געשאַנק: דער אַ הוהן, יענער עטליכע צעהנדליג אייער, איינער אַ ברויט, דער אַנדערער אַ קוילעטש, איטליכער נאָך זיין שטאַנד, און דאָס איינענע טאַקי אויך פערקעהרט. דעריבער האָט דאָס געוויין, דאָס געפּילדער, דענסטמאָל ביי יודען, אָנגעמאַכט אַ מרה־שחורה אויף די גוים און זיי האָבען זיך געוואונדערט. וואָס זאָל עס אָזוינס בעטייטען!

— אָי, ריצקאָ, קאַזשי, שטשאָ נאַשי זשידקי טאַמיטשקי פּלאַטשוט, קריטשאַט גוואַלד, יאַק בודטאָ איך ריעזשוט?

— עווטאָ חאַפּונאַ וויני פּוגאַיעטסאַ, שטשאָבי חאַפּון איך יי תוואַטאַיע.

— א־ני! דאָ חאַפּונאַ שטשאָ דאַליעקאָ. מאָזשע מיסיאַצי דוואַ אַלבאָ טרי בודע דאָ איך סודנאָווא דניאַ. טרעבאַ פּיטאַטי, שטשאָ צע טאַקי? באַציש אָט חיקאָ!

— סטאָפּ חיקאָ! קאַזשי־נאָ, שטשאָ עווטאָ טי טאַקי ביגאַיע אי נירקאָ פּלאַטשעש, אַ?

— אוי־וועה מעקיטאַ, נעסצענסטיצע! נימאַ טשאַסי. אָט בערקאָ! פּימאַי או בערקאָ, ניחאַי קאַזשי בערקאָ, וועה איז מיר! — ענטפערט היה־גרונא, לויפענדיג באַרג אַראָב צום בית־עולם אין איין אָטעם.

— אָי, בערקאָ! משויעש, אַ־אַ שטשאָ טאַק זשידקי חניקאָיוט, האָ?

— עטאָ אוי, צעלאָוויצי דאָבריע, אוי ליהאָ... בודוט חאַפּאַט חלאָפּצעוו נאַשיך אוב שקאָלי! — שטעלט זיך בערקאָ דערצעהלען די גוים, ווי ער קען, דעם גאַנצען ענין פון די שקאָלעס. ס'איז עפּעס אויסגעקומען טאַקי, אַז אָך און וועה צו די שקאָלעס. וואָס פאַר אַפּנים זיי האָבען געבעך געהאַט, אַריינפאַלענדיג צו בערקאָ'ן אין מוול. די גוים אָבער האָבען איהם פערשטאַנען, זיך איבערגע'צלמ'ט און דריי מאָל אויסגעשפּיגען, ווי דאָס איז טאַקי אַנ'אומגליק.

ביז וואַנען אָבער זכות־אָבות וועט בייסטעהן, זיך מיהען פאַר דעם כסא־הכבוד און דער אייבערשטער וועט אַ נס טאָן, דערווייל האָבען יודען זיך געטאָן די אַלטע סגולה — חתונה מאַכען יונגע קינדער. ס'איז געוואָרען אַ בהלה. שדכנים, גוטע פיינע מענשען, האָבען נישט געשפּאָרט קיין מיה, געאַרבייט, אויס ליבע צום פאָלק ישראל, אויף אַלע כלים, מען האָט געחאַפּט און אָבגעשטעלט חופּות קליינע יונגלעך מיט יונגע מיידלעך, עס זאָל הייסען, אין דעם פאַל ווען חלילה שקאָלעס, הע־הע, אָבגעטאָן אויף טערקיש — נישטאָ קיין קינדער, נאָר לויטער בעלי־בית'לעך, קליינע יודלעך!... און בכדי טאַטעס פון קליינע מיידלעך זאָלען זיך נישט איינשפּאַרען, זיך נישט שטאַרק איבערנעהמען מיט זייער סחורה, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מיידלעך וועט מען אויך נעהמען עפּעס אין די קאָלאָניע ערגעץ. אַז שלמה'לע איז אַרויס טרוקען, נישט חתונה געהאַט דענסטמאָל אין דער בהלה. איז דאָס מסתמאָ נאָר אַ גאָט־זאַך — פאַר איהם איז אין דעם שטערטעל נישט געווען זיין בעשעהרטע, און אַקעגען גאָט קען מען נישט געהן, עס העלפט נישט אַקעגען איהם קיין חכמות. מיט וואָס דען אַנדערש לאָזט זיך עס דערקלערען?... די מאַמע האָט דאָך חשק געהאַט, דער טאַטע, אמת טאַקי, האָט זיך געקריכט, ווי איינער רעדט: פע! גאָר נאַרישקייטען. אין אַזוינע זאַכען איז דער ווילען פון די ווייבער שרעקליך שטאַרק, ברעכט אַייזען. און אין שלמה'לעס זייט וואָלט נישט נאָר קיין מניעה נישט געווען, אדרבה עס וואָלט איהם נאָך גאָר משונה הנאָה געטאָן. איין מאָל, פאַר וואָס

זאָל ער ערגער זיין פון אַנדערע יונגלעך, פאַר וואָס אַנדערע יונגלעך קומט עס יאָ כלות און איהם נישט? — אָי, האָט ער עס מקנא געווען אַ חתן-בחור'ל, עפּעס איז אַזעלכער אַ גאַנצער מיוחס. קיין בערדעל, אמת, האָט ער נישט, שמייסען אין חדר שמייסט מען איהם ווייטער מאַקי אויך, פון דעסטוועגען איז ער פאָרט עפּעס ווי אַ שטיקעל גרויסער: ער מענשעלט זיך, קוקט אויף זיינע חברים אַראָב מיט גאוה, אָט-אָט, נאָך אַביסעל, איז ער שוין אַליין אַ טאַטע... און צווייטענס, האָט זיך איהם, גאָר אָהן די אַלע זאַכען, גלאַט אַזוי זיך געוואָלט האָבען אַ כלה. ס'איז עפּעס אַ גאַנצער עסק — איך, בחור'ל, האָב מיר אַ כלה, זיץ מיר און טראַכט מיר ביי זיך — כלה! מען בעדאַרף נישט פערגעסען, אַז שלמה'לע איז דאָך געווען אַ ד אָ ר ט י ג ע ר, אַ גאַנצער ירושלמי, קליינע חתן-כלה איז דאָרט אין לאַנד גאַנץ נעוועהנטליך, הײַנט האָט ער דאָך אין דער גמרא מכּה פאַר-פאַלק-זאַכען עפּעס געלערענט אויך, דערצו נאָך געהאַט אַ פייערדיגען כח-הדמיון, דאָס פאַעטישע פינקעלע, וואָס גיט אַמאָל פלוצים, ווי פון דער העלער הויט, אַ בריה...

נײַ, ווי די מעשה איז, שלמה'לע האָט אין דער בהלה נישט חתונה געהאַט, געבליבען ווי פריהער אַ יונגעל. גם זו לטובה! וואָרום זי דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז אומזיסט געווען די בהלה. יונגלעך אין די שקאָלעס אַריין האָט מען מיט געוואַלד נישט גענומען, מיידלעך אין די קאָלאָניעס — אויך נישט. חדרים זיינען געבליבען חדרים און מלמדים ווייטער מאַקי מלמדים, אַלצדינג וואָס פריהער. אין אַנדערע גרויסע שטעדט האָט מען אפילו געמאַכט יודישע שקאָלעס, נאָר אָהן סכנות! קינדער זיינען דאָרט ווענינ געווען, און מישטיינס-געזאָגט, וועלכע אָרמענקע עפּעס, פון דעם געמיינעם עולם — אויך מיר מענשען!

אויך ליליענטהאַל איז עפּעס ווי פערשוואונדען געוואָרען. פון דער קאָמפּאַניע זיינער איז אין דעם שטעדטעל ק... ווי פון די שקאָלעס, קיין זכר נישט געבליבען. מען האָט אינגאַנצען אין זיי פערגעסען, שלמה'לע וואָלט נישט געוואוסט פון זייער געבוין, אויב אַזעלכע זיינען גאָר אויף דער וועלט ערגעץ יאָ, ווען עס זאָל זיך נישט געווען שפּעטער מאַכען אָט די דאָזיגע מעשה:

ויהי היום איז אין אַ שענעם זומער-טאָג געקומען אין דעם שטעדטעל אַ גרייז-גרויער יוד, נידעריג געוואַקסען מיט אַ בייכעל און מיט

זעהר אליעבליך פנים. עס האָט געהייסען ביי איטליכען אין שטעדטעל: מיר האָבען אגאסט — רבי נחום רויזעווער, רבי נחום איז געקומען זיך געזעגנען!...

און אַלע האָבען זעהר גוט פערשטאַנען, וואָס „געקומען זיך געזעגנען" הייסט אַזוינס.

אז רבי נחום פונ׳ם שטעדטעל רויזעוו האָט אויסגעגעבען די יונגסטע טאָכטער זיינע און איז געבליבען אויף דער עלטער אַנ׳אַלמן, האָט ער זיך פערנומען פאָהרען בלי־נדר שטאַרבען אין ארץ־ישראל. נאָר אַזוי ווי ביז דעם שטאַרבען בעדאַרף דאָך אַמענש האָבען צום לעבען און אַיוד — דערצו נאָך חתונה האָבען אויך, הייסט דאָך עס, מען בעדאַרף האָבען געלד, וואָס־זשע טוט מען? בכן האָט רבי נחום געטאָן דאָס, וואָס אַנדערע יודען אין אַזאַ פאַל טוען — ער איז עטליכע יאָהר ארומגעפאָהרען צווישען יודישע קינדער, פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, זיך צו געזעגנען, דאָס הייסט נעהמען שענע נדבות און מאַכען בעשטעלונגען, אויב עס לאָזט זיך נאָר, אויף ווייטער אויך, אם־ירצה־השם. אַזאַ פרנסה, ווי „געזעגנען זיך" רעכענט זיך ביי יודען שוין גאָר ניש־קשה׳דיג, אַזעלכער, וואָס פאָהרט אַהין שטאַרבען, איז בכבוד׳יגער פון אַלע אַנדערע מיני מקבלים, בטלנים און אויך פון נשרפים אַשטייגער, ער שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך — מיט ארץ־ישראל, ער איז שוין אַקאַנדידאַט אויף אַ ירושלמי!... רבי נחום איז ארומגעפאָהרען אַזוי עטליכע יאָהר און האָט צו יודען חלילה נישט דערלעגט. מען האָט איהם פערבעטען דער אויף אַוועטשערע, יענער אויף וואַרמעס, און ביים געזעגנען זיך, איהם געגעבען אין האַנד אַריין אויך. רבי נחום פון זיין זייט האָט זיי צוגעזאָגט דערפאַר זעהר פיעל הבטחות. — דעם אַזוי, יענעם אַזוי, איינעם — בעטען פאַר איהם אויפ׳ן קבר פון מאיר בעל־הנס, און דעם אַנדערען — ארץ־ישראל־ערד... רבי נחום האָט נישט פערשעמט דאָס שטעדטעל ק... וואו ער האָט געהאַט בעקאַנטע און עטליכע ווייטע קרובים, און אין אַשענעם זומער־טאָג איז ער געקומען זיך געזעגנען אַהין.

געוועהנטליך עסט מען זומער אין שטעדטעל וועטשערע ביי דער שיין פון דער לבנה, אויב זי איז דאָ, און אויב ניט — ביי אַחלב׳דיג גראָשען ליכטעל. מען מאַכט עס אַביסעל בקיצור, און אַגוטע נאַכט —

שלאָפען! באַלד טאַקי, אָדער נאָכדעם ווי מען לופטערט זיך אין דרויסען אַביסעל אויס. אין איין זומער נאַכט אָבער, זעהר אַליכטיגע, חאָטש פּערעל צוקלייבען, איז ביי ר׳ חיים׳ן אין הויז געווען אַ פּערענדערונג: דער טיש איז געגרייט גאַנץ פיין, ליכט ברענען אין מעשענע לייכטער, עפּעס יום־טוב׳דיג. — דאָס האָט ר׳ חיים פערבעטען צו זיך רבי נחום רויזעוועד אויף וועטשערע. עס האָט זיך געצויגען ביים טיש אַ לאַנגער, אַ ברייטער שמועס איבער דעם כותל־מערבי און דער מערת־המכפלה, איבער דעם הר־הזיתים און דער מוטער רחל׳ס קבר, איבער חורבות און קברים, און מען האָט פערביסען מיט אַ שמועס איבער פייגען, טייטלען, מילגרוימען און באָקסהאָרען. אַלע האָבען זיך בעלעקט, די אויגען האָבען געפלאַמט, געפונקעלט פאַר גרויס הנאָה. רבי נחום איז זעהר בערעדעוודיג, רעדט און רעדט, גלייך ווי ער איז שוין דאָרט געווען, אַלצדינג געזעהן מיט זיינע אויגען, און אַלע קוקען איהם אין מויל אריין, קוקען מיט ליבשאַפט, מיט גרויס דרך־ארץ און זיינען איהם אין הארץ שטאַרק מקנא, וואָס איהם איז בעשעהרט דאָרט צו זיין. עפּעס אַזוי גרינג זאָגט זיך עס: ארץ־ישראל, ירושלים! דאכט זיך אין פלוג, אַ לאַנד — אַ לאַנד, אַ שטאָדט — אַ שטאָדט: הייזער, ערד, שטויב, מיסט, בלאָטע, נאָר ניין! עפּעס איז עס אַנדערש. וואָס אַנדערש, ווי אַנדערש? דאָס לאָזט זיך גאָר ניט זאָגען. עפּעס איז עס נישט מגושם גראָב, נאָר אַ רוחניות. מען בעדאַרף עס פיהלען. הייגט נעמען — אויף לשון־קודש, שטעדט, ערטער, וואָס שטעהען אין דער תורה!

דער שמועס איז דערנאָך איבערגעגאַנגען אויף אַנדערע, פראָסטע זאַכען. רבי נחום איז דאָך אויסגעווען עפּעס אַ וועלט, זיך געזעגענט מיט אַזוי פיעל יודען, אָהן עין־הרע, און אָנגעזעהן, אָנגעהערט זיך זאַכען נאָר אַ ים! ווילנא האָט אין דעם שמועס געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע, מעהר ווי פון אַנדערע שטעדט האָט מען זיך אינטערעסירט מיט איהר. רבי נחום האָט דערצעהלט חידושים פון איהרע משונה־בעריהמטע רבנים, פון איהרע ווילדע קצינים און שרעקליך גרויסע גבירים, פון קלויזען, ישיבות און אָרמע בחורים — אַי־אַי! אויסלאָזענדיג מיט האַלבע־מלכות עפּעס, אין אַ געסעל ערגעץ דאָרט, וואו ס׳איז סכנות, און מען שייעט זיך געהן דאָרט ביי נאַכט — שוין אויף אַ נידעריג אומעטיג קול: אַי־אַי! און גאָר צום סוף איז ער ארויס שטאַרק אָנגעלאָדען אויף בערלינער עפּעס. — אָט די יודען פון די שקאָלעס דאָרט פון ליליענטהאַלס כנופיא, האָט ער געזאָגט, פערדרעהענדיג מיט דער נאָז, גענומען דערצעהלען מעשיות,

חוזק מאַכען פון זיי, אַז דאָס זיינען עָפּעס ווילדע ברואים, זיצען בּיי זיך, ווען קיינער זעהט נישט, אָהן היטלען און עסען אָהן געוואַשען! די תורה זייערע בּעשטעהט אין לשון, אין קורצע שורה'לעך מיט מליצה, אַלץ: אהה, אַהה, וועהגעשריגען!... איינער, דער עלטסטער זייערער, עסט, זאָגט מען, שנויצען מיט בּרויט. מען זאָגט, ער שטעקט אַריין אַ חלב'דיג ליכט אין דער קאַשע און עסט... שענע בּרואים, מישטיינס געזאָגט — לאָזט אויס רבּי נחום מיט אַ קרעכץ — אָה־האָ־האָ!

מילא האַלבּע־מלכות יאָ! דאָס האָט זיך נאָך געלעגט שלמה'לען אין מח. האַלבּע מלכות זיינען מסתמא קליפּות, די גוטע נקבות, ווי לילית און רוסאַלקעס, אַ שטייגער, איבּער וועלכע ער האָט זיך גענוג שרעקליכע מעשיות אָנגעהערט, ווי אַזוי זיי פערפיהרען מענשען מיט זייערע תּנועות און זיינען הונדערט מאָל ערגער פון דעם טייפעל, פונ'ם אַשמדאַי אַליין. דעריבּער איז רעכט, וואָס די ווילנער שייען זיך געהן בּיי נאַכט אין יענע וויסטע געסלעך. אָבער בּערלינער, נישט קיין לצים, נאָר יודען מיט אַ קאָפּ, מיט הענד און מיט פּיס. יודען, וואָס אָהן היטלען און וואָס עסען אָהן געוואַשען — אַזעלכעס איז גאָר נישט צום פערשטעהן!... ס'טייטש, ווי געשיקט זיך עס, אַ יוד — און אָהן אַ היטעל! ס'טייטש, ס'טייטש, אַ יוד — און נישט וואַשען זיך צום עסען!! משוגע זיינען זיי, צי חסר־דעה? ווייסען זיי דען נישט, וואָס פאַר אַ פּסק עס קומט דערפאַר דאָרט — פּעך, שוועבעל און אַייזערנע ריטער!... און גאָר אָהן די אַלע זאַכען, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס גלאַט אַ יוד אָהן אַ היטעל? — נאָר אַזעלכס אָבער האָט דאָך געזאָגט רבּי נחום, אַ יוד, וואָס געזעגענט זיך, וואָס פאָהרט קיין ארץ־ישראל. אַזאַ יודען מוז מען גלויבּען. אין־בּרירה, בּיי שלמה'לען האָט שיין געמוזט זיך לעגען אין מוח אי אַזעלכעס אויך, און דער נאָמען בּערלינער האָט זינט דענסטמאָל געהאַט בּיי איהם דעם טייטש: אַ יוד אָהן אַ היטעל, וואָס וואַשט זיך נישט און עסט בּרויט מיט שנויצען

## 9

שלמה׳לען גערט למזל דאָס עלפטע יאָהר. די תורה פאַר איהם ביי ליפּא ראובן׳ס לאָזט זיך אוים און ער גערט איבער אויף דעם טאַטענס הענד, לערנען אונטער זיין השגחה. — ללמוד, לערנען אַליין וללמד לערנען אויך מיט אַנדערע, בפרט נאָך מיט אייגענע קינדער, דאָס איז איינס פון גאָטס געבאָט׳ וואָסיודען זאָגען עס, בעטען דערויף אין דאַוונען אַלע טאָג, און אַז וואויל איז דעם, וואָס איז און שטאַנד עס מקיים צו זיין. ר׳ חיים פלעגט אַזוי טאַקע מיט זיינע קינדער זיך נוהג זיין. מיט איטלעכען בעזונדער פון די צוויי עלטערע זיהן האָט ער געלערנט, נאָכדעם אַז זיי זיינען אַרוים, איטליכער און זיין צייט. פונ׳ם הדר חוונה, ווי בעשעפטיגט ער איז געווען, פלעגט ער אָפּרייסען אַ שעה אָדער אַ פּאָר שעה צייט אין טאָג, צו לערנען אַ בלעטעל גמרא מיט זיי און מיט זייערע חברים, אין פאַל אַז זיי האָבען אַזעלכע געהאַט אַזוי האָט ער אויך געלערנט מיט זיין איידעס. לאָה׳ס מאַן. די ערשטע צייט נאָך דער חתונה. און מיט נאָך יונגע בעל-הבית׳לעך צו איהם נאָר אומזיסט. און אַזוי איז אויך געקומען שלמה׳לעס צייט לערנען תורה ביים טאַטען. דער שטייגער לערנען זיינער איז געווען אַזוי: אַלע פריהמאָרגען. באַלד נאָכ׳ן דאַוונען פלעגט. דער טאַטע זיצענדיג אויף זיין שטאָט אוי·בענאַן אין קלויז. לערנען מיט איהם אַ פרק אָדער צוויי פרקים משניות כסדר. נאָך דעם אָנבייסען פלעגט ער בלייבען אין דער היים. צוגרייטען אין אַלקירעל דאָרט דאָס לייענען. וואָס דער טאַטע האָט איהם אין דער גמרא פערגעבען מיט תוספות און מהרש״א. ער האָט עס בעדאַרפט דער· נאָך איבערזאָגען. אין דער היים טאקי. אַ מאָל ביי טאָג. אַ מאָל ביי נאַכט· ווי דעם טאַטען איז אויסגעקומען. און גאָר אַ מאָל פלעגט דער טאַטע אויפוועקען שלמה׳לען פאַרטאָג אויך. און אַוועקגעהן מיט איהם לערנען אין קלויז.

אמת טאַקי, דאָס אויפשטעהן פאַרטאָג, בשעת דער שלאָף איז אַזוי געשמאַק, איז שלמה׳לען אָנגעקומען נישט אַזוי גרינג. נאָר איז ער אָבער שוין אויפגעשטאַנען, אַראָב פונ׳ם געלעגער, האָט עס איהם זעהר הנאה געטאָן. דאָס אויף-זיין, דאָס געהן אין קלויז און דאָס לערנען האָט איהם גרויס פערגעניגען געמאַכט. ווער ס׳איז אַ יוד, אַ יוד מיט דעם פינטעלע, דער קען פיהלען דעם טעם פון אַזאַ פערגעניגען. אין דעם יודענס קאָפּ מאָלט זיך די נאַכט מיט וואונדער-שענע בילדער. עס שטעלט זיך איהם פאָר אין דער נאַכט געטליכע זאַכען, יענע וואונדערליכע ערצעהלונגען פון די הייליגע ספרים, וואָס ריהרען ביי דער לעבער — און ער ווערט אַזש צושמאָלצען פאַר הייסע ברענענדיגע געפיהלען.

„נאָך דעם ערשטען משמר, אַרום האַלבע נאַכט — אַזוי שטעהט געשריבען — וועהעט אַ צפון-ווינטעלע, און די וואַכען פון די מלאכים ביי-טען זיך דאָרט אין הימעל. עס גיט, אַט דאָס ווינטעלע, דער מלאך גבריאל אַ ריהר — און ער שרייעט אויבען זעקס קולות אויס לייענט דערנאָך פון אַ בוך אַרויס די מענשענס אַלע מעשים, וואָס ווערען אָבגע-טאָן ביי טאָג. פון איהם דאָרט גיט אַ טאָרע אונטער די פליגעל דעם האָהן דאָ. ער חאַפּט זיך אויף און קרעהט הויך אויף אַ קול. אי אויבען אי אונטען ווערט אַ געטימעל; דער האָהן קרעהט אויף דער ערד, און גבריאל אויפ׳ן הימעל. דענסטמאָל לאָזט זיך גאָט פון דריי הונדערט און ניינציג הימלען אַראָב אין גן-עדן אַריין כיתות מלאכים לויפען פאָראויס אין זאָגען שירה:

עפענט טויערן ברייט זיך אויף,
עפענט הויך זיך ביז אַרויף —
אָ, איהר אייביג פעסטע טירען,
קומען לאָז דאָ גאָט שפּאַצירען!

עס זינגען אויך די בוימער אין גן-עדן, גיבען פון זיך אַרויס זיסע שמע-קענדיגע ריחות פון בשמים. אָט איז ער שוין אַריין גאָט דער מלך, מיט זיין כבוד אַליין — שאַ! מלאכים אויף זייערע ערטער שטעהען מיט גרויס דרך-ארץ און שווייגען. פול מיט רחמנות קוקט ער אויף די הייליגע נשמות פון צדיקים און קדושים דאָרט, קוקט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ. פלוצלים לאָזט ער אַרויס אַ געשריי, אַ ברומען ווי אַ לייב. דאָס וויינט ער, קלאָגט אויפ׳ן חורבן בית-המקדש, אויף ירושלים, די וויסטע

שטאָט, אויף ציון, די ביטערע אַלמנה, אויף די קינדער ישראל וויינע-וואָס אין גלות — און צוויי הייסע טראָפּענס טרערען פאַלען איהם אויס די אויגען גלייך אין דעם גרויסען ים אריין...

אזוי וויינט נאָט דריי מאָל אַלע נאַכט דאָרט אין זיינע הימלען. גוט-פרומע יודישע קינדער לאָזט עס ... איינלינען, זיי שטעהען אויף ביי נאכט פון די געלעגערס, „ריכטען אָפּ חצות“, וויינען זיך אוים פאַר דעם זיסען, באַרמהערצדיגען פאָטער אין הימעל, און דאָס יודיש האַרץ פיהלט עפּעס דענסטמאָל אַ מין בעזונדער טעם — זיס ביטער און זויער-אינאיינעם.

שלמה'לע געהט פאַרטאָג איבער דער גאַס, דאָס שטעטעל שלאָפט, לבנה און שטערען שטעהען אין הימעל אויף דער וואַך. עס דוכט זיך אים, דאָרט, אויבען, טוט זיך עס אַצינד עפּעס גאָר אַ שרעק! טוט פון ערגעץ אַ בלאָז, דאַכט זיך אים, יענס צפון-ווינטעלע, דאָס גוטע ווינטעלע, וואָס וועהעט אונטער די פליגעל פון מלאכים, וואָס האָט אַ מאָל אויך געבלאָ-זען אויף דוד-המלך'ס פידעלע, אים צוקאָפּענס ביי-נאַכט אויפ'ן געלע-גער, און עס האָט זיך געשפּילט זיסע געטליכע לידער. זושען ערגיץ בוימער אין אַ גאָרטען — דאָס זשוזען דאָרט די בוימער אין גן-עדן; קרעהט ערגעץ אַ האָהן — דאָס זאָגט ער שירה, און זיינען איהם די האָר, דאָס פּנים, פייכט פון טוי-טראָפּען — דאָס זענען גאָטס טרערען, דאָס וויינט ער, יאָמערט אויף זיינע פערוואָגעלטע קינדער. עס שלאָפט נישט, עס דרעמעלט נישט דער היטער פון ישראל!... עס צושפּילט זיך שלמה'לען די געבליטען, זיין כח-הדמיון איז פלאַם פייער דאָס האַרץ צוגעהט איהם שעור פאַר גרויסע געצילען —און ער נעהמט זיך לער-נען מיט חשק, געשמאַק אויף אַ ניגון.

מיט דעם אַרויסגעהן שלמה'לעס פונ'ם חדר געהט ביסלעכווייז ביי איהם פאָר אַ פערענדערונג אין דעם לעבען. אַצינד פיהלט ער זיך שוין פרייער צו פערבלייבען אַביסעל סעהר דאָ אויף דעם עולם. עפּעס טוט אַ וועהע אין איהם איין אַנדער גייסט, העלער אביסעל ווערט איהם אין מוח, ער הויבט זיך אָן אַרומצוקוקען — און דערזעהט פאר זיך עפּעס אַזוינס, וואָס פריער האָט ער עס, דאַכט זיך, אויך געזעהן, נאָר עס האָט איהם זיך אויסגעוויזען גאָר אנדערש, אָדער ער האָט גלאט אזוי זיך אים געוואָרפן אין די אויגען, נישט צומאכען אינווענינ אין דעם קאָפּ

קיין פיצעל רושם. עפּעס טאַקי נור אַ מענש־אַ בהמה, אַ ליימענער גולם, מישטיינס־געזאָגט: שטעהט און חייסט נישט, אויף וואָס ער שטעהט, זעהט און ווייסט נישט, וואָס ער זעהט. געגוג איז דיזך זיין וועלטעל דאָ אַזוי אויך קליין, האָט ער עס נאָך מעהר פערקלענערט — פון די אַלע גאַסען אין שטעדטעל איז פאַר איהם געווען נור דער שול־הויף: פון אַלע הייזער — דער חדר, דער קלויז, דער בית־מדרש, וואו ס׳איז דער טוויער צום הימעל; פון אַלע מענשען — אַיינוואוינער — נור דאָס ביסעל יודען, און דאָס אויך דוקא די וואָס פון זיין בית־מדרש, יענע אַקעגען וואָס פון דעם אָדער פון אַיין אַנדער קלייזעל זיינען שוין עפּעס בע.. און באמת טאַקי, כפי עס שטעהט געשריבען, איז דאָך די וועלט אַקעגען יענער וועלט נישט מעהר ווי אַ פאָר־הייזעל אַקעגען אַ פּאַלאַץ, און וואָס מאַכט עס אַ יודען אוים, שוין גאָר אַ גרויסען מיט אַ באָרד אַפילו, אַז דאָס פאָר־הייזעל איז עפּעס נישט אַזוי, אַביסעל ענגליך? מילא הויקערט מען זיך אַביסעל איין, מאַכט מען זיך אַ קאַפּעלע ניט וויסענדיג און שטערבעט אָב דאָס לעבען ווי עס איז, פון יוצא וועגען, אַבי איבערקומען. לעבט דען נישט דער וואָרעם, להבדיל אין חריין, און ס׳איז איהם געוויס גוט און זיס, אויף כפּרות די וועלט מיט דער גאַנצער „עולם הזה“?!...

שלמה הויבט זיך אָן אַרומצוקוקען ווי איינער וואָס שטעהט אויף פון שלאָף, אין די אויגען גערט איהם אויף אַ ליכט און אַלצדינג קומט איהם פיר עפּעס גאָר ניי, גלייך ווי ערשט פונ׳ם איי אַרויסגעקראָבען. עס שטעהט זיך אַ שטעדטעל אויף אַ הויכען באַרג, חוץ דעם שול־הויף זיינען דאָ נאָך גאַסען, וואו ס׳איז אויך אַ לעבען, עס געפינען זיך נאָך אוי געסלעך אַזוינע, דוקא נישט קיין יודישע, וואָס זיינען, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד, אפשר טאַקי רייגער און שענער, מיט גערטנער, בוימער און שאר־ירקות. — די טאָלען „באַרג־אַראָב“ זיינען ערטערווייז אויך בעזעצט, בעוואַקסען מיט גרינוואַרג. זיי ציהען זיך ווייט אַרום דער שטאָדט, צוואַרפענדיג זיך אין פערשיידענע פּאַנאָראַמעס: גערטנער, פעלדער און וועלדלעך פון ניס, אויך געמייזאַכצען, גרינבעוואַקסענע זומפען מיט פליושניק (זשאַווער) און הושענות, צווישען וועלכע עס רינען קוואַלען וואַסער, עם שוויבלען און גריבלען מיני עופות. אויף יענער זייט טאָלען ווייטער בערג, חייטער פעלדער, וועלדלעך און וועלדער. שלמה׳לע שטעלט אוים אַ פּאָר אויגען, קוקענדיג דערויף אינגאַנצען פערגאַפט, מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי ער זעהט עס דאָס ערשטע מאָל.

שלמה'לע דערגעהט זיך שפעטער, אַז דאָס שטעדטעל געהער גאָר צום גראַף ווינטגעשטיין, יודישע קינדער זיינען נור שכנים דאָ, זיצען אויף צינש; אַז די גוים דאָ, הערט אַ מעשה, זיינען בעלי־הבתים אַזוי גוט ווי זיי, און אפשר נאָך מעהר, האָבען אויך אַ שטיקעל ווערטה; הייגט פון װאַנען, איז איהם אַ גרויס וואונדער, זאָל זיך עס צום שטעדטעל נעהמען די קדושה, דער ק"ק, ווי עס הייסט? דער מאַרק מיט די קלייטען, מיט די סוחרים און מעקלערס, מיט די שיינקען, אכסניות מיט די משרתים און פאַקטוירים — די אַלע זיינען, אמת טאַקי, אין דער גוטער יודישקייט, אָבער די ערד, די פעלדער אַרום־און־אַרום זיינען דאָך גוי'עשע, זייערע להבדיל!... אַ בעוויז דערויף האָט ער אין די יאַגעדעס, און די ניס, — יודישע קינדער געהן מיט טעפלעך, קריגלעך קלייבען יאַגעדעס, אין וואַלד, רייסען ניס און עס ציטערט אויף זיי די הויט: אָט קומט עשו, נעהמט עס אַוועק און איז נאָך מכבד מיט אַ קלאַפּ אויך. ס'איז זיי פערשטערט גע־בעך דאָס לעבען, דער וואַלד מיט זיינע בוימער, מיט זיינע שמעקענדיגע קרייטעכצער איז פאַר זיי נור אַ ריינע אָבקומעניש, אַ שרעק. זאָל ערגעץ פאַלען אַ בלעטעל, ענטפאַלט זיי דאָס געזונד, זאָל ערגעץ אַ פיפּס טאָן אַ פויגעל, טוט זיי אַ טיאָכקע דאָס האַרץ. איטליכער שרייעט אין די גע־דאַנקען „שמע־ישראל", זיפצט נעבעך און טוט תפלה שטיל אינווענינ אין זיך, גלייך ווי זיי וואָלטען געוואַנדערט אין דער מדבר ערגעץ... ער אַליין איז דאָך געפריווט געוואָרען, געווען אין אַזאַ צרה, נישט הײנט געדאַכט, אַז ער איז נעגאַנגען איינמאָל מיט אַ פּאָר חברים רייסען גרינס אויף שבועות, קוים האָט ער אָבגעריסען אַ צווייגעל עפּעס פון אַ בליהענד בארענבוימעל ערגעץ דאָרט נעבען אַ פּלייט פון אַ גאָרטען, אַזש צוויי שקצים'לעך טוען זיך אַ לאָז איהם אַקעגען און וואָלטען זיכער איהם גע־מאַכט דעם טויט. אַ נס, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען פיס, האָט ער זיך צונויפגענומען מיט אַלע זיינע קרעפטען און בּאַלד טאַקי געשווינד מיט אימפּעט אַוועק, איבערלאָזענדיג זיינע חברים אויף גאָטס בעוואָהר.

שלמה'לע קוקט זיך צו און זעהט — אָװאַ, אַ חידוש, כ'לעבען, עס זיינען דאָ יודען, וואָס גיבען זיך נישט אַזוי אָב מיט דער גמרא, האָ־בען אין זינען אַנדערע זאַכען און לעבען אויך! ער האָט געמיינט, אַ וועלט יודען ווייסט נישט מעהר ווי לערנען, ווו אויפצוטאָן אַ פּשט'ל, ווי צו פאַ־לען אויף מהרשא'ס אַ קשיא. מען אינטערעסירט זיך נור איינער ביים

אַנדערן צו וויסען, וואו האַלט דער אין „ביצה", יענער אין „מכות"; נאָך „בין־הזמנים" אַרבייט מען אויף אַלע כלים און מען טוט זיך אַ נעהם לערנען — און לסוף זעהט ער, אַז ס'איז עפּעס נישט אַזוי די מעשה! תחילת איז איהם די זאַך אפילו אַביסעל פריקרע, וואָס הייסט?... נאָר דערנאָך טראַכט ער ביי זיך: טאַ; מסתמא בעדאַרף דאָך גאָטעניאָ אויף זיין וועלטעל האָבען אַזעלכע יודען אויך.

און וועמעס אַרבייט האָט עס געקאָנט זיין, אַריינלעגען שלמה'לען אַ פינגער אין מויל, אַרויפצופיהרען איהם אויף אַזוינע זאַכען? ס'טייטש, וועמעס אַנדערש ווען נישט דעם יצר־הרע'ס! אַז אין דעם מענשען שטעקט אַ יצר־טוב און אַ יצר־הרע, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַלע וויסען עס. אַ קינד אפילו. די פראַגע איז נאָר, ווער פון די ביידע קריכט דעם מענשען פריהער אין דער נשמה אַריין — דאָס הייסט, בשעת קומענדיג אַהער אויף דער וועלט אין דעם מענשענס נשמה, אַ גאָלד, אָדער אונטערגעשלאָגען מיט היינד? ווער פון די ביידע איז בערעדעוודיגער, קליגער, פּאָליטישער, פערשטעהט בעסער, ווי זיך בעליבט צו־מאַכען, ווי אָבצואַרבייטען אַנ'עסק? און ווי די מעשה איז, אַזוי צו אַזוי, איז דען דאָס אייגענע טאַקי ביי אַלע מענשען גלייך, אָדער ניין? — נאָר ענטפערן אויף די דאָזיגע אַלע זאַכען איבערהויפּט, דאָס זאָלען מוחל זיין יענע חקרנים, וואָס זיינען מחויב צו וויסען אַלצדינג, אפילו אַזעלכעס, וואָס נישט געשטויגען נישט געפלויגען. דאָ אָבער געהט די רעדע איבער שלמה'לע ר' חיים'ס.

די בעקאַנטשאַפט מיט זיין יצר־טוב און יצר־הרע הויבט זיך אָן דאָ אין דער דאָזיגער מעשה מיט איהם ערשט דענסטמאָל, ווען ער ווערט פרייער אַביסעל, אַרויסצוחאַפּען זיך פון דאָרט, פון יענעם עולם, הייסט עס — אַהער אויף אונזער עולם — וואָס דאָרט, אויף יענער וועלט עס געהט מיט אַ יודיש קינד פאָר, דאָס געווענדעט זיך נישט אין איהם נישט אין דעם יצר־טוב און נישט אין דעם יצר־הרע זיינעם, דאָרט געפינען זיך רבי'ס, משגיחים, בעהעלפערס, מיני נפשות אַזוינע, און אַזוינע, וואָס פיהרען איהם, לערנען איהם, קענען אַליין אָהן יענע זייער שטעדטעל בעשטעהן און שלאָגען איהם חכמות, זאַבאַבאָנעם זייערע אין קאָפּ אַריין. דאָרט געפינען זיך אויך מזיקים, מחבלים מיט אייזערנע ריטער... שלמה'לעס ערשטער שטעל דאָ אויף דער וועלט, נאָך גאָר ביים אָנהויב, בעווייזט שוין, וואָס פאַר אַ מין יצר־הרע זיינער איז, וואָהין ער קוקט, וואָס ער טראַכט, וואָס ער זאָגט, און עס לאָזט זיך שוין בייצייטענס פאָראויסזעהן, וואָס פון איהם וועט אויסוואַקסען שפּעטער. אַ קעפּעל האָ־הּ־אָ!...

שלמה'לע איז בטבע געווען א היסבלוטינער, און איהם איז געלע־נען פערבארגען א פאעטישער פונק, און דעריבער האט דער יצר־הרע זיך געקליגט אויפצובלאזען דעם דאזיגען פונק, איינגעבען איהם שכל, גע־פיהל, ליבשאפט צו דער שענער נאטור — א גוט מיטעל אוועקצורייסען פון יענעם עולם, ארויסצושלאגען דאס דולעניש פונ'ם קאפ... אט גאר דורך וואנען ארום! פריהער מיט דער פאליטיקע, די שמד־שטיק און דער יראה אריינגעלעגט, אלץ גאט און זיין הייליג געבאט — זעה, בחור'ל, זיי מקיים א מצוה, שטערבעט ער איהם, זעה „גאטס־וואונדער" אין דעם אויסגעשטערנטען הימעל, אין דעם רעגענבויגען און אין די פונקעלדיגע טוי־טראפענס אויף דעם גרינוואַרג אין גארטען. הער „גאטס קול" אין דו־נער, אין בליץ, אין שטורמווינד און אין דעם וועהען פון א שטיל לופ־טעלע, אין דעם זשוזשען פון בינען, זשוקלעך, און אין דעם שוועבען פון מיקען... שלמה'לע לאזט זיך איינרעדען, פערקוקט זיך אויף אלצדינג, שפילט זיך און איז דערוויל מפסיק פונ'ם לערנען. וואס ווייטער, ווייטער ציהט עס איהם אהין אין די פרייע גרינע פעלדער, אין די געדיכט פער־צווייגטע וועלדער. — לכה דודי, רעדט איין דער יצר־הרע, קום שפאצי־רען! שלמה'לע גנב'ט זיך ארויס פון שטוב און געהט אויפ'ן קבלת פנים צו דער שען חנ'עוודיגער נאטור, ווי א חתן אקעגען דער כלה!... די כלה ווינקט זיך, לאזט זיך איהם הערען שטיל אויף א שושקענדיג קול'כעל פון צווישען שאקלענדיגע זאנגען ווייץ און קארן, ווינקט איהם דורך זשוואווע־ריהרענדיגע צווייגען פון הויך געוואקסענע בוימער; שמיי־כעלט, מאכט חן דורך א שיינענדיגען זיל שטראהלען, דורכברענענדיג זיך צווישען דעם גרינעם ים בלעטער. זי ווייזט איהם איהר שענע רייכע נארדעראבע, מאכט איהם א חשק אויסציהען זיך אויף גרינע מיט קווי־טען־בלומען געשטיקטע קאווארען, און מיט א ווייך־געשפרינקעלטע קי־שעלע פון מאך צוקאפענס; שיקט איהם א קוש, גרייזעלט איהם די האר דורך א מילד־ווארם ווינטעלע און לאזט פאר איהם ארום און ארום שפי־לען א וואונדער־שענע קאפעלע — עס קנאקט דער סאלאווי, צוגיסט זיך אין טרעלען, דער ציזיג, דער שטיגליץ מיט דער גאנצער חברה משוררים זייערע האלטען איהם אונטער אויף פיסטלעך, געלינקלעך און ביי'קול'כלעך. ערגעץ פון דערווייטענס רופען זיך אב געמבעס: א מעקען פון ציגען, א הירזשען פון פערד, פיטערענדיג זיך דארט אויף דער פאשע און עפעס ווי א שופר־בלאזען פון קיה. פייגעלעך זינגען, שפרינגען אויבען אויף די בוימער, באכישקעלעך, געפוצט־געצירט באלאווע דרעהען זיך, טראגען

זיך אין דער לופט, גרילען, היישערעקען שמוצערען, טאַנצען, הייבען פיסלעך אויף דער ערד אונטען. עס איז אַ לעבען, אַ וועלט נישקשה דאָ אויך!... שלמה׳לען טוט עס אינוועניג אַ בריה, ער ווערט אַזש צושמאָלצען פאַר הייסע זיסע געפיהלען. זאָל מען געוועז מגדל זיין איהם ווי געהעריג איז, ווי עס פאַסט אַזעלכען מיט גוטע מתנות פון זיין ליבען גאָטען, וואָלטען די געפיהלען זיינע אַרויסגעגאָסען זיך אין שרייבען, אין מאָלען, אין שפּילען, אַ שטייגער. שלמה׳לע אָבער האָט די אַלע זאַכען, חוץ תנ״ך און גמרא, נישט געוואוסט, נישט געהערט אַפילו, אַז אַזעלכע זיינען אויף דער וועלט גאָר דאָ. מליצה־ביכלעך האָט ער אין די אויגען אפילו נישט געזעהן, דעריבער פלעגט ער אין דער הייסער שעה צוגיסען זיך אין אַ טרעלעלייקען — אין אַ נגון׳דעל פון זמירות, אין אַ וויינענדיגס צו אַ „בעדעקענס״, אָדער געזאָגט „ברכי־נפשי״ הויך אויף אַ קול, צוקייענדיג איטליכס וואָרט, און נעפיהלט דערביי עפּעס גאָר אַ בעזונדער טעם.

דאַכט זיך אין אָנהויב גאַנץ גוט, וואָס קען מען, הא, צו אַזא יצר־הרע האָבען?...

# 10.

מילא נאַטור־שמור נאָך צו דערליידען. הגם ס'איז דאָך אַ נאַרישקייט, נישט ווערטה צו פערלירען דערויף אַ מינוט צייט אַפילו, גלאַט אַזוי זיך אָהן אַ שום נוצען; נאָר דאָס, וואָס איז נישט שען, פּאַסט נישט פּאַר אַ יודען, אַ בעווייבטען, אַ טרוד אין דער פּרנסה, קען מען עס נאָך חי ס'איז מתיר זיין אַ יונגעל: מהיכי־תיתי, שפּאַציר דיר אַ מאָל הינטער דער שטוב — אויף דער נאַטור, ווי הייסט עס ביי זיי דאָרט, וואַלגער זיך אויף דער ערד, אויפ'ן גראָז און קוק דיר אָב, אַט איז אַ זשוקעל, אַ משה־רבנו'ס קיהעלע, אַ פייגעלע, אַ שטייגעלע! פּאָרט נישט מעהר ווי אַ נאַריש יונגעל, אָבער אַלצדינג, שייגעץ מיט אַ מאָס. פערגעס נישט, יונגאַטש, אַז אַ יודיש קינד בעדאַרף לערנען, אַז אַ יונגעלע, דו שנעק איינער, בעדאַרף אין זינען האָבען די גמרא, עפּעס איז דאָך, שקאָץ, אַ גמרא „ביצה“, „כתובות“ אויך דאָ אויף דער וועלט!.. יאַ, ווען אַזוי וואָלט מען צו שלמה'לען גאָר ניט געקענט האָבען, מילא איז ער זיך אַביסעל... ווייס איך וואָס? גאָר נישט! די צרה טאַקי איז דאָך אָבער, וואָס ער האָט נישט געוואוסט קיין מאָס, האָט זיך אַביסעל טאַקי פערגעסען, פלעגט פערפאַלען ווערען אַ מאָל און פערשפּעטיגען אַ היים צו מיטאָג. דער טאַטע האָט עס נישט בעמערקט, ווייל שטענדיג איז ער בעשעפטיגט, פלעגט תמיד, חוץ שבת און יום־טוב, עסען בעזונדער, נישט אינאיינעם מיט דעם הויזגעזינד. די מאַמע ווידער האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם בעל־הבית'ישקייט, פערנומען געווען מיט איהרע זאַכען. און אַז זי איז אַקעגען איהם איינמאָל אַרויס מיט דער שפּראַך: וואוהין ווערט עס אַ יונגעלע פערפאַלען? דערביי איהם געשראָקען, אַז זי מוז עס ניש'קשה דערצעהלען דעם טאַטען — האָט שלמה'לע זיך געמאַכט תם, געענטפערט מיט אַזאַ מינעלע, ווי איינער, וואָס איז גאָט די נשמה

שולדיג, סטייטש, ער איז דאָך געזעסן די גאַנצע צייט אויבן, הע־הע, אין דער ווייבערשער שול און געלערנט!

אַט דערנסטמאָל ערשט, אַז שלמה׳לע איז שוין פערקראָכן אַביסעלע ווייטליך, האָט דער שלי׳מזל׳ניק, דער יצר־טוב זיינער, זיך אויסגעשלאָפען איהם גוט אויסשייגעצען — אַזוי און אַזוי קונדים איינער! לא־די וואָס געהסט אַרום שלינג־און־שלאַנג, אָבגעריסען זיך פונ׳ם לערנען, ביסט־דו נאָך צו אַלע צרות אַ ליגנער אויך -- נארסט אָב, וועמען נאָך! אין איי־גענע מאַמען! דער גידגם איז דאָך פאַר דיר קאַרג.

אוי, אַ וועהטאָג אַ גרויסער, דעם גיהנם האָט דאָך שלמה׳לע גוט געקענט פונ׳ם „שבט מוסר״ און נאָך אַזעלכע ספרים, וואו יענע בעשריי־בען די זיבען מיני העלישע פייערען, אין וועלכען עס פרעגלען זיך, עס קומען אָב די אָרעמע בעלי־עברות; אויך די משונה ווילדע מלאכי־חבלה מיט די אייזערנע ריטער; בעשריבען איטליכעס פיצעלע בעזונדער, גלייך ווי זיי וואָלטען דאָרט געזעהן אַליין, אַלצדינג געזעהן מיט אייגע־נע אויגען! — אוי־וועה, ס׳איז דאָך עפּעס גאָר ניט גוט! וואָס טוט מען? —

שלמה׳לע טוט תשובה!... ער דאַווענט, בעט, גיסט אויס זיין האַרץ פאַר גאָט שטילערהייט מיט געפיהל, און זאָגט איהם צו הרים־וגבעות; נעהמען זיך בלי־נדר ווייטער צום לערנען, זיין, אם־ירצה־השם, אַ יוד, טאַקי וואָס אַ יוד הייסט — חוץ דעם בית־מדרש נישט אָנקוקען די וועלט, פע־פע!...

דאָס איז אָבער נאָר געזאָגט. פערפאַלען! איז אין אַ מענש דאָ גע־שמאַק, געפיהל, בעהיט זאָל מען ווערען, לאָזט זיך עס נישט אַזוי גרינג מיט דער האַנד אָוועקמאַכען. איז איהם געפעלען, מעשה־שטן, די מגושמ־שענע וועלט גאָטס, פּשוט אין דער פּאָרמע, אין דער געשטאַלט ווי זי איז זיינען, וועט קיין מוסר־ספר נישט קענען עס איהם פער׳מיאוס׳ען, מאַ־כענדיג דערפון אש, עפר ואפר... עס וועט איהם, נישט פאַר יודישע קינדער געדאַכט, עפּעס גאָר ווי אַ מאַגנעט ציהען, ציהען, ציהען... שע־נע צורות, גוטע זאַכען, זינדיגע מענשען דערמיט צו פערפיהרען, זיינען פאַר דער יצר־הרע אויף דער וועלט דאָ גענוג, איבערגענוג — ווילסט נישט דאָס, נאַ־זשע דיר, נשמה׳ניו יענם, דאָס כלומר׳שט איז פע, נאַ־זשע דיר, שלמה׳לע, אַ פראַדיל, אַ שענס, אַ פיינס, מלא חן!...

פראַדיל, נאָך גאָר אַ קינד, מיט שלמה'לען אין איינע יאָהרען, שטאַמט פון ליטוישע עלטערען, ר' חיים'ס שטיקלעך מחותנים, וואָס האָבען מיט עטליכע יאָהר צוריק זיך בעזעצט אין דעם שטעדטעל ק... פראַדיל פלעגט זעהר אָפט קומען צו ר' חיים'ן אין הויז, זיך שפּילען מיט די קינדער דאָרט, איז בעליבט געווען ביים גאַנצען הויזגעזינד פאַר איהר גוטסקייט, פאַר איהר שענקייט — און שלמה'לע האָט זיך אויס איהר גאָר נישט געמאַכט, גלייך ווי זי איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. פראַדיל — פראַדיל, איינע וואָס האָט געהייסען פראַדיל! מיט אַ מאָל אָבער וואַקסט פאַר איהם אויס פלוצלים, ווי פון דער העלער הויט, אַ פראַדיל, אַ בילד שענע, גאָר אַנטיק — און עס גיט איהם עפּיס אַ ציה, אַ טיאָכק דאָס הערצעלע, עפּעס לויפט איהם ווי אַ הייסער שטראָם דורך די אַלע גלידער, רויט און בלייך ווערט ער אויף איינמאָל! עס ציהט איהם, עס גלוסט זיך איהם אויף איהר צוקוקען און קוקען, נאָר גוואַלד רבונו־של־עולם, וואָס טוט מען מיט דיר? ס'איז דאָך אַ גרויסע עברה!... ער ראַנגעלט זיך מיט דעם יצר־הרע, חי אַ יוד, אַ ווילדער עקשן: ניין, מען טאָר נישט, ניין ניין, וועסט ביי מיר נישט פועל'ן — און חאַפּט לסוף נעבעך אַ קליין קוקעלע! שפּעטער אַביסעל — שוין עטליכע, וואָס ווייטער, ווייטער ווערט דאָס ראַנגלען זיך זיינס מיט דעם יצר־הרע שוואַכער, די מורא פאַר גאָט שוין נישט אַזוי חי די מורא פאַר לייט — אוי, לאָז חאָטש אַ זייטיגער מענש עס נישט בעמערקען, חלילה. אין הונדערטען פאַל, תאָמער שטויסט זיך עמיצער אָן, איז איהם ניחאָ בעגראָבען זיך לעבעדיגערהייט. ער האָט אָנגעהויבען פאַר מורא זיך אַרומצוקוקען, ווי אַ גנב, חושד זיין ביי זיך איטליכען אין שטוב, תאָמער האָט דער עפּיס אָנגעשמעקט, תאמר ווייסט יענער וואָס אין האַרץ ביי איהם טוט זיך אַזוינס, גלייך ווי ער וואָלט געווען פון גלאָז, דורכזיכטיג, מען זעהט זיינע געדאַנקען, זיינע געפיהלען, אַלצדינג וואָס אינווענינג אין איהם געהט פאָר.

די מורא זיינע איז אָבער געווען אומזיסט. ווען אפילו עס זאָל מעגליך געווען אַריינצוקוקען איהם אין האַרץ, וואָלט מען נאָר געקוקט ווי דער האָהן אין „בני־אדם", נישט צו וויסען דעם פירוש פון זיינע געדאַנקען דאָרט. ליעבעס, דאָס איז נישט פאַר דעם יודישען מוח, דאָס איז פאַר איהם תרגום. ביי יודען איז גאָר אַזוינס נישט דערהערט געוואָרען, בפרט נאָך דענסטמאָל אין יענער צייט, און נאָך וואו? — אין אַזוינע קליינע שטעדטלעך ווי ק... און נאָך ביי וועמען? — ביי מענשען פונ'ם בעליבתישען שטאַנד!... פאַלש איז דער חן און נאַריש די שענקייט, אָגט

דער פסוק. ליעבעס איז אויך נישט קיין אייביג געווער. בויען דערויף דאס פאמיליענלעבען, דאס אייגענע גליק און דאס גליק פון קינדער איז ווי שטעלען א בנין אויף א היהנעריש פיסעל, היינט ביזט דו שען, בליהסט ווי א רויז, מארגען ביסט דו פערדארט; היינט געה איך אוים נאך דיר און מארגען — נאך עמיצען אנדערש, געה דיר צו אלדי שווארץ יאהר!... חתונה האבען, קינדלען — דאס איז ביי יודען א גאטס געבאט. עהרליך האלטען א ווייב, זי ליעב צו האבען, ווייל זי איז א ווייב, א בעל־הבית׳טע, א מאמע פון קינדער, און זארגען זיך פאר דעם הויזגעזינד — דאס איז א הייליגער חוב, א מצוה, וואס דערויף איז זיך א יוד מקריב. און אט דאס טאקי האט צוגעגעבען דעם פאלק ישראל א שטיק געזונד, דאס אייביגע לעבען; אט דאס איז אונזערע עלטערן אלע מאל בייגעשטאנען אין די נויטען. איז שלעכט, ביטער, פינסטער, טרויערדיג דארט אין דער וועלט, דערפאר איז גוט, זיס, ליכטיג, פרעהליך ביי זיך אין הויז צווישען אייגענע — נעבען ווייב און קינדער!... יא, אזא זייפענבולבעלע ווי ליעבעס, וואס פלאצט, צו־שפרינגט פון א בלאז, האט מען ביי יודען אין יענער צייט נאך נישט געוואוסט. דאס איז איינמאל. היינט צווייטענס, ווען אפילו יא ליעבעס, ביי מענשען אפילו פון היינטיגער וועלט, וואלט בשום אופן זיי נישט גע־קענט איינפאלען, אז ביי קליינע קינדער זאל גאר געמאלט זיין אזוינס! קינדער זענען קינדער. יונגלעך, מיידלעך, וואס מאכט עס אוים, אדער זיי שפילען זיך אינאיינעם מיט צאצקעס צווישען זיך, אדער די ניאנקעס, באנעס, גובערנאנטקעס שפילען זיך, צאצקען זיך מיט זיי, קושען זיי, האלזען זיי, און — גארנישט, פרעגט זיי בהרם!...

זאל דאס אייגענע טאקי, וואס ביי שלמה׳לען, זיך געווען מאכען מיט איינעם, א דערוואקסענעם מענש, וואלט עס אומעגליך אין איהם גע־בליבען פערבארגען. עס וואלט זיך ארויסגעוויזען איהם אין דעם פנים, אין דעם רעדען וכדומה נאך אין אנדערע זאכען, עס וואלט דערפון גע־חאוסט בפירוש, נישט אנדערש טאקי, דער אנדער צד אויך. ליעבען ווי געוועהנטליך איז א שרפה, וואס ווערט אונטערגעהאלטען פון מאטעריאל, מגושם׳דיגע זאכען. עס ברענט עס קנאקט ביז פונ׳ם מאטעריאל ווערט האלאחעשקעס און דאס פייער לאזט זיך אוים מיט א טשאד, א רויך... שלמה׳לעס ליעבע אקעגען, דאס איז א ריינע, אינוועניגסטע, אין זיך אליין; דאס איז יענם געטליכעס פייערל, וואס האט געברענט און דער דארענבוים איז נישט געווארען פערברענט; דאס איז א בליץ פון גייסט.

א חשק, א גלוסטען צו שענקייט, וואָס לאָזט זיך דערקענען אין דעם רויט פאַרבּיגען הימעל בּיי'ם אויפגאַנג פון מאָרגענשטערען, אין פוקען זיך פון דער רויז, אין פרישע פורפער־ליפען, אין חן־גריבּעלעך, אין דעם מילדען שמייכעלע און אין דעם וואַרעמען בּליק פון בּרענענדיגע אויגען... דאָס איז יענע ליעבּע, וואָס בּרענט ווי א „נר־תמיד" אין האַרצען בּיי פּאָעטען — פון גאָט געלייטזועליגטע מענשען; וואָס וואַרעמט די נשמה, גיט א מאָל א נעהם אויסצוגיסען זיך אין געבּעט. אויסווייניג זיך פאַר גאָט שטילערהייט...

עס פערשטעהט זיך, אַז שלמה'לעם ליעבּע איז, אַזוי גוט ווי פאַר אַנדערע, אויך פאַר פראַדלען געווען א סוד! אַבּי ער ווייסט, ווי שטאַרק אַנגעלעגט בּיי איהם איז, אַז זי קומט צו גאַסט, ווי עס טוט איהם הנאה, אַז ער חאַפּט בּגנבה אויף איהר א קוק, אַז ער עסט זי מיט די אויגען הינטערוויילעכס, און וואָס, האַ, וועט אַרויסקומען, איהם אָדער איהר, אַז זי וועט עס אויך וויסען? — פּאָרט וואָס?... און גאָט אַליין וואָס קען עס איהם אַרען? — טראַכט שלמה'לע, טרייסטענדיג זיך אין האַרצען — מה רעש, אַז עס טוט זיך א מאָל א קוק! אָבּער מיט איהם, מיט דעם לערנען, מיט דעם דאַוונען געהער עס זיך בּלל גאָרנישט אָן. זיינס בּעקומט דאָך דער רבונו־של־עולם פּינקטליך: א שחרית, א מנחה, א מעריב טאָג־טעגליך צו דער צייט, און א נדבה, זאָל נישט אויסגערעדט זיין — עטליבע קאַפּיטלעך תהלים א מאָל אויך!...

נאָר ווער ווייסט, אפשר אין דעם זכות טאַקי איז שלמה'לען בּעשיינפערליך געשעהן א נס פון גאָט, אַז ער איז געשטאַנען אין א סכנה איינמאָל, אַליין דעם סוד זיינעם אויסצוגעבּען.

שבת־נחמו, ווי דער וועלט איז בּעקאַנט, איז א טאָג פון שמחות, סעודות בּיי יודישע קינדער אין די שטעדטלעך. נאָך מיט א וואָך, אָדער א פּאָר וואָכען פריהער שמועסען קינדער, פּעקלעכווייז, צווישען זיך אָב, צומאַכען יענעם שבת א סעודה דערפון, וואָס איטליכער וועט בּעצייטענס מיט דעם גוטען ווילען זיינעם בּרענגען צו דעם, בּיי וועלכען חברה האָט אויסגעקליבּען. און בּאַלד טאַקי הויבּט זיך אָן איין עסק פון טראָגעניש, וואָס מען קען נאָר, כשר צו בּגנבה, בּיי זיך אין דער היים דערטאַפּען. איינער בּרענגט א שטיקעל קיכעל, א גרינעם עפּעל, א מער —

בשתיקה פונ'ם בינטעל וואָס צום צימעס; דער אַנדערער אַ געלע גרויסע אונערקע, אַ האַלב איי, אָבגעשפּאָרט נעבעך פון זיין מיטאָג: דער דריטער דאָס, דער פערטער יענס. אַ דאַר שטיקעל ברויט, אַ רעטיכעל, אַ ציבעלע, אַנ'עקעל פון אַ הערינג איז אויך אַ סחורה. אזוי טוען דענסטמאָל קינדער־קונדסים, קינדער־בר־מצוה־בחורים — האָבען חתונה. אָט אין אַזאַ שבת־נחמו, ביי טאָג נאָך דעם שלאָף, איז געווען, אָהן עין־הרע, פרה־לוך, אַ רעש, אַ געפילדער פון קינדער, יונגלעך און מיידלעך, דאָרט אויפ'ן פרייען פּלאַץ נעבען ר' חיים'ס שטוב. ביי אַ טייל קינדער איז דאָס מויל, די ליפּען געפאַרבט, מיט וואָנצעס, פון געקאָכטע שוואַרצע יאַגאָדעם און האָבען אַ פּנים ווי משונה ווילדע בריות, עפּיס גאָר אַ שרעק! ווידער ביי אַ טייל פּיערט אַ באַק, צודראַפּעט אַביסעל די נאָז — צייכענס פון די גבורות זייערע אין דער מלחמה. עטליכע זענען ביי דער סעודה פריהער נישט צופרידען געווען מיט זייערע חלקים. איטליכער קוקט וואָס ביי יענעם און זיינס איז גאָרנישט — עפּיס אַזוינס, וואָס קיי־שפּיי, פויל, ביטער, טפוי זאָל עס ווערען! הענד האָט דאָך גאָט געגעבען, נעגעל אויך, נעז, אָהן עין־הרע, ביי יודישע קינדער זענען אויך דאָ, נו האָט מען זיך אַביסעל, ווי דער שטייגער איז — צודראַפּעט. טאַקי נאָר אַביסעל, ווייל דער טאָג שטעהט נישט, נישטאָ קיין צייט, מען בעדאַרף זיך שפּילען. אויך פראַדעל האָט זיך געפונען צווישען די קינדער, זי איז געווען וואונדער־שען, עפּיס נאָך שענער ווי תמיד. און שלמה'לע האָט זאַט אָנקוקען זיך אויף איהר נישט געקענט.

אויף דער לאַנגער, נידעריגער באַנק דאָרט פאַר דער שטוב זיצען ווייבער שכנות, בעקאַנטע, צווישען זיי שרה, אויך גיטעל, פראַדעלס מאַמע, און די גוטע לייבציכע. מען זיצט חלילה נישט לעדיג — מען רעדט, מען רעדט זיך אויס, איטליכע וואָס אויף דעם האַרץ. איינע אַ מעוברת'ע, אַ דיקע מיט געלע פלאַמיעס אויף די באַקען, קלאָגט זיך, אַז עס שפּאַרט איהר אונטער'ן לעפעלע, אַ פּנים פונ'ם טשאָלענט. זי שוויצט, פאָכט זיך מיט דעם עק פאַרטוך, פערוואָרפענדיג אַרונטער דעם קאָפּ, איין וואָרט, איין געשריי: אַי וואו נעהמט מען אַ קאַלטען טרונק וואַסער! ס'איז דאָ אויך יענע יודענע מיט דער ספּאַזמע, וואָס געניצט גאָר אַ שרעק, שפּייט און ווישט מחילה די נאָז. איינע אַ דאַרע, הויט און ביין, נאָך הייזעריג פון די תשעה־באב'דיגע קינות, רעדט מיט דעם גאַנצען כח אויף אַ צוריי־פּעט־פּערדומפּענעם קול, קוים וואָס זי כאַפּט דעם אָטעם, קייכט, הוסט, אַרויסשטעקענדיג נעבעך די צונג. אַ גאַנץ לייטישע, שענע יודענע מיט

פּערזאָטענע אויגען אָהן ברעמען קוקט אַריין אַ קינד, וואָס בּיי איהר אויפ׳ן שויס, אין קעפּעל, ווייזענדיג אויך אַנדערע נעבּען איהר, אויף אַ ציקאַ־גועשץ, וואָס פּאָר אַ מיטעל וועלען זיי ראַטען... לייבּציכע קען, שונא־ציון, זיך נישט צורייסען, אַזוי פיעל אַרבּייט האָט זי אַצינד. אַ קאַטאַ־וועם עפּים מיט אַזאַ עולם ווייבּער איבּערצורעדען, איטליכער זאָג אַ וואָרט, דערצעהל אַ מעשה, גאָר נישט לאַנג געטראַכט! היינט האָט דאָך נאָט געגעבּען אויגען אויך, אַז זיי זאָלען אומעטום קוקען, נישט אויסצו־לאָזען חלילה קיין שום זאַך, בּיי אַזוי פיעל אַרבּייט ווערט גאָר קיין וואונ־דער נישט זיין, אַז לייבּציכע פערפּלאָנטערט זיך אַ מאָל, מישט אויס, ווי מען זאָגט „קאַשע מיט מאָהן" עטליכע מעשיות אינאיינעם, און דער האָ־פּענונג, אַז מען וועט זיך אָנשטויסען, ניש׳קשה, און איטליכע וועט פונ׳ם אויסמישעניש אַרויסנעמען דאָס, וואָס איז איין אנצוהעריניש אַקעגען איהר.

— למען השם, זיך נישט געקוועטשט! אַז דעם מגיד, געדענק איך, איז דאָס ציינגעל אַראָבּגעפאַלען, האָט ער, דער זיידע, איהם געזאָגט עליו השלום: שאַ האַלט זיך, זייט מוחל, איין, קוועטשט זיך נישט אַזוי— רעדען... אַז עס הויבּט אָן צושפּאַרען, נישט געפּריווט זאָל מען ווערען, שפּאַרען אָט דאָ אונטער דעם לעפּעלע, איז איין ברירה: עפען אַ מויל, ברען אָב, גיבּ אַרויס וואָס דאָרט אין דיר איז און האַלט נישט... אָהאָ, האַלט ער זי עס אַביסעל! נאָכגעיאָגט. געחאַפּט און האַלט זי. דאָס שען בחור׳ל, יאָ־האָ־האָ!

אָט די דאָזיגע לייבּציכעס ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען אַקעגען דער הייזעריגער און דער מעוברת׳דיגער יודענע. און חאַפּענדיג דערווייל אַ קוק אויף די קינדער דאָרט, וואָס שפּילען זיך אין זשמורקעס, זעהט זי, ווי שלמה׳לע יאָגט זיך נור נאָך פראַדלען, אַלץ מיט איהר און לאָזט זי פונ׳ם אויג נישט אָב.

— אוי, גיטעלע, איך האַלט עס נישט אויס! — מאַכט לייבּציכע, שאָקלענדיג מיט׳ן קעפּעלע פון דערווייטענס צו פראַדעלס מאַמע — אוי, איז זי שען, אייער פראַדעלע, ס׳איז איהר אין פּנים נישט אַריינצוקוקען מי אין דער ליכטיגער עון!

— גיט איהר נאָר קיין עין־הרע נישט! ענטפערט אָב גיטעל־

באַם האַלט אין אַ שמועס מיט אַ פּאָר ווייבער איבער דער דאָליע זייערער.

— ספּוי־טפּוי! — שפּייט לייבציכע, פּערדרעהענדיג די נאָז מיט אַ ווינק אויף יענער מיט דער ספּאַזמע — אַ גענוצען אַביסעל, אַ שפּייען!... ביים אָבשפּרעכען אַ גוט אויג די באָבע, מיר צו לאַנגע יאָהר, מיידעלוויז, שען בין איך געווען ווי גאָר די וועלט, מען האָט זיך אויף מיר געהאַנגען. מאַכט זיך אַ מעשה פּלוצלים גאָר אומגעריכט... שאַ, שרה׳ניו, דו ביזט דאָך עס מחויב צו געדענקען — דרעהט זי זיך געשווינד אוים צו שלמה׳לעם מאַמע — קוק נאָר אָן דאָרט, אין מחשבות׳ן, דיין בחור׳ל! לויפט איהר נאָך ווי אַ קוה אַ קעלבעל, פּראַדלען. האַ? זעהר אַ שען פּאָרעל... הלואי אין גיכען, רבונו־של־עולם, זאָל יאַחנע־סאָסיע דיר זאָגען מזל־טוב! געדענק מיינע ווערטער.

— אַנ׳איינפּאַל אַביסעל, נאָך אַזוי יונג!

— ביזט עס, שרה׳ניו, מחויב צו געדענקען די מעשה אַ מאָל, אַ מאָל בשעת דער בהלה. וויפיעל, האַ, מיינסט־דו, איז מיר דענסטמאָל געווען צו דער חתונה? מיינער איז נישט מעהר געווען ווי אַ יאָהר אַכטניין, און אפשר טאָקי נאָך וויניגער

— אודאי מיט עטליכע יאָהר צוריק, בשעת דער בהלה פון די שקאָלעס, נישט היינט געדאַכט, ווען דענסטמאָל פּראַדעל זאָל זיך אונטערדרוקען, הע־הע! וואָלט געווען טאָקי די רעכטע צייט. מסתמא איז דאָך עס נישט בעשעהרט. אַצינד איז עט, נאַרישקייטען...

— יאַחנע־סאָסיען זענען גאָך, ברוך השם, די אויגען נישט ארוים... אַט זעה איך, זעה! — די דאָזיגע לעצטע פיער ווערטער האָט שוין לייבציכע געזאָגט דער יודענע מיט די פּערזאָטענע אויגען, וואָס האָט איהר אָנגעטאָן כבוד, גלייך ווי די אַלע אַנדערע דאָ, און דאָס קינד מיט דעם קעפּעל כמעט אונטער דער נאָז איהר אונטערגערוקט. לייבציכע האָט ווי אַ גענוטע עס בע־

טראכט, דערויף פאמעליך געבלאָזען, אָנגעהויבען צו דערצעהלען מכח דעם אַ לאַנגע מעשה, און פערקראכצע וויט, אַזוי אַז זי האט דער־וויל איז שלמה׳לען זיך פערגעסען.

שלמה׳לע האט געמענט בענשען גומל. ווען נישט די מעשה, וואָלט ער, חס־ושלום, ווי די בידנע קאַץ געבעך אַמאָל, טרוקען פון לייבציכען נישט אַרויס!..

## 11.

מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ טעם „ביצה" קען האָבען נאָכדעם אַז מען טוט אַ לעק פון יענע זאַכען, צו וועלכע דער יצר־הרע גיט אונטער אַ השק. געה פערשפּאַר זיך, לערען און טראָג זיך איבער מיט אַלע געדאַנקען העט־העט אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ אָרט, גאַנץ ווייט און פרעמד פון דיר, בשעת פאַר די אויגען שטעהט דאָ גאָטס וועלטעלע מיט שענע גוטע זאַכען, וואָס ציהען דיך בײַ דער נשמה: נאַ, פערזוך, ניש'קשה, און וויים פון דיין חיות צו זאָגען! שלמה'לע איז אַצינד עפּעס ווי דערוויטערט געוואָרען פון „יענעם עולם". אין וועלכען ער איז געווען אַריינגעטאָן פריהער מיט לייב און לעבען — דער קאָפּ זיינער ליגט שוין נישט אין דער גמרא ווי אַמאָל. עס גלוסט זיך איהם דאָס, יענס און ער האָט אין זינען הבלי־העולם. דאָס שטיקעל „לייענען" פאַר דעם טאַטען מאַכט ער נאָך ווי ס'איז, זופט אָב אַ בלעטעל גמראָ אין־האַכעניש, אינדאַיילעניש עט אַזוי, אַבי גע'פּטר'ט, איבערגעקומען, און שפּאַצירט זיך דערנאָך דעם גרעסטען טייל טאָג אַרום. ער זוכט זיך אויס נייע מיני געננ, נייע מיני חברים, זיין גלייכען, נישט זיין גלייכען, יונגער צי עלטער פון איהם, וואָס מאַכט עס אויס? אַבי זיי זענען איהם צום האַרצען, עס פערברענגט זיך מיט זיי די צייט, עס שמועסט זיך, עס טראַכט זיך און עס פיהלט זיך עפּעס אַזוי גוט, אַזוי געשמאַק...

שלמה'לע חאַפּט זיך עפּטערס אַריין צו אַייזיק דעם שמיד אין קוזנע, בעזונדערס, ווען אין־דרויסען איז נאַס, קאַלט און איהם איז עפּעס אומעטיגליך אויף דעם האַרצען. ער זיצט זיך דאָרט אין אַ ווינקעל און קוקט פערטראַכט. אין קוזנע איז טונקעל, אַקעגען איהם פאָכט הייזעריגליך אַ לעדערנער, געלאַטעטער בלאָז־זאַק. ער טוט אַ בלאָז און אַ זייל פונקען שפּרינגען, טאַנצען ווי די רוחות אין אויבען, עס קומט איהם דערבײַ פיר יענע מעשה אין חומש, אַמאל, אַמאָל — ווי אברהם־אָבינו זיצט מרה־

שחורה'דיג און דרעמעלט. די זון געהט אונטער. עס איז א נעבעל — און אט אין איין אויבען רויך און א פלאם־פייער... די פונקען שפרינגען און שלמה'לעס געדאַנקען פערפליהען ווייטער־ווייטער; עס מאלט זיך איהם עפעס משונה'דיגע צורות, דרעהענדיג זיך צווישען די פונקען און דראַפענדיג זיך פון דאָרט אויף די אָבגעשיינטע װענד אַקעגען. עס בייטען זיך די געשטאַלטען, אַרויס־אַריין, ביז עס טוט איהם שיינענדיג זיך א וויי פראַדעל! ער ווערט צוקאָכט, נעהמט זיך מיט גרויס חשק זי צו בעטראַכטען, קוקט־קוקט און דערזעהט בעשיינפערליך די ליכטיגע צורה פון אייזיקען, וואָס הידעט־אונטער, פערגרעסערט אַלץ דאָס פייער. פלוצים, אין דער הייסער מינוט טאַקי, חאַפּט אייזיק פונ'ם העליש־פייער אַרויס מיט צוואַנגען א גליהענד שטיק אייזען, און האַלטענדיג עס אַזוי אויף דער קאָוואַדלע" מיט איין האַנד, שלאָגט ער עס מיט דעם האַמער אין דער אַנדערער האַנד, בשעת א געזונטער, ברייט־ביינעדיגער, צו־חראַסטעטער בחור, בעהאָפענט מיט א גרויסען, שווערען האַמער קלאַפּט דערויף אַקעגען. אייזיק איין קלאַפּ, דער בחור צוויי; אייזיק א דרעה דעם אייזען אַהער, דער בחור — קלאַב; אייזיק א דרעה אַהין און דער בחור קלאַפּ־קלאַפּ, אזש פונקען פליהען... ס'איז דאָ פאַר שלמה'לען וואָס צו זעהען, א מאָל עפּעס אַנדערש, ס'איז דאָ פאַר איהם אויך וואָס צו הערען — די אַרבייט האָט ליעב א המצאָה, א ווערטעל, עס זאָל געטאָן ווערען לעבעדיג, פרעהליך. דאָרט ווערט אויך דערצעהלט שרעקליכע מעשיות, וואָס דאָס לייב גרוילט הערענדיג זיי. אין מענשען צום רעדען איז, ברוך־השם, נישטאָ קיין מאַנגעל. ס'איז דאָ געגוג, אי אייגענע, אי פרעמדע, וואָס קימען געבען אַרבייט: דער קימט מיט א שטימפּע האַק, יענער קומט מיט א צעבראָכען מילעכדיג קלינגעל, אַנ'איבערגעדרעהטען שלאָס, איינער קומט פידקאָוועןא א פערד און דער אַנדערער אַרויפציהען אַנ'אייזערנע רייף אויף א ראָד. — אייזיק אַליין איז בטבע געווען זעהר בערעדעוודיג, א צוגעלאָזטער מענש, מיט אַבי װעמען זיך אַריינגעלאָזט אין א ברייטען שמועס. בעזונדערס האָט ער ליעב געהאַט אַריינלאָזען זיך אין חקירות, נעבען יענעם צו פערשטעהן דעם שפּיץ פון א זאַך, און דערקלערען, פאַר וואָס איז יענס אַזוי און איז נישט אַזוי? פאַר וואָס נעזולעכער, א שטייגער, זענען אין דער נאָז אונטען, נישט אויבען, די לופט צו אָטעמען איז דאָך פון אויבען פרישער, ריינער ווי פון אונטען, מחילה? אַזאַ קשיא האָט ער זיך געקענט פרעגען, פערקנייטשענדיג זיך גאַנץ ערענסט, און דערנאָך פערענטפערן עס מיט א גוט שמייכעלע, אַזוי: דאָס איז, פערשטעהט איהר

מיך, גאַנץ שכל׳דיג! כּדי דער רעגען זאָל אַהין נישט אַריינרינען, אין דער נאָז, פערשטעהט איהר מיך. נאָך און נאָך קשיות אַזעלכע פלעגט ער פרעגען, וואונדערענדיג זיך אויף דעם סדר־העולם, אויף די ווערק גאָטס און זיין פיהרונג אין דער וועלט, אַלץ: פאַר וואָס, פאַר וואָס, און לסוף אויסדרינגען על פי חקירה, אַז אַזוי ווי עס איז, אַזוי מסתמא בּעדאַרף זיין, אַזוי מסתמא איז גאַנץ גוט, גאָט, ניש׳קשה, איז גערעכט, די קאַץ האָט דעריבּער שאַרפע נעגעל, כּדי זי זאָל זיך קענען דראַפּען אויף די גלייכע ווענד, דאָס פערד האָט דעריבּער אַ ווײדעל, כּדי אַראָבּ־שמייסען פון זיך די פליגען, און די פליגען ווידער האָבּען דעריבּער פליגעל כּדי געשווינד טאַקי אַוועקצופליהען... לערנען האָט אַייזיק דער שמיד דוקא גאָר ניט געקענט, פונדעסטוועגען האָט עס איהם כּלל נישט געשאַדעט צו די חקירות זיינע, צו הייסען בּיי׳ם עולם: אַייזיק דער חקרן, לערנען מיט חקירה זענען אַ פּנים גאָר צוויי בּעזונדערע זאַכען.

געווען שען האָט דאָך אַייזיק דער שמיד די גאַנצע וואָך זיך אויס־גענומען, שטעהענדיג אין אַ צעלעכערטען לעדערנעם פאַרטוך, אָהן אַ קאַפּאָטע בּיי זיך אין קוזנע און זאָגענדיג דאָרט חקירות, נאָר נאָך שענער אויסגעזעהען האָט ער שבּת און יום־טוב פאַרנאַכט אויפ׳ן שולהויף. ער שטעהט זיך דאָרט אָנגעטאָן אין אַ לאַסטיקענע זופּיצע, אויפ׳ן קאָפּ אַ שטריימעל, גלייך מיט אַנדערע בּכּבוד׳יגע בּעלי־בּתּים, און דרשה׳ט פאַר אַ רעדעל מענשען אַרום איהם, אַריינשטעקענדיג איין האַנד אין דעם גאַרטעל בּיז דעם גראָבּען פינגער. אַלץ וואָס ווייטער פערגרעסערט זיך דאָס רעדעל, עס ציהט איטליכען עפּעס ווי אַ מאַגנעט צוגעהן נעהענטער, צולעגען איין אויער און האָרכען, וואָס זאָגט אַייזיק דאָרט עפּעס אַזוינס. עס געהט דאָרט אַ שמועס איבּער צימעס, דערנאָך אַ חקירה: וואָס צימעס? וואָס טייטש צימעס? מען קומט פון דעם ענין אַרויף אויף פאַסטערנאַק, און אַייזיק נעהמט זיך דערקלערען על פּי חקירה, פאַר וואָס פערלירט פאַסטערנאַק דעם טעם בּאַלד נאָך דעם ערשטען דונער. ער פערפּוטעט זיך אין דער חקירה און פערקריכט אויף קראָפּיווע: פאַר וואָס קראָפּיווע זייהט מען נישט און עס וואַקסט? — הערסטו! טוט ער זיך אַ דרעה צוריק, הערסטו, אָט דעריבּער טאַקי, וואָס מען זייהט עס נישט, וואַקסט עס אַליין. אויך די אייגענע מעשה, פערשטעהט איהר מיך, וואָס מיט נאַראָנים... גאָט, ניש׳קשה, פערשטעהט, פערשטעהט איהר מיך, אַז אַזעלכם בּעדאַרף אויף דער וועלט אויך זיין, פערשטעהט איהר מיך. אין דעם רעדעל ווערט פרעהליך, מען האָט משונה הנאה און מען לאַכט

חדוה אָבער איז נאָך גרעסער, ווען עס קומט אַמאָל אויס אַ שפּאַרעניש דאָרט צווישען אַייזיק דעם שמיד און לייזקען, דעם צווייטען חקרן אין דעם שטעדטעל. לייזקע איז אַ געוועזענער אַרענדאַר, אַ ישוב'ניק, וואָס אויף דער עלטער האָט ער זיך בּעזעצט אין דעם שטעדטעל, כּדי צוגעפינען זיך צווישען יודען, הערען אַ „בּרכו", אַ „קדושה" און לעבען, ווי גאָט האָט געבאָטען. לייזקען איז די נאָז פערלעגט, עפּעס אָנגעדראָלען, דער־דיבּער אַז ער רעדט, קומט אויס געפּאָנפעט און אַמאָל אויך עפּיס ווי געפּייפט. לייזקע קען בּעל־הבּתיש לערנען, קוקט אַריין אין אַלטע יודישע חקירה־ספרים און צווישען איהם מיט אַייזיקען איז תּמיד אַ שפּאַרעניש. לייזקע פעררופט זיך אַלץ אויף אַנדערע חקרנים, אויף אַ ר י ס ט ו, אויף דעם „ספר־הבּרית" וכדומה נאָך אַזעלכע, און ער אַליין איז נישט אַזאַ בּעל־מוח; אַייזיק דער שמיד אַקעגען שטעלט נור אויף זיין שכל, ווייסט נישט פון קיין אַריסטו און געהט אין חקירה אויף זיין אייגענעם דרך. בּעזונדערענס בּעריהמט איז זייער שפּאַרעניש איבּער בּאַנקעס — פאַר וואָס שטעהט אַ בּאַנקע צו פעסט צום לייב און פאַלט נישט אַראָב? לייזקע זאָגט:

– אַזוי איז די מעשה, רבּותי! דורך דעם שטעק מיט דער בּרע־נענדיגער ליכט, וואָס מען טוט אין דער בּאַנקע ווערט זי, אָט אַ־פּנים, אויסגעלעדיגט פון דער לופט. הייסט געדענקט־זשע, יודען! אַזוי ווי מיר האָבען אַ קיימא־לן, אַז די נאַטור האָט פיינד לעדיגקייט, בּכן, רבּותי, ציהעט זיך דאָס לייב, אָט אַ־פּנים, פערנעהמען דאָס לעדיגע אָרט אין דער בּאַנקע.

— וואָס מיר שטעק, וואָס מיר ליידיגקייט־שמיידיגקייט! — זאָגט אַייזיק מיט אַ שמייכעלע גאַנץ רוהיג, נעהמענדיג זיך פאַר'ן בּערדעל — און פריהער וואָס איז דען, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, די בּאַנקע געווען נישט לעדיג? לופט האָט דען אַ ממשות? אַדרבּה, פּרוווט זיך אויסציהען אויבען אין דער־הויך אויף דער לופט, אויב ס'איז אַזוי. און גאָר אַ־חוץ דעם, וואָס איז עס גלאַט פאַר אַ לשון — אויסגעלעדיגט דורך אַ שטעק מיט דער ליכט!

— דאָס איז נישט מיין לשון — פּאָנפעט בּייזליך לייזקע — אַזוי זאָגט אַריסטו. איהר הערט? אַריסטו!

– אָוואַ, אַריסטו! אַ קאַטאָוועס אַבּיסעל אַריסטו! אַ רב איז ער דען, וואָס פּסק'ט שאלות, האַ!

— אָבער אַז אַזוי שטעהט דאָרט אין אונזערע יודישע חקירה־ספרים! זאָגט לייזקע שוין שטאַרק אויפגעבראַכט.

— וואָס טויג מיר, וואָס בײַ אײַך, זאָלט איהר מיר געזונד זײַן, שטעהט אַלץ דאָרט, דאָרט! איך אַליין שטעה, ברוך־השם, אַזוי פיעל יאָהר שטעה איך אין קוזנע בײַ׳ם אויבען. דאָרט ברענט אַ פײַער, אַביסעל אַ גרעסערס פון אײַער ליכט, און פונדעסטוועגען גאָרנישט, נישט דאָס וואָס די באַנקע... פאַר וואָס?

— ע־ע, וואָס האָט מען צו רעדען מיט אַ יונגעל! — טוט לייזקע אַ זאָג, אַ מאַך געבענדיג פאַר גרויס פערדראָס מיט דער האַנד, און געהט אַוועק, נישט אויסהערענדיג, ווי אײַזיק דערקלערט דעם עולם אויף זײַן דרך דעם שפיץ, וואָס אין דער באַנקע שטעקט.

אײַזיק דער שמיד, אַ יוד, אַ זיידע, ברוך־השם, וואָס האָט שוין דערלעבט אייניקלעך פון זײַן עלטסטער טאָכטער, בײַ איהם אויף קעסט מיט דעם מאַן אַ וואויל־לערנער, איז מיט אַלע פּאָסטעמקעס זײַנע געווען טאַקי נור עפּיס אַ יונגעל — אַיין אַלטער־יונגעל, וואָס איז אַ חידוש צווישען יודען. נאָך דער גרויסער מרה־שחורה, וואָס דערוואַקסענע יודען, בע־ווײַבטע, מאַכען אָן מיט זייערע ערענסט־פינסטערע פּנים׳ער, מיט זייער זאָרגען אָך־און־וועה, און ביטער־זויערען מוסר־זאָגען תמיד, איז אײַזיקס פרײַנדליכע־פרעהליכע צורה געווען שלמה׳לען אַזוי טײַער גוט, אַזוי צום האַרצען, ווי די ליכטיגע זון בײַ׳ם בעווייזען זיך איהרם פון די פינסטערע וומאַרעס, און דער גאַנצער שטייגער שמועס זײַנער מיט אַלע זײַנע אַגדתאָ׳ס איז איהם געווען אַזוי געשמאַק, גאָר אַ דערקוויקעניש, ווי אַ שטיקעל חקירות נאָך אַ משונה־פריקרע האַלב בלעטעל גמרא. דאָס יודיש קינד, וואָס קוים שטעלט זיך עס אויף די פיסלעך, יודעלט מען עס שוין, מאַכענדיג אויס איהם אַ קליין יודעל; וואָס זײַן יוגענד פערשווינדט גיך ווי אַ חלום און ווערט, אַז־אָך־און וועה צו איהם, פערזאומערט, געעלטערט פאַר דער צײַט — אָט אַזעלכס נעבעך פיהלט זיך עפּיס ווי נײַ־געבאָרען אין דער געזעלשאַפט פון אַ מענשען, וואָס איז צו איהם צוגעלאָזט, ווײַזט איהם אַ גוטע מינע, וואָס איז אַליין אויך נאָך גאָר אַ קינד, וואָס רעדט מיט איהם איין לשון, און געהט איהם אַרײַן אין דער נשמה מיט זײַנע מעשיות. דאָס קינד לעכצט נאָך אַזעלכען, נאָך זײַנס אַוואָרט, ווי אַ דאַר [illegible] בשעת די גרויסע היצען נאָך אַ טראָפּען וואַסער, און ווערט צו איהם צוגעזאָטען מיט לײַב און לעבען. נאָר אַזעלכע יונג־אַלטע מענשען

אָבער איז זעהר שווער בײַ אונז צו געפינען, וואָס ווייטער־ווייטער וועט פון זיי נישט זיין אפילו אויף קיין שהחיינו. אין שלמה׳לעס צייטען איז נאָך, אויף זיין מזל, געבליבען אַ פּאָר לייט אַזוינע אין זיין שטעדטעל — אייזיק דער שמיד, איינער, און הערצעל קיילעס דער סטאָליער, דער צווייטער. ביידע האָבען געווירקט אויף שלמה׳לעס גייסט, דערהאַלטען אין איהם דאָס יונגע פייערל, ביידע זענען איהם געווען זעהר טייער און צו ביידע האָט איהם דאָס האַרץ שטאַרק געצויגען.

הערצעל קיילעס איז געווען, ווי אַייזיק, שוין אין די יאָהרען, אַ טאַטע פון קינדער, אויך אַ דאַרער, אַ בלייכער, ווי ער, מיט דעם אונטערשייד נאָר: אַייזיק איז אַ הויכער און הערצעל אַ קלייניטשקער, נידריג געוואַקסען, אַייזיק איז געווען תמיד רוהיג, געלאַסען, גערעדט אויף איין שטימע גלייך, נישט געדרעהט, געשריגען, זיך נישט געיאָגט, גע־היצט און נישט אַרויס פון די כּלים, אַזוי ווי עס פּאַסט טאַקי פאַר אַ חקרן. אַקעגען־זשע הערצעל איז אַ שפּירט, בײַ׳ם רעדען בייט זיך איהם די שטימע און ער גיט פון זיך אַרויס משונה׳דיגע קולות, אַ מאָל אויך מיט אַ קוויטש. דער שמועס זיינער איז געהאַקט, געבראָכען, לאָזט זיך אויס, פאַר גרויס אַיילעניש, מיט אַ ווינק, אַ מאַך מיט דער האַנד. נאָר עפּיס נישט אַזוי ווי ער וויל, קאָכט ער, זידט און צאַפּעלט מיט אַלע גליעדער, אינגאַנצען טאַקי אַ פּ אָ ע ט מיט די ביינער, אַזוי משוגע, אַזוי קאַפּריזנע, אַזוי אויפגעבראַכט ווי אַ פּאָעט. און באמת האָט אין איהם טאַקע עפּיס אַזוינס געבורטשעט — עס האָט אין איהם געשטעקט אַ גייסט פון אַ ק י נ ס ט ל ע ר. דער דאָזיגער גייסט זיינער האָט אינוועניג אין איהם ווי דער סמבּטיון נישט גערוהט, זיך געריסען מיט אַלע קרעפטען אַרויס, זיך צו אַרויסווייזען אין אַלערליי האַנדאַרבייט. די סטאָלעריי איז בײַ איהם געווען נישט אַזוי וועגען דער פּרנסה, ווי צוליעב דעם פערגעניגען, וואָס ער האָט דרינען געהאַט — צו מאַכען אַ כּלי. ער האָט געקענט אוועקזיצען איבער אַ שטיקעל אַרבייט מעהר וויפיעל מען בעדאַרף. פּערציהרען עס מיט צאַצקעס, שניצעריי, האָטש יענער האָט גאָר אַזוי פיעל נישט פערלאַנגט, נאָר צוליעב דעם אַליין, עס זאָל זיין שען... ער האָט געזעהן ליפּאָ־ראובן׳ס מאָלט „אוּ ש פּ י ז י ן״, אויפ־צוהענגען עס אין סכּה, אַריינדרעהענדיג אַהין, ווי אין נח׳ס תּבה, אַלערליי חיות און עופות, נעהמט ער און מאַכט „אַ רבי יוסי״ — אַ גע־מעל אַזעלכעס, וואָס שטעלט פיר אַ מעשה פון דער גמרא: ווי רבי יוסי (אויסגעמאָלט מיט אַ גרוי שפּיציג בערדעלע אין טלית און תפילין)

דאַוועגט אין איינער פון די ירושלים׳דיגע חורבות און הערט דאָרט אַ בת־קול, וואָס ברומט ווי אַ טויב (שטעהט אויסגעמאָלט עפּיס אַביסעל משונה), זאָגענדיג: „אוי, וועה איז די קינדער, וואָס פאַר זייערע זינד האָב איך חרב געמאַכט מיין הויז, פערברענט מיין הייליגען פּאַלאַץ און זיי האָב איך פערטריבען אין גלות צווישען די אומות!“ מבינים אין דעם שטעדטעל האָבען זאַט אָנקוקען זיך נישט געקענט אויפ׳ן געמעל און געזאָגט, אַז עס איז איינס טאַקי אין דער וועלט. רבי יוסי איז נאָך יאַק רבי יוסי, אָבער די טויב, די ברומענדיגע טויב, רבונו־של־עולם, ס׳איז עפּעס גאָר אַ גוואַלד!... הערצעל האָט אויך געשפּילט פידעל, נישט אויף חתונות חלילה, דערויף איז דאָך געוועזען דער יודישער כלי־זמר, פייטעל, אויף די וואָכענדיגע טעג, און קאָנדראַט דער גוי׳אישער אויף שבת, ביי דער כלה אויף דעם „פאָרשפּיעל“ — נאָר גלאַט אַזוי זיך האָט ער זיך געשפּילט. זומער פאַרנאַכט, אַז די שטאָדט־בהמות זענען שוין געקומען פונ׳ם פעלד, ליגען זיך, שוין אויסגעמאָלקענע, אויף דער גאַס! אוים די קוימענס ציהעט זיך פאַמעליך עפּעס ווי פערשלאָפען העל־גרויע ווילען רויך, ווייבער שטעהען ביי די פריפּעטשיקעס, קאָכען וועטשערע: ערגעץ פון דערווייטענס, פון אַ טייכעל פערטראָגט זיך אַ קוואָקען פון זשאַבעס און זשוקלעך טראָגען זיך זשוזשענדיג אַרום אין דער לופט — דענסטמאַל צוגיסט זיך געוועהנטליך הערצעל אויף אַ פידעלע, שטעהענדיג אין דרויסען, ביי זיך אויפ׳ן גאַניקעל, באָרפים, אין איינע תחתונים, מחילה. קינדער מיט שטיקער ברויט און האַלבע אייער פערזאַמלען זיך אַרום איהם; שטאָפּען אָן פולע מיילער, שטעלען אויף די אויערלעך, גאַפען און הערען. הערצעל פידעלט און זינגט אונטער, פידעלט און מאַכט זיך נאַריש מיט די קינדער, טוט אַ פידעל און שטעלט זיך אָב, עס אַרט איהם עפּיס, ווייטער אַ פידעל און — הע־הע! ער איז שוין אין כעס. אין דער־ערד אַריין די פידעל, אוים שפּילען, הערצעל האָט זיך צושפּילט — און באַלד לאָזט זיך איבער דער גאַנצער גאַס הערען, ווי אַ תקיעה־גדולה אַ לאַנגער, אַ משונה־ווילדער קוויטש!... הערצעל האָט אויך ליעב געהאַט אָבגעבען זיך מיט זייהען און פלאַנצען ביי זיך אין גאָרטען. עס האָט געהייסען, ביי איהם איז דאָ אַ ביכעל, אַ „ספר־הרפואות“, וואָס געהט אין דער משפחה זיינער איבער בסוד־סודות פון טאַטעס צו קינדער, אין וועלכען עס שטעהט בעשריבען די טבע פון אַלע מיני גראָזען און קרייטעכצער, מיט די סגולות זייערע צו איטליכער קראַנקהייט בעזונדער, אַ שאַד נאָר כ׳לעבען, וואָס איז שטאַרך פער־

באַטען מיט אַלע פּער׳באַטענישען, אַסור־חי״, דערמיט זיך צו בענוצען זיסט, וואָלט ער פּשוט טאַקי געקענט מחיה־מתים זיין. אויף כפּרות פּעריל, אַלטע גוי׳עס, טאַטערקעס מיט זייערע קרייטע־צער! הערצעלס שטייגער לעבען איז איבערהויפּט נישט געווען לייטען גלייך, ווי ביי אַנדערע יודען — קיין שיינקעל און שטוב ביי איהם נישטאָ, חוץ קיה איז נאָך אין שטאַל דאָ אַ פּאַר אָקסען, אַ פערד אויך, אַ פּויער, טראַחים, אויף שכירות, אויף צו אַקערן, בעאַרבייטען די פעלדער, וואָס זענען איהם איבערגעגאַנגען בירושה פון זיינע עלטערן, אַ הונט, עס פאַרשטעהט זיך, איז אויך געווען, דער איינציגער יודישער הונט אין דעם שטעדטעל. און שול אַריין איז הערצעל געגאַנגען זעהר זעלטען, נישט דערפאַר ווייל ער איז געווען איין אַפּיקורוס, האָט נישט מורא געהאַט פאַר גאָט, חלילה! אדרבה, ער האָט געגלויבט אפילו אין רוחות, מורא געהאַט, געציטערט ווי געוועהנטליך אַ יוד. נאָר וואָס דען? גלאַט אַזוי זיך, גאָר אָהן אַ שום טעם. דאָס אייגענע טאַקי מיט עמיצען אַנדערש, ער זאָל פאַרפעהלען נור אַ מנחה, וואָלט מיט איהם געהאַט צוטאָן אַ וועלט מענשען — ס׳טייטש, הולטיי, אַנזעצען אַ מנחה! הערצעל אָבער האָט זיך געמעגט אָנזעצען הונדערטער מנחות און גאָר־נישט, קיינער האָט זיך דערוים גאָר נישט געמאַכט, ווייל ער איז פאַר־רעכענט געווען ביי איטליכען פאַר אַ יונגעל, אַ צוטראָגענע מין בריה, מ׳שטן׳ס־געזאָגט. היינט טאַקי האָט מען נאָך מורא געהאַט, צו־וואָס זאָל מען זיך דאָ נאַרען, פאַר זיין קוויטש אויך. איז ער געקומען אַ מאָל אין שול, איז זיין בעסט אָרט געווען צווישען יונגלעך ווייסע חברה, הינטער דער בימה, עס ווערט דאָרט אַ לעבען, אַ גערעדעריי, אַ גע־שטופעריי, און דאַוונען נישט קיין וואָרט, דער שמש מעג זיך, פון יוצא וועגען, שרייען: שאַ! און שענע בעלי־בתים מעגען פּאַטשען אויף די שטענדערס, מיאוס־קרימענדיג זיך, און מאַכען. אי, אי!

הערצעל־קיילעס איז געווען פאַר שלמה׳לען אַקוראַט ווי גע־ווינשען. די דאָזיגע צוויי, פערשיידען אין די יאָהרען, זענען געווען עפּים ווי איינס אין זייערע געפיהלען. דאָס וואָס שלמה׳לען האָט עפּים אַלץ געמאָנטעט, אינעווייניג אין איהם געבורטשעט; אַזוינס וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערען, אַ מין ציהעניש אַזעלכס, וואָס אָהן אַ נאָמען; עפּים אַזוינס, וואָס איז נישטאָ ביי אַלע פערזאָרגטע, שענע יודען אין דעם שטעדטעל, מיט וועלכע ס׳איז איהם עפּים ענג, עס קוועטשט איהם.

שטיקט אידם נור צום חלש׳ן — אָט דאָס האָט ער, די נשמה ויינע, דערשמעקט, מעשה־שטן, אין הערצעל־קיילעס. און לויט ווי עס ווייזט זיך שפּעטער אַרויס, האָט דער יצר־הרע קיין בעסערן חבר פאַר שלמה׳לען טאַקי גישט געקענט אָבזוכען.

---

אייזיק דער שמיד און הערציל קיילעס דער סטאָליאַר, וועלכע האָבען זיך גערעכענט ביים שטעדטעלדיגען עולם פאַר בכבוד'יגע בעלי-בתים, זענען דערמיט געווען אַ חידוש צווישען די אַלע אַנדערע בעלי-מלאכות דאָרט, אין יענער צייט — דאָס אייגענע טאַקי, וואָס אַ יוד מיט אַ אויבער דענסטמאָל, אָדער אַ יוד מיט אַ „פּאָטאָמסטוואָ" דערנאָך, און אַ יוד מיט אַ טיטעל „סאָוועטניק" היינט. ביי וועלכע „שרייבערלעך" איז אָנגעשטאַנען צו עסען פיש שבת, בימים ההם, און שררות צו טאַנצען אויף בעלער בזמן הזה. ס'איז דאָך באמת טאַקי אַ וואונדער: בעלי-מלאכות — און אַ פּנים פון מענשען! יודען — און אַזאַ כבוד!!...

יאָ, אַזוי טאַקי! ווי יודען ביי די אומות-העולם, אַזוי זענען בעלי-מלאכות געלעגען אין דער ערד ביי יודען. מעגליך, אַז היינט נאָך ליגען זיי אויך אין דער ערד, אָבער פאָרט ניט אַזוי טיעף ווי אַ מאָל. היינט זענען בעלי-מלאכות צווישען יודען דאָך נישט פערהאַסט. דער עולם פערהאַלט זיך אַקעגען זיי שען, פריינדליך, ווי עס געהער צו זיין. מיוחסים נאָר, צוויי-פּנים'דיגע, זענען אַקעגען זיי אין האַרצען אַנדערש ווי מיט'ן מויל. אויך טאַקי ווי עס געהער צו זיין. נאָר אַ מאָל אָבער, און בפרט נאָך אין אַזאַ מקום תורה און יחוס ווי דאָס שטעדטיל ק.... זענען בעלי-מלאכות געלעגען אין דער ערד טיעף ניין איילען — זעהר שטאַרק דערנידעריגט. האָבען אַ בעל-מלאכה אין דער משפּחה, אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ שטייגער, איז געווען אַ פלעק, אַ שאַנדע. עס האָט זעהר אָפּגעשאַדט צו אַ שידוך. איז בעלי-בתי'שען גראַד פלעגט מען אין שידוכים

וכען יחוס, פלעגט אויסגראָבען פון דער ערד רבנים, לומדים, שוחטים, חזנים, בטלנים, און בעגראָבען דעם בעל-מלאכה, טאָמער האט ער זיך געפונען אין דער משפחה. דאס הייסט פאַרלייקענט זיין געבוין: עט, וויים איך וואָס, גאָרנישט, פערדם פוס-פיטקעווע! אַ שענקער, אַ אַרענדאַר, אַ בעל-אַכסניה, אַ קרעמער, אַ מלוה, זיי דאַגעגען זענען געווען נישקשה. אדרבה, זעהר פיינע מחותנים, און שטאָדט געהייבענע בעלי-בתים מיט אַ ברייטער דעה אומעטום: אין באָד, אין שוהל, להבדיל, און אין קהל-שטיבעל. דערקלערען לאָזט זיך עס דערמיט, וואָס קיין אַנדערע נישקשה׳דיגע פרנסות פאַר לייטישע יודען זענען אַ חוץ די ניט געווען. דערפון האָט מען געקענט לעבען פאַר זיך און אַ מאָל פאַר אַנדערע אויך — מיט אַ נדבה, מיט אַ טובה און אַ גוט וואָרט. האָבענדיג צוליב זייערע געשעפטען בעקאַנטשאַפט מיט פריצים, גרויסע לייט אין די הויכע פענסטער, איז מעגליך זיי געווען צו העלפען איינעם אָדער דעם כלל אין אַ נויטפאַל. ניט איין מאל נאָר איז די ישועה געקומען דורך אַ פריצישען בעל-אַכסניא, דורך אַ אַרענדאַר און דורך אַ מלוה, אַ באַנקיר הייסט עס היינט. סתם אַרענדאַרעס אין דערפער—איז זייער הויז אָפען געווען פאַר אָרעמע אורחים, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרען מיט עסען און טרינקען און מיט אַ נדבה אויך. מיינסטענס פלעגען אַרענדאַרעס אויסוועהלען פאַר זייערע טעכטער חתנים די בעסטע בחורים פון די ישיבות. אָט אויף אַזאַ שטייגער זענען יענע געווע׳ן דאָס, וואָס יששכר און זבולון אַ מאָל אין זייער צייט. זבולון האָט געהאַנדעלט און אונטערגעשטיצט יששכר׳ן, וואס האָט בעגעהרט לערנען תורה.

קהל האָט געהאַלטען בעלי-מלאכות אין דער מורא, אָבגעזונדערט פון בעלי-בתים אין פיעל זאַכען פונ׳ם שטייגער לעבען. אַ בעל-מלאכה האָט נישט געטהאָרט שבת אָנטאָן אַ זיידענע קאַפּאָטע, טראָגען אויפ׳ן קאָפ אַ שטריימעל. אין בית-המדרש, אין קלויז, איז זיין אָרט געווען אויף דער לעצטער באַנק, הינטער דער בימה. צו דער תורה פלעגט מען איהם אויפרופען „החבר״. נישט קיין „מורנו״, אי דאָס זעהר זעלטען, צולעצט צווישען די געשטוקעוועטע עליות. דערפאַר האָט מען איהם אָבגעגעבען איינגאַנצען די ביידע „תוכחות״ ווי גרוים זיי זענען, ביי איהם בלייב עס. אויף אסיפות מיט די פיינע-בריות וועגען שטאָדט-זאַכען איז זיין פוס נישט געווען. זיין דעה האט מען ניט געפרעגט. פאַר עזות וכדומה עפיס אַ פערברעכען, האָט מען איהם אויסגעשייגעצט, אויך אויסגעפּאַטשט, און אַ מאָל טאַקי מקיים פסק געווען אין קהל-שטיבעל. זיינע

קינדער פלעגט מען „חאַפּען״, „אָבּגעבּען״ אין דער דינסט, אַ כּפּרה פֿאַר בּית־מדרש׳ניקעס, טאַטענס־קינדער. זעהר גוט טאַקי שיקט זיך דאָ צו זאָגען „טאַטענס־קינדער״, ווייל צו קינדער פון בּעלי־הבּתי׳שען שטאַנד פלעגען אַמאָל שטעהן צוגעשריבּען כּלומר׳שט ווי בּרידער, כּדי צו זיין פאַר זיי די כּפּרה־הינדלעך, אָרעמינקע, ווילד־פרעמדע, ניט זייערע קרובים, ניט זייער טאַטענס קינדער. —

אַליין פאַר זיך זענען די יודישע בּעלי־מלאכות אין יענער צייט געווען, ניט היינט געדאַכט, געפאַלען. דאָס אויסלערנען זיך עפּיס אַ מלאכה איז פון אָנהויבּ־אָן זעהר שלעכט געווען אַוועקגעשטעלט. און דערפון איז אַרויסגעקומען זעהר פיעל נישט קיין גוטע זאַכען. אַ לערנ־יונגעל בּיי אַ ליאַדע בּעל־מלאכה׳לע האָט בּעדאַרפט יאָהרענלאַנג אַוועקטראָגען פאַמייניצעס, העלפען אין בּעלי־בּתיש׳קייט דער בּעל־הבּית׳טע און חאַפּען פעטש און קלעפּ ווי האָלץ. אַז געלערענט די מלאכה האָט ער מכּות, האָט ער זי מכּות טאַקי געקענט. ער איז געווען דערנאָך אַ פאַרטאַטש, אַ פערבּיטערטער, אומגליקליכער מענש. פאַר צרות ליעבּ געהאַט דעם טרונק. די האַנד זיינע איז געווען פריי אויף אַ קלאַפּ, מכבּד געווען אַמאָל אפילו דאָס אייגענע ווייבּ אויך. אַז אָך־און־וועה די לערנ־יונגלעך, נעבּעך, וואָס זענען צו איהם, אין זיין צייט, אין די הענד אַריין! און ווער, משטיינס־געזאָגט, זענען עס געווען די יונגלעך, וואָס זענען אַריין צו אַזעלכען לערנען די מלאכה? יתומים, אָרעמינקע, פאַרוואָהרלאָזטע, ניט געלערענט אין קיין חדר, ניט געקענט קיין עברי — עם־הארצים; דאָך ווי שלעכט די לאַגע פון די בּעלי־מלאכות איז געווען, האָט זיך צווישען זיי געפונען זעהר פיעל גוטע, פאַרשטענדיגע מענשען, אויך אַזעלכע מיט האַרץ, געפיהל און לעבּעדיגע פרעהליכע קבּצנים.

ווי אָרעם, פעראומערט דעם בּעל־מלאכה׳ס דירה האָט אויסגעזעהן פון דרויסען, אַזוי לעבּעדיג־פרעהליך איז דאָרט צייטענווייז געווען פון די פּועלים בּשעת דער אַרבּייט. עס שטעהט זיך, אַ שטייגער, איציק דאָס שניידעריל מיט אַ פרעסיל אין דער האַנד איבּער אַ שטיקעל אַרבּייט, הויבּט־אָן אויף אַ קוויטש אַ מאַרש, צוקלאַפּענדיג צום טאַקט מיט׳ן פרעסיל, און חברה פּועלים; בּחורים, אַרום טיש, אַרבּייטענדיג געשווינד מיט דער נאָדעל, העלפען אונטער, דער אויפ׳ן געליינקעל, יענער אויפ׳ן בּייקולכעל, איטליכער מיט וואָס ער קען, און עס שפּילט זיך אָבּ אַ „מלך־עליון״ טשאַקענדיג לעבּעדיג, אַז מלאָכים מעגען זיך פרעהען. און

טאַקי באַלר דערנאָך פערקרימט זיך איינער, נאָכמאַכענדיג אויף אַ אומעטיג קול דעם בדחן, ווי ער זאָגט גראַמען צו אַ בעדעקענס. אַ טייל בחורים שפּילען־צו ווי די כלי־זמר אַ שטיל טרויערדיג ניגון׳דיל, די איבעריגע פאַרגעהען זיך ווי ווייבער אין אַ געוויין. ס׳איז אַ יאָמער, אַ קלאָג—און פון דער קאַצען־מוזיק לאָזט זיך אויס אַ „כשר־טאַנץ״! חברה געהט, זיצענדיג ביי דער אַרבייט, מיט דער כלה אַ כשר־טאַנץ. אָנשטאָט „שבת״ טהוט איינער דעם אַנדערען אַ קניפּ, אַרוק־אַראָב פון הינטען דאָס היטעל און מען שרייט־אויס זינגענדיג: וויוואַט! די בעל־הבית׳טע, די שניידערקע, שטעלט אַנידער אויפ׳ן טיש אַ גרויסע פולע שיסעל אָבגעקאָכטע קאַרטאָפעל, הייסע־זודיגע מיט דער שאָלעכטס, און מען מעג געהן אָנקוקען אויף בילעטען, מיט וואָס פאַר אַ גיכקייט די קאַרטאָפעל ווערען אָבגעשיילט, אין מויל אַריין געחאַפּט און אַראָבגעשלונגען. מייסטערהאַפט! אַזעלכע בריה׳ס אויף קאַרטאָפלעס־עסען, ווי שניידער־יונגען וכדומה זענען, איז שווער אויף דער וועלט צוגעפינען. זיי האָבען דרינען זיך אויסגעאַרבייט, בעקומען אַ ידיעה, ווייל דאָס, קאַרטאָפעל הייסט עס, איז זייער שפּייז, משטיינס־געזאָגט, טאָגטעגליך.

דאָרט ביי די פּועלים ווערען אָפט געזונגען לידלעך, אייגענע אַרבייט טאַקי, וואס געהען דערנאָך אַרויס אויף דער וועלט, צווישען עולם, פאַלען אַריין אין מויל צו מיידלעך, דינסטמיידלעך און בעקומען דעם נאָמען „פאָלקס־לידלעך״. פּועלים, וואָס פלעגען וואַנדערוועןן. אַרבייטען ביי גויים אין די דערפער, האָבען אין זייערע לידלעך אַריינגעמישט גוי׳אישע ווערטער, אַזוי אַז ס׳איז אויסגעקומען האַלב יודיש, האַלב רייסיש. דער „תוך״ פון די לידלעך איז געווען זעהר פערשיעד׳ען. ס׳איז געוועזען אַזוינע איבער ליעבעס. אַ דינסטמיידעל, אַ שטייגער, פאַרבייינקט זיך אין דער פרעמד נאָך איהר געליבטען. דערמאָנט זיך וויינענדיג אָן די גוטע, זיסע מינוטען, ווי זיי פלעגען פאַרברייינגען צוזאַמען ווי אַ פּאָר טויבען אויפ׳ן שפּאַציר, אַ מאָל אין געדיכטע וועלדער און אַ־מאָל צווישען ווייץ און קאָרן, אָדער סתם אַ מיידעל גיסט אויס איהר האַרץ, ציהט זיך מיט דער נשמה צו עפּיס אַ חתן, ווי אַ קליין קינד מיט די הענטלעך צו דער שיינענדיגער לבנה. אויך לידעלעך פון אַ שנור איבער אַ בייזע שוויגער, פון אַ יתומה איבער אַ שטיפמוטער. לידלעך פון יודישע רעקרוטען, ווי זיי געזעגענען זיך מיט אַלע זייערע ליעבע פאַר׳ן אַוועקגאַנג אין דינסט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען. בעווייבטע געזעגענען זיך מיט

ווייבער און קינדער, יונגלעך, קליינעטשקע, נעבעך, ביים „דיאַדקע“ אויף די הענד, אין בריטע, לאַנגע פעלצלעך, צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי זיי, געזעגענען זיך מיט טאַטע=מאַמע, ברידער און שוועסטער. אַזעלכע הייסען אין די לידלעך בידנע יתומים׳לעך, וואָס ווערען, ווי פון אַ בוים אָבגעריסענע בלעטלעך, פערוואָרפען העט=העט ווייט אין די קאַלטע ערטער, ערגיץ אין אַ העק, צווישען פרעמדע, גראָבע פויערען, צו פּאַסען דאָרט ביי זיי חזירים, און גאָט ווייסט וואו זייער געביין וועט אַהינקומען. טאַטע=מאַמע וועלען אפילו ניט זיצען „שבעה“. צווישען די לידלעך איז דאָ פיעלע איבער נגידים, קהלס=לייט און כּלי=קודש, אין וועלכע זיי רעכענען זיך אָב מיט די אַלע פיינע=בּריות פאַר די צרות און לייד, וואָס זיי שטעהען פון די לייט אויס, און לאָזען אויס צו זייער קאָפּ אַל=דאָס בייז מיט שאַרפע ווערטלעך און שפּיציגע שטעכווערטלעד. יענע הייסען ביי זיי: יאָלדען, שמעלקעס, דאָס אויבערשטע פון שטויסעל, צימעס, לאָקש. קאַפּהאָהן=דאָס, שענע=ריינע=מורינו׳עס. מען קען מיט רעכט זאָגען, אַז ביי די בעלי=מלאכות האָט געטליעט אַ פּאָעטישער פונק. זיך געלאָזט פיהלען אַ יונגע פרישע נשמה, און דערמיט טאַקי לאָזט זיך דערקלערען זייער אומגאַנג ווי חברים מיט קינדער, זייער ליעבשאַפט עד היום צו שרייבער, פּאָעטען.

קינדער זענען פון דער נאַטור אויך שטיקלעך בעלי=מלאכות, זיי האָבען ליעב צו מייסטערן, שניצען, בויען, מאָלען וכדומה. דאָס יודישע חדר=יונגעל, אַ שטייגער, נעהמט זיך מיט חשק שניצען פאָרמעס און גיסען דרעהדלעך אויף חנוכּה, מאַכען המן=קלעפּלעך אויף פּורים, מאָלען רייזלעך און קלעפּען אויף די פענסטער שבועות. נאָר אָנשטאָט אונטערצוהאַלטען דעם חשק ביי קינדער צו מייסטערן, דערשטיקט מען איהם נאָך באַלד אין אָנהויב מיט שטרענגע מיטעל — לאָזען זיי בעסער לערנען, זאָגט מען, נישט פאַרנעהמען זיך מיט נאַרישקייטען. טרעפט זיך אָבער אַ מאָל, אַז קינדער קומען צו בעלי=מלאכות, זענען זיי זיך פּשוט מחיה פאַר גרויס פאַרגעניגען צו זיצען און צוקוקען זיך, צוהערען זיך, ווי יענע אַרבייטען, ווי יענע ריידען, זינגען, זאָגען גלייכווערטלעך. נאָך דעם אומער, פינסטערע צורות, בייזע פּנים׳ער און פאַרקלאָגטע נשמות, וואָס זיי זעהען פאַר זיך שטענדיג אין חדר, אין בית=מדרש און אין דער היים איז אַ פרייע מינע, אַ פרעהליך פּנים, אַ גוט וואָרט, פאַר זיי גאָר אַ דערקוויקעניש. די אויגעלעך קוקען, די אויערלעך האָרכען און דאָס הערצעלע קוועלט, איז זיך מחיה

יונגלעך זענען בעלי־מלאכות, בעלי־מלאכות זענען יונגלעך. א די אי יענע האלט מען אין דער מורא, זיי זאָלען האָבען תרבות, די — תרבות פאַר טאַטעס און יענע — תרבות פאַר בעלי־הבתים!

אַז אײַזיק דער שמיד און הערציל קײלעס דער סטאָליאַר זענען אויסגענומען געווען פונים כלל דערנידעריגע בעלי־מלאכות אין שטעדטיל, האָבען זיי דערמיט געהאַט צו פערדאַנקען זכות אָבות. זיי האָבען געשטאַמט פון אַ שענער משפחה, זיך גערעכענט פאַר קרובים מיט די פיינסטע לייט אין שטעדטיל. די טאַטעס זייערע, אָנגעזעהענע, יוסטע בעלי־הבתים, האָבען איבערגעלאָזט זיי בירושה הייזער אויפ׳ן מאַרק, דער שענסטער פלאַץ אין שטעדטיל, און שענע שטעט אין מזרח־וואַנד, אין שוהל דאָרט. ביידע זענען געווען שכנים מיט רבי חיים׳ן. אייזיק׳ס הויז איז געשטאַנען אין דער רעכטער זייט פון זיינער, און הערציל קײלעס הויז — אין דער לינקער זייט. די דריי שכנים האָבען געלעבט גוט צווישען זיך, פלעגען איינער צום אַנדערען קומען אויף שמחות און גוט־יום־טוב ביטען. אייזיק׳ס זוהן, מאיר־איצע, אַ וואויל יונגעל, מיט אַ קעפּעל צו מייסטערווען שפּילציינ, אויפטאָן הסברות אין גראַגערס, המן־קלעפּלעך, האָט געלערענט מיט שלמה׳לען אין איין חדר. און הערציל־קײלעס זוהן, בן־ציון, איהם האָט רבי חיים גענומען אומזיסט פאַר אַ חבר צו זיין עלטערען זוהן, מיט וועלכען ער פלעגט לערנען אַ שעה אָדער צווי שעה, ווען נאָר ער האָט צייט געהאַט. פון אַ זיידענע קאַפּאָטע און אַ שטריימעל שבת און יום־טוב, רעדט מען שוין ניט, אַז זיי האָבען געטראָגען. די שאלה איז נאָר, ווי קומט עס, אַז טאַטענס קינדער אַזוינע זאָלען זיין בעלי־מלאכות? לייט זאָגען: „אַ קליפּה איז אין זיי אַריין, אין דער יוגענד, זיי אָבגעריסען פון לערנען און פאַרדרעהט דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטען, מיט יונגעלשע זאַכען. יונגלעך זענען זיי געווען און יונגלעך זענען זיי געבליבען. עס האָט אין זיי געבורטשעט די קליפּה, געבורטשעט, געבורטשעט, און וואָס איז פון זיי געוואָרען צום סוף? גאָרנישט, בעלי־מלאכות! נאָר... פאָרט טאַטענס קינדער״.

אָט צו אַזעלכע אַלטע־יונגלעך האָט שלמה׳לען דער יצר־הרע

מענדעלי מוכר ספרים.

שטוים לעצטער יצר־הרע'ס דעם געווען איז דאס . טראגען שלמה'לען , ביים ארויסשטופען איהם פון „יענעם עולם״. אצונד וועט ער שוין, ווי א קוואצקע, שטענדיג איבער „ביצה״ נישט זיצען!

## 13.

אמת טאַקי, ווי אַלטע יונגלעך זענען ביידע, אי אייזיק דער שמיד אי הערציל קיילעס דער סטאָליאַר, פאַר שלמה׳לען געווען ווי געוואונשען; נאָר, וואָס אָנבעלאַנגט אייזיק דעם שמיד, האָט שלמה׳לעם האַרץ געצויגען ניט אַזוי צו אייזיקס פערזאָן ווי צו זיין קוזנע. די קוזנע האָט עפּיס געזעדט איהם צום האַרצען, געוועקט אין איהם זיסע=אָנגענעמענע געפיהלען אַ סך מעהר ווי אייזיקס חקירות. אַקעגען=זשע הערציל קיילעס, איז ער אַליין טאַקי, ער מיט זיין פערזאָן, ווי ער שטעהט און געהט, מיט זיינע תנועות, און אַלע זיינע קאַפּריזען, אַלץ מיט=אַנאַנד, ווי ביי קיינעם ניט אין שטעדטיל, האָט שלמה׳לעם האַרץ צו זיך געצויגען. הערציל קיילעס אַליין איז געווען, ווי זאָל מען עס זאָגען, עפּיס אַ מין קוזנע — עס האָט אין איהם געגליהעט, געברענט אַ פייער.

די לויידיגע צייט זיינע פון׳ם לערנען טיילט שלמה׳לע, לויט דער וועטערונג און די פערשיעדענע צייטען פון׳ם יאָהר, צווישען אייזיק דעם שמידס קוזנע און הערציל קיילעס. אָסיענצייט, אַ שטייגער, אין די בלאָטעס, אָדער בשעת אַזוי אַ מיאוסע פּאָגאָדע, אַז ס׳איז נאַס און קאַלט, בלאָזט פון אַלע זייטען, דער הימעל איז אָנגעדרודעלט, שלעפּט אויף זיך אַרויף, מעשה=קבצן, אַ שטאַרק אָבגעבליאַקעוועטען מאַנטעל פון אַ מיתה=משונה=קאָליר, מיט פלעקען, מיט לאַטעס אויף לאַטעס פון גרויע, שוואַרצע, טונקעלע וואָלקענס און וואַרפט אָן אויף איטליכען אַ מרה=שחורה מיט זיין פינסטערען פנים — דענסטמאָל טרייבט עס שלמה׳לען אין קוזנע אַריין, ער פערקלייבט זיך דאָרט צווישען אָנגעוואַרפענע געציי

אין א ווינקעלע, בלייבט זיצען פערשטארט שטיל, פערטראכט און קוקט. עס הידעט דער בלאָזאק, עס פלאמען די קויהלען, אייזענס גליהען. פונקען פליהען — שלמה׳לע איז פערגאפט, פערצויבערט. עס טראָגט איהם דער קאָפּ, פערפליהט עס עט־עט אין די ווייטע עולמות אריין. עס טרעטען פאר איהם ארויס געטליכע בילדער, שענע געשטאלטען פון וואונדערליכע מעשיות, אלטע אגדתות — אלסדינג וואָס דאָס הארץ גלוסט. פון די פלאמענדיגע קויהלען אינ׳ם אויבען, קוקען צו איהם ארויס שווארצברענענדיגע אויגען. דער אויפגעבלאָזענער זייל פייער דאָרט ווערט ביז אין הימעל אריין א הויכער לייטער, די פונקען — פליהענדיגע מלאָכים ארויף און אראָב אויף איהם. קלאפּ־קלאפּ, אויף דעם גליהענ־דיגען אייזען קלאפּען די האמערס — און עס דאכט זיך, דאָרט, דאָרט ברעכען זיך פון פערצויבערטע פאלאצען די שלעסער און עס געהען ארויס פונ׳ם לאנגען שלאָף אויפגעשטאנענע בת־מלכות. שענע, שיינענדיגע, און פון צווישען זיי לויכט ארויס ווי דער מאָרגענשטערען פראדיל, זיין פראדיל! דער בלאָזאק הידעט־הידעט — און שלמה׳לע ווערט אָנגעצונדען, רויט ווי פייער... אָט אין אזא מרה־שחורה׳דיגע פאנאָדע פלעגט שלמה׳־לע, ער אליין מיט לייב און ביינער, זיצען אין קוזנע, פערשלאָגען אין א ווינקעל, נאָר די נשמה זיינע, זי פלעגט זיך אויפהויבען און פערפליהען אין אנדערע וועלטען, וואו ס׳איז איהר ליכטיג, ווארם, שען, וואו עס שפּראָצט, עס בליהט און עס לאָזען זיך זעהען זעהר גוטע, וואונדער־שענע זאכען. שלמה׳לע, הייסט עס, איז א בורא. ער בעשאפט און לעבט אין זיינע, מיט דעם כח־הדמיון בעשאפענע וועלטען — און די נשמה זיינע האָט הנאה.

איז אָבער גאָטס וועלט, דאָ ביי אונז, מילד, שען, דער הימעל לויטער, די זון שיינט — ציהעט עס, ציהעט שלמה׳לען אבצוגעבען זיך איהר, אָט אזוי ווי זי איז אינגאנצען מיט לייב און לייבען און אלע חושים טאקי. און דענסטמאָל טרייבט עס איהם צו הערציל קיילעס, וואָס איז מיט זיינע גיינג און זיין שטייגער לעבען איהם צום הארצען, מעהר פון אלע יודען אין שטעדטיל, וואָס זיין הויז און דאָס גאנצע בעל־הבתישקייט זיינס שמעקט עפּיס מיט דאָרף, מיט א פרישען ריח פון פעלד. דען וואו איז עס דערהערט געוואָרען, אז א יוד, א שטאָדט־בעל־הבית, זאָל זיך אָבגעבען מים עופות, מיט בהמות, האָבען ביי זיך אָקסען, פערד, א גוי, להבדיל, טראָחים, צו בעארבייטען די פעלדער, און א הונט א צוגאָב דערצו אויך? א יוד, וואָס זיינע מבינות שטעקט אין

א אתרוג, אין הושענות, זאָל זיך נאַריש מאַכען, שטעקען ציעפּקעס אין עפּעל און באַרענבוימער ביי זיך אין גאַרטען! א יוד, א שטאָדט-בעל-הבית, וואָס בעדאַרף מעהר נישט וויסען דעם מאַרק, דעם בית-מדרש און שבת ביימאָג נאָכ'ן טשאָלענט שלאָפען, זאָל מעשה קונדס, ער מיט זיין בחור'ל, גאָר געהן אָפּט שפּאַצירען!

שלמה'לע ווערט ביי הערציל קיילעס אין הויז א היימישער, מיט זיין זוהן, בן-ציון, רבי חיים'ס אַמאָלדיגער תלמיד, ווערט ער א נאָהנטער חבר, ביידע האָבען זיך ליעב דאָס לעבען

בן-ציון האָט אין זיך געהאַט דאָס, וואָס א שטאָדט-יונגעל און א דאָרפס-יונגעל אינאיינעם. ער האָט געקענט אַריינקוקען אין די קליינע אותיות'לעך, אָבלערנען א בלעטעל גמרא אין קיין חשק ניט געהאַט צום לערנען, אָבגעבען זיך מיט דעם בעל-הבתישקייט, אין הויז, אין פעלד מיט גרוים ליבשאַפט. בטבע איז ער געווען א גוטער, א שטילער, האָט מעהר געטאָן ווי גערעדט. שלמה'לע פלעגט איהם פאַרשטעהן אויפ'ן וואונק. עס זיצט זיך, א שטיינער, בן-ציון, אין א זומער-טאָג, ביי זיך אויפ'ן גאַניקעל. די זון באַקט, א שרעק. דער הונט ליגט איהם צו די פיס, אויסגעצויגען אויפ'ן בויך, מאַכענדיג מיט די זייטען פאַר היץ. ציימענווייז טהוט ער א הויב דעם קאָפּ, א עפען דאָס מויל — א לאַפּ-חאַפּ א פליג! איהם ביי דער זייט זיצט די קוואָצקע מיט צושפּרייטע פליגעל, פון אונטער וועלכע עס לאָזט זיך הערען א פּיסק פון קליינע הינדלעך. דאָס רוהעט מען דאָ פונ'ם אַנלויפען זיך אין דרויסען ביז אַצינד. דער מאַרק איז אָבגערוימט, מען זעהט קיין לעבעדיגע בעשעפעניש דאָרט ניט — בהמות זענען אין פעלד, קינדער, להבדיל, זענען אין חדר, און גרויסע געניצען אין שטוב, אין קלייט, לעכצענדיג נאָך א קאַלטען טרונק וואַסער. אויף דער גלייכער וואַנד ערגיץ דראַפּעט זיך א קאַץ, בלייבט אינדערמיט שטעהן, אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ, קוקט, טראַכט, איז זיך מישב, וואָס זאָל זי טאָן, צו אַרויף ווייטער, צו אַראָב? שלמה'לע רוקט זיך דערנסטמאָל ווי א קעצעלע אַרויס פונ'ם שטוב, נאָכדעם ווי ער האָט ווי ס'איז אָבגע'פּטר'ט, צוגעגרייט דאָס שטיקעל לייענען פאַר'ן פאָטער. עפּיס ביינקט זיך איהם, ציהט עס איהם, די אויגעלעך קוקען, קיקען אהין, וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָב, וואו עס ציהט זיך א טונקעל-גרינע ליניע פון שפּיצען הויכגעוואַקסענע בוימער. ער טהוט א בליק — אָ, עס זיצט בן-ציון! מיט איין שפּרונג איז ער נעבען איהם. ביידע שווייגען און איינער דעם אַנדערען פאַרשטעהט, וואָס ער וויל.

בן-ציון טהוט אַוואונק, אַסמאָרע מיט דער נאָז, הייבט זיך אויף און לאָזט זיך געהן, און שלמה'לע מיט אַשיינענדיג פּנים'ל נאָך איהם דאָס לאָזט מען זיך אַרויס פֿונ'ם שטעדטיל ווייט אויפ'ן שפּאַציר.

אויפ'ן וועג, הינטער'ן שטעדטיל, געהט בן-ציון אַריין צו זיך אין שייער, געוואָהר ווערען צום אָנגעלעגטען פרישען היי דאָרט. ס'איי פריש, קיהל מחיה, דער ריח פון היי צוגעהט זיך אין אַלע גלידער. די ביידע חברים טהוען זיך דערויף אַוואָרף און גלייכען אויס די ביינער לינען און קוקען ווי די שוועלבעלעך פליהען אַרויס-אַריין, צרומדרעהענדיג זיך מיט אַשווישטשער אַרום די נעסטען זייערע דאָרט אונטער דעם שטרויענעם דאַך. זיי אַקעגען שטרעקען זיך אַרויס אָפענע געלע פּיסקעלעך פון יונגעטשקע נאַקעטע פויגעלעך, וואָס ווילען עסען.

פֿונ'ם שייער געהט מען און מען קומט צו אַגלייכען פרייען פּלאַץ, וואו עס ציהען זיך אַוועק ווייט אין דער לענג, אין דער ברייט פעלדער מיט אַלערליי תבואות. עס זעהט זיך דאָרט פונדערווייטענס אַגעמעהל, וויס-רויטליך בליהענדיגע רעטשקע, איינגעפאַסט אין אַראָם פון גאָלד-געלע וויץ אַרום און אַרום. בלויע בלימעלעך צווישען קאָרן פאַרנעהמען די אויגען, און פליהענדיגע, שפּרינגענדיגע גאָטס בעשעפעניש דאָרט זושען אָן, פולע אויערען. בן-ציון בעטראַכט דאָרט זייערס אַפעלד מיט האָבער און איז העכסט צופרידען. לאָזט זיך פון דאָרט געהן ערגיץ אין דער זייט, שלמה'לע נאָך איהם. ביידע רויט ווי אַצוויק, ביידע פאַרגניגט, ניט צו רעדען קיין וואָרט און קומען צו אַלאָנקע. דאָרט פּיטערען זיך פערד, געפּענטעט אויף די פעדערססע פיס. דערביי ברענט אַפייעריל אונטער אַאַלטע ווערבע, וואו טראָחים באַקט קאַרטאָפעל און באַכט און אונטערהאַרפענדיג דאַרע-צווייגלעך, אַרויך, צו פערטרייבען די קאָמאַרעס. איין פערד, וואָס נאָהענט, דערזעהענדיג דעם בעל-הבית, הייבט-אויף דעם קאָפּ הויך, שפּרינגט אַמאָל דריי מיט די פעדערסטע געפּענטעטע פיס און טהוט אַהירזשע — ברוך הבא! הייסט עס. בן-ציון געזעגנט זיך מיט איהם, אַקלאַפּ געבענדיג עס הינטען אויף דעם רוקען, זאָגט אַ ענינ טראָחימען און געהט ווייטער, שלמה'לע מיט איהם, און פאַרנעהען ביפליך ; ין אַוואַלד.

נאָך פון דער ערשטער בעקאַנטשאַפט מיט'ן וואַלד האָט שלמה'לע בעקומען פאַר איהם דרך-ארץ. אי ליעב געהאַט איהם, אי מורא געהאַט האָט ער פאַר איהם. אין דער יוגענד נאָך האָט ער זיך אָנגעהערט שרעקליכע מעשיות: אין וואַלד זענען דאָ גזלנים, אין וואַלד זענען דאָ

חיות רעות — וועלף, בערען. שדים, נישט-גוטע זענען אויך אין וואלד דאָ. מיידלעך זענען אַמאָל אין וואלד געגאַנגען מיט פולע שיסעלעך אָנגעקליבענע יאַגעדעס, איז צוגעקומען אַבער, זיך גענומען פרעסען די יאַגעדעס, און די מיידלעך זענען קוים מיט דעם לעבען אַנטלאָפען. היינט איז גלאַט אַ סכנה פאַר יודישע קינדער דאָרט פון שקצים׳לעך מיט הינט.

דאָס ערשטע מאָל אַריינקומענדיג מיט זיינע חברים אין וואלד האָט איהם געטיאַכקעט דאָס האַרץ, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען און בּיי אַ מינדעסטען שאָרך פּערביסען די ליפּען און געמאַכט — שאַ!

שפּעטער, שפּעטער, אויף זיינע שפּאַציר-גאַנגען מיט הערציל קיילעס, מיט בּן-ציונ׳ען און דעם הונט, להבדיל, איז ער צום וואלד געוועהנט געוואָרען. אַז מען פלעגט זיך בּעגעגנען דאָרט מיט שקצים, פלעגען איינע די אַנדערע זאָגען: „ואַבּרי דען!״ און פון בּיידע צדדים די הינט פלעגען איינע די אַנדערע זיך בּעשמעקען, בּעלעקען. פאַר שדים איז אויך ניט געווען וואָס צושרעקען זיך. הערציל קיילעס האָט געהאַט צו זיי אַ שפּרוך. — „זיי״ האָבען אַ מאָל פאַרדרעהט אַ רעדיל דאָ אין וואלד — אַזוי פלעגט הערציל דערצעהלען — געוואָלט צונעהמען, צוּמ״אַגען מיט דעם דריידעל-ווינט אַ סטערמע היי, האָט ער אינדערמיט רעדיל אַריינגעוואָרפען אַ מעסער, געזאָגט אַ שפּרוך פון אַזאַ כּתב-יד, וואָס געהט איבּער אין זיין משפּחה פון עלטערען צו קינדער בּשתיקה, און זיי צוטריבּען אויף אייבּיג, לעולם ועד.

מורא, הייסט עס, איז שוין ניט געווען וואָס צו האָבּען, דאָך דער דרך-ארץ פאַרן וואלד איז בּיי שלמה׳לען אויף תמיד געבּליבּען. איהם האָט זיך דער וואלד פאָגעשטעלט אין קאָפּ נאָר עפּיס אַ לעבּעדיג בּעשעפעניש. עפּיס אַ מין פאָלק אַזוינס. עפּיס שטעהען זיך אויף אַ גרויס שטיק לאַנד בּוימער — אַלטע זקנים, זיידעס, עלטער-זיידעס, און יונגע, קליינוואַרג. איטליכער, דאַכט זיך, שטעהט פאַר זיך בּעזונדער, נאָר אין „גרונט״ גענומען זענען זיי דאָרט טיעף פאַרפּוטעט, פאַראייניגט מיט די וואָרצלען און ציהען די „יניקה״, ווי אַזעלבע פון איין שורש. זאָל וועהען פון ערגיץ עפּיס אַ ווינטעלע, שושקען זיי זיך איבּער, סוד׳ן זיך, אָנבּויגענדיג די קעפּ איינער צום אַנדערען. קיינער שווייגט ניט שטיל, עס „ריהרט״ אָן איטליכען און איטליכער לאָזט זיך הערען מיט זיינס, בּאַסעוועס-צו, טהוט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ. אַ מינדסטער קלאַפּ בּיי איהם דאָ, רופט זיך עס אָפּ בּיי איהם העט ווייט דאָרט. און זאָל אַ בּלאָז טאָן אויף

איהם, ווי עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַ פּוילער, אַ בייזער ווינט פון צפון=זייט, חאַפּט ער זיך=אויף מיט אַ כּעס, אַ צאָרן, עס רעש'ט זיך, עס פּילדערט פון גרויס ביז קליין. עס רוישט און שטורמט ווי חוואַליעס אין ים. פערשטומט ווערט וואו אַ לעבּעדיג בּעשעפעניש אין איהם, בּעהאַלט זיך אין אַ לאָך פאַר שרעק.

שלמה'לע קען דעם וואַלד, גוייסט זיין נאַטור, האָט אַליין שוין געזעהען איהם צושפּילענדיג זיך אין אַ שטורם מיט אַ ווילדער קראַפט, און דעריבּער בּעקומט ער תּמיד בּיים אַריינגאַנג עפּיס אַ־אָבשיי פאַר איהם, אפילו ווען ער שטעהט זיך שטיל רוהיג, ווען ער לאַדעט איין צו זיך, ווי אַ גוטער מכניס אורח, צוקומען אויסרוהען זיך אין זיין שאָטען, איז מכבּד מיט רויטע אי מיט שוואַרצע יאַגעדעס און לאָזט שפּילען אַ קאַפּעליע פון זיסע נגונים. מיד פון דעם שפּאַציר אויף די פרייע, פרעהליכע פעלדער, זיצט ער אַצונד מיט בּן=ציונ'ען אָנגעלעהנט אונטער אַ צווייגהאַפטיגען בּוים, הערט זיך=צו, קוקט זיך=צו צו אַלסדינג אַרום און אַרום מיט דרך־ארץ און האָט אין האַרצען שטאַרק הנאה.

פונ'ם וואַלד אַרויסגעהענדיג לאָזט מען זיך צוריק אין שטעדטיל, מען חאַפּט זיך אַריין, שוין אַבּיסעל שפּעטליך, אין בּית=המדרש, שאַ קיטש, גלייך ווי גאָרנישט געשעהען, און מען פערבּייסט מיט אַ מנחה.

אָנזעהענדיג זיך וואָס עס טהוט זיך אין דעם בּעל=הבּתישקייט בּיי הערציל=קיילעס, נעהמט שלמה'לע און ווערט אַ בּעל=הבּית אויך בּיי זיך. ער טוט אויס אַרבּייט אין גאָרטען, וואָס אונטער'ן שטוב, קריכט צווישען די בּייטען רייסען צובּעלעס, רעטיך, אוגערקעס, רייסט אויס דאָרט די קראָפּעווע, און קוקט זיך=צו דערנאָך אַ מאָל צעהן אין טאָג צו דעם גרינ־וואַרג, זעהן, צי ס'איז שוין אויסגעוואַקסען!!.. פאַרנעהמט זיך מיט טויבּען, פאַר וועלכע ער מאַכט פון שטרוי נעסטען אויף דעם בּוידעם, האַלט אויך שפּילפויגעלעך אין שטייגלעך. זעצט אויך הינער אויף אייער אין אַ קאָרבּ, אונטער'ן בּעט, קריכט אַהין עפּטערס, ציקאַווע צו זעהן, ווי עס פּיקען זיך אויס הינדעלעך.

גראָד מאַכט זיך, אַז אין שטוב דרעהט זיך אַרום אַ אינדעטשקע, ועדר אַ שענע, בּעליבּט בּיים גאַנצען הויזגעזינד, און מען בּעט זי אויס בּיי דער מאַמע, ניט צו שעכטען עס. ס'איז דאָ אָהן איהר אויך אַ פאָר־פאָלק — אַ אינדיק מיט'ן ווייבּ, אויף פסח. לאָז זי לעבּען און בּלייבּען אויף פליד. די אינדעטשקע זעצט זיך למזל אויף אייער, פיהרט אויס

אַ װעציל קינדערלעך, און שלמה נעהמט אויף זיך, אין אַ גוטער שעה, די גאַנצע מיה מיט דעם קליינוואַרג.

און דעם אמת מוז מען זאָגען, ער האָט געטאָן זיין זאַך געטריי, זיי געשיינקט נעגונג צייט און זיך אָבגעגעבען מיט זיי אַ סך מעהר נאָך וויפיל טאַטע־מאַמע האָבען געוואָלט, אַזוי אַז ס׳פלעגט אַ מאָל צווישען זיי פאָרקומען צוליעב דעם אַ ווערטלען־זיך אונטער פיער אויגען.

— דו! — מאַכט רבי חיים צום וויב, וועלכע ער האָט, אויף דעם יודישען שטייגער, קיינמאָל ניט גערופען ביים נאָמען, נאָר סתם: דו — די אינדעטשקע איז דיין מלאכה. עס האָט זיך איהר פערגלוסט האָבען אינדעקלעך! דערוויל לערענט נישט דאָס בחור׳ל. האָט אין זינען שטענדיג אינדיצקע, אינדיקלעך. נ־נ־נו.

— אָט האָסטו דיר שענס! — פאַרענטפערט זיך שרה מיט פערדראָס — מיר האָט זיך פערגלוסט אינדיקלעך! אַלע אין שטוב האָבען געחלש׳ט: לאָז איבער די אינדעטשקע! און אַז ס׳מאַכט זיך עפים־וואָס, גערהט צו מיר אוים דער צאָרן. װי אַ יודישע טאָכטער איך בין, מאָרגען שיק איך, בלא־נדר, נאָך דעם שוחט, אויב דו ווילסט, און לאָז ער קוילען פון מיינט־וועגען די אינדיטשקע מיט די אינדיקלעך אינאיינעם.

— אָהן כעס! — זאָגט רבי חיים שוין ווייכער, כמעט מיט אַ געבעט — מיט דיר טהאָר מען נישט רעדען קיין וואָרט. באַלד ווערט זי אין כעס. צו־וואָס קוילען בעשעפניש, נעבעך? אַז זיי לעבען, זאָלען זיי זיך לעבען. געלעבט אַזאַ צייט און פלוצלים... אַ רחמנות, נעבעך, אַ צער־בעלי חיים!

— וואָס־זשע ווילסטו פון מיר האָבען? — מאַכט שרה נאָך אַלץ מיט אַ ברוגז־פּנים — אַז די ביסט אַ בעל־רחמים, וואָס־זשע זאָגסטו מיר, וואָס?...

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי — פאַרענטפערט זיך רבי חיים מיט אַ גוט שמייכעלע — איך זאָג עס מיר סתם אַזוי: אַז דער קאָפּ ליגט איהם צופיעל אין די אינדיקלעך. אַלץ אין דרויסען, אין דרויסען;

— איך וויים, אָסור, ניט, וואָס דו ווילסט — מאַכט שרה כלומר׳שט און טרעהרען שטעלען איהר זיך אין די אויגען — אַ קינד זאָל דעם גאַנצען טאָג, וויל ער, זיין פערשפּאַרט. איך האָב ניט קיין האַרץ פאַרוועהרען איהם אָנקוקען די ליכטיגע שיין. אדרבה, טאַטע, זיץ דו מיט איהם און

לעהרען פון פריה ביז נאַכט, פאַר וואָס, טאַטע, קוקסט=דו איהם נישט אָן דעם גאַנצען טאָג ?

— נו=נו=נו, געוג ! — טיטשעט רב חיים דאָס ווייב מיט'ן פינגער, שמייכלענדיג צו איהר אזוי פריינדליך ביז זי טהוט אויך אַ שמייכעל — און שלום, אַלסדינג ווידער וואָס פריהער.

שלמה'לען ווילט=זיך נאָכמאַכען הערציל=קיילעס אין שענע האַנד=אַרבייט אויך. ער פערקוקט זיך מיט גרוים פערוואונדערונג אויף הערצילס „רבי יוסי מיט'ן בת=קול ווי אַ טויב״, וויל אויך עפּיס מאַכען און עס געהט ניט. נישטאָ קיין געציייג — פאַרענטפערט ער זיך פאַר אַנדערע און פאַר זיך אַליין. צום שניצען ברויכט מען אַ שאַרף מעסעריל. דאָס מע=סעריל, אויף וועלכען ער האָט געשטעלט אַ פלעט פאַר אַ גאַנצען האַלבען גראָשען און עס געוואונען, האָט נישט געטויגט. די קלינגלעך זענען געוועזען פון בלעך. און צו מאָלען, האָט ער געזאָגט, בעדאַרף מען פאַרב=בלויע, רויטע פאַרב. דעריבער איז ער טאַקי ניט שולדיג. נאָך גוט כ'לעבען, וואָס עס געהט איהם די האַנד, אויסצוקנייטשען פון פּאַפּיר לאַמטערנעס, אויסצושניצען פון אַ שפּענדיל אַ אויערלעפעלע און מאַכען אַ „בעזרת השם״ מיט אַ צוק, אַ דרעה אַזוי, אַז ס'קומט אַרויס מיט אַ פויגעל !

## 14.

דער וועג פון שלמה'לעס לעבען ביז אהער, ווען אפילו ער איז ניט אויסגעשאָטען געווען מיט בלומען, דאָך שלעכט האָט מען איהם נישט געקענט אָנרופען. לכל־הפחות האָט זיך דער וועג געצויגען גלייך ווי א סטרונקע, גלאַטשאָהן גריבלעך. שפּעטער אָבער הויבט דער לעבענס וועג זיינער אָן זיך צוקרימען, ווערט גריבעדיג. ווייטער אַביסעל איז ער שוין בעוואַקסען מיט דערנער, נאָך ווייטער ציהט ער זיך שוין אַרויף און אַראָב איבער בערג, איבער טאָלען און טיפע אָבגרונטען. דער גאַנג אויף איהם ווערט שווער, וואָס ווייטער, ווייטער, אַלץ ערגער, ערגער, חאָטש נעהם און פּאַל אַנידער, חאָטש טהו זיך שונאי־ציון, א מעשה אָן —

די ערשטע שטיינער איהם אויפ'ן וועג — זענען צרות הכלל, צרות פּורעניות, וואָס זענען כסדר איינע נאָך די אַנדערע אויף דעם שטעדטיל ק. אַנגעשיקט געוואָרען.

איינע פון די הויפּט־פּרנסות. וואָס דערמיט האָט דאָס שטעדטיל ק... אויסגעצייכענט זיך פון אַלע אַנדערע שטעדטלעך אין ליטא, איז געווען „אַסטראַחאַנקע“ און בעזונדערענס דער „שלייער־אַרטיקעל.

אַסטראַחאַנקע — דאָס איז געווען אַזאַ סאָרט לייגוואַנד, געפאַרבט טונקעל גרין, און צונויפגעלעגט אין שטיקלעך פון א געוויסער צאָהל אַרשין, װאָס פלעגט דינען מיינסטענס אויף אונטערשלאַק און אויך אויף קאַפּטענס פאַר אָרעמלייט. פאַר וואָס די לייגוואַנד האָט געטראָגען

אויף זיך דעם נאָמען אַסטראַחאַנקע, דאָס איז אין דיי ייִזישכטע פון'ם שטעדטיל עד היום נאָך ניט דערקלערט געוואָרען.

שלייער האָט געהייסען זעהר אַ דין, געבלייכט שטיקעל לייַנוואַנד, לאַנג און שמאָל ווי אַ האַנדטוך. אויף די שטעדטעלדיגע וועבערס מלאכה. מיט דעם מין האַנדטוך פלעגען ווייבער אַרומוויקלען דעם קאָפּ איבער דער קאָפּקע, אויסקנייטשענדיג עס אַזוי, אַז הינטען אויף דער פּאָטיליצע לאָז אַראָבהענגען צוויי עקען, אין דער גרויס און דעם געשטאַלט פון מלינצעס און זיי בּיי די זייטען צוויי קלענערע, מיט דעם נאָמען „פּאָכעס". דעם פאַרשלייערטען קאָפּ האָט ווי אַ רייף אַרומגענומען אַ צונויפגעלעגטע פּאַטשיילע, פאַרדרעהט מיט אַ קנופּ אויפ'ן שטערן, און די עקען פּאַטשיילע פאַרשטעקט, אָדער צוגעשפּילעט, איין עק פון דער זייט קאָפּ, יענער פון דער אַנדערער זייט. בּיי אַלטע כּשר'ע ווייבער איז דער קנופּ אויסגעקומען סאמע פאָרענט, ווי אַ „של ראש" אויפ'ן שטערן. בּיי יונגע ווייבלעך, מאָדניצעס, איז דער קנופּ פעררוקט געווען אַביסעל אין דער זייט, שבת און יום-טוב האָבען ווייבער פון בעל-הבּתישען שטאַנד גע-טראָגען אויפ'ן קאָפּ זיידענע, קאַשעמירענע אָדער טערקישע פּאַטשיילעס, אין דער-וואָכען וואָלענע מיט גרויסע קווייטען — עפּעל-פּאַטשיילעס. די דאָזיגע בּיידע מיני פּאַטשיילעס האָבען מחותּנים פון חתן'ס צד בּעדאַרפט שיקען פאַר דער חתונה אַ מתּנה דער כּלה און מחותּנים פון כּלה'ס צד האָבען געשיקט דעם חתן אַ שטריימעל.

אָט אַזוי האָבען אונזערע בּאָבעס אַ פּנים געהאַט אין שלייער!

דער שלייער האָט בּעדאַרפט זיין ווייס ווי שניי, אָנגעקראָכמאַלט, אָנגעבלאָזט און אויסגעקויקעלט. די דאָזיגע מלאָכה פון קויקלען-גלעטען אַ שלייער, איז געטאָן געוואָרען פון צוויי ווייבער, בּעלי-הבּית'טעס, בּשותּפות, אַזוי: איינע האַלט מיט בּיידע הענד בּיי די שפּיץ-עקען שלייער פון איין זייט, די צווייטע טהוט דאָס איינענע יענער אַקעגען פון דער אַנדערער זייט. אויף אַזאַ אופן בּלייבּט דער שלייער צווישען די ווייבער אויסגעצויגען ווי אַ לאַנגע שמאָלע רינווע, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ גרויסע, קיילעכדיגע, גלאַטע קויל פון גלאָז אָדער פון אייזען. גיט אַ הויב אַ יודענע די הענד אַביסעל העכער, לויפט די קויל אין דעם שלייער פון איהר זייט צו יענער וואָס אַקעגען. טהוט בּאַלד אויך אַזאַ הויב מיט די הענטלעך יענע, קויקעלט זיך די קויל אין שלייער צוריק צו דער ערשטער. אָט אַזוי לויפט די קויל הין-און-צוריק בּיז דער שלייער ווערט גלאַט ווי אַ טאָק.

אָנצוקוקען בשעת מעשה די ביידע ווייבער, ווי אַזוי ערענסט זיי שטעהען זיך ווייטליך איינע אַקעגען דער אַנדערער, ווי אַזוי זיי הייבען די הענטלעך מיט אַ טרעסעל די אַקסעלעך, אויספוצענדיג די בייכעלעך, פאַר־לעגענדיג אין דער זייט די קעפּעלעך; ווי אַזוי זיי קרימען זיך, פאַר־דרעהענדיג די נעזעלעך, וואַרפענדיג מיט די אויגעלעך און שיקען איבער פונדערווייטענס איינע דער אַנדערער זיסע־גיפטיגע שמייכעלעך, גוטע ריידעלעך מיט שטעכענדיגע שפּילקעלעך — אָט דאָס אָנצוקוקען האָט מען, דאַכט זיך, שוין ניט בעדאַרפט מעהר קיין שענערעס דערפון אין דער וועלט. אַ כפרה טעאַטער, אונזערע היינטיגע [טעאַטערס!

אָט די דאָזיגע שלייער פלעגען, ווי די „אַסטראַחאַנקע״, אויסאַרביי־טען גוי׳אישע ווייבער אין דעם שטעדטיל, איטליכער אויף זיין וואַרשטאַט בייַ זיך אין דער היים, און יודען זענען געווען די אָבנעהמער פון דער סחורה, פאַר וועלכע מען האָט געצאָהלט במזומנים, אויך מיט טאַלקעס פּאָדים. יעדער האָט שוין געהאַט זיינע געוויסע ווייבער, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדעלט. געוועהנטליך האָבען דערמיט געהאַנדעלט בעלי־הבית׳־לעך, נאָך קעסט־קינדער, אָדער ער׳שט אַראָב פון קעסט, ביי וועלכע עס האָט זיך נאָך געפונען פונ׳ם נדן אַ מזומען גראָשען. ר׳ חיים׳ס אויס־געגעבענע קינדער האָבען אויך דערמיט געהאַנדעלט און געצייגען די פּרנסה. די דאָזיגע סחורה פלעגט דערנאָך דורך גרעסערע סוחרים. אויפקויפער, צופיהרט ווערען אין אַלע ליטווישע שטעדט, וואו עס האָט געהאַט אַ גרויסען אָבגאַנג. ק־ער שלייער האָבען זיך געריהמט אין דער וועלט. ס׳איז געווען פּרנסה אין דעם שטעדטיל, אַ סך יודען האָבען דער־פון געלעבט.

אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגען יאָהרענלאַנג פון טאַטעס צו קינדער — און פּלוצלים נאַט אייך אַ גזרה

ס׳איז אַרויס די גזרה פון די קליידער — ווייבער זאָלען ניט טהאָרען גאָלען די קעפּ, יודען זאָלען זיך אָנטאָן דייטש!

אַז יודען ווערען דייטשען, פאַרשטעהט־זיך, ווערען יודענעס דייטש־קעס. אמת אין שטעדטיל ק. איז נאָך מיט חסר. פאות, שטריימעל, פאַרשלייערטע געגאָלטע קעפּ לעת־עתה נאָך ווי פריהער, אָבער ערגיץ אַנדערש אין דער וועלט איז פּע!... יודען טהוען אָן קאַשקעטען, יודענעס וואַרפען אַראָב פונ׳ם קאָפּ דעם שלייער און נעהמען אַרויף אויף זיך מיני שמאַטקעס — ליטווישע טשעפּטשיקעס, מחילה, אַזוינע. אוים שלייער, אוים האַנדעל, אוים פּרנסה! דאָס שטעדטיל ק. איז ווי דער׳הרג׳עט.

איטליכע דערפיהלט דעם קלאפּ. עס דערפיהלען אויך די וועבער, די שפּינער, די קליינע און גרויסע אויפקויפער. עס דערפיהלען אויך די שענקערס, ווארום אז דער וועבער האָט ניט אויף ברויט, האָט ער נישט אויף טרינקען. און אז די אַלע ליידען מאַנגעל, ליידען, עס פערשטעהט זיך, אויך די קרעמער, די בעלי-מלאכות, דער גאַנצער קליינערער עולם. ווער מען איז עס אין קאָפּ צוקויפען, עפּיס זיך צומאַכען? עס קומען-צו-גייע קבצנים, פרישצאַפּעלדיגע אביונים. בעלי-הבית'לעך אָבגעקומענע, בעפּאַלענע מיט קינדער, נעהמען זיך צו מלמדות, כּטלנים, מלמדים האַקסען ווי קראָפּעווע. נישטא אָבער אַזוי פיעל תּלמידים, וויפיל רבי'ס. שלעכט! און אַז מענשען איז שלעכט, ווערען זיי אַליין שלעכט. גרייזען זיך, קריגען זיך, איינער וויל אַרויסרייסען דעם ביסען ביי'ם אַנדערען און זענען צווישען זיך קידער-ווידער, אויף מעסער-שטעך. נישטאָ אין שטעד-טיל די מנוחה, דער פרידען וואָס פריהער.

אויף רב חיים'ן האָט דער געפאַלענער האַנדעל אויך זיך שלעכט אָבגערופען. די אייסגעגעבענע קינדער זיינע זענען געבליבען ווי דערזואָר-גען. אָהן פרנסה. א שוואָגער זיינער, וואָס האָט געהאַנדעלט מיט טאַל-קעס, האָט אָנגעזעצט און געמאַכט פּליטה, איבערלאָזענדיג ווי אויפ'ן וואַסער א ווייב מיט א קליין קינד, און זיי זענען געפאַלען אויף רב חיים'ס קאָפּ. איהם אַליין אין די געשעפטען איז אויך געגאַנגען שלים. אין דער טאַקסע פון פלייש, וואָס ער האָט די לעצטע צייט געהאַלטען, האָט ער דערלעגט דעם קאָפּ. דער עולם האָט געגעסען ווייניג פלייש. אין שטוב איז געווען נישט פרעהליך, דאָס הויזגעזינד צווישען זיך גאָר ניט דאָס וואָס א מאָל.

שלמה'לע הויבט אָן דערפיהלען צרות, צופערזוכען די ביטערקייט פונ'ם לעבען. אוים קינדערשע רוהיגקייט!

נאָר אַז ס'איז בעשעהרט אומגליק, גערט עס פון אַלע זייטען. פלוצלים אין א שענעם טאָג, זומער. די רעכטע צייט פון שרפות אין יודישע שטעדטלעך, איז געקומען א שרפה, א העליש פייער אויפ'ן שטעד-טיל ק. מעהר ווי א העלפט הייזער זענען אַוועק מיט'ן פייער, צווישען זיי אויך דאָס הויז פון פראָדעלס עלטערן. ס'איז געוואָרען א תּל פון די הייזער, אויף בערגלעך אַש האָבען אומעטום אַרויסגעשטרעקט נאַקעטע, פערראויכערטע קוימענס, ווי אויף א בית-עולם די מצבות. מענשען הונגעריגע, אָבגעריסענע, דאַרע, בלייכע, עפּיס נאָר לעבעדיגע מתים, האָבען זיך געוואַל-גערט אין די גאַסען. א טייל האָבען זיך געבאָברעט, געגישטערט אין די

הויפענס מיסט פון זייערע אָבגעברענטע הייזער, געזוכט, ווי מען זאָגט, פון אַ גע'פגר'ט פערד די פּאָדקעוועס, האָטש וואָס איז, אַ זכר פון זייער גוטס. און די שמחה פון איינעם אויף דער מציאה, משטיינס־געזאָגט, אַז ער האָט געפונען ערגיץ אונטער דעם אַש טשוואָק, אַ טאָפּ, עטליכע געבּראָטענע קאַרטאָפעל, האָט ביים צוזעהער עס פונדערוויטענס אויסגע־ריסען דאָס הארץ נאָך פיעל מעהר ווי דער צער פון יענע אומגליקליכע, נעבעך, וואָס זענען געזעסען פאַרלעגט די הענד, וויסט, בעטריבּט מיט אויסגעצויגענע בּלייכע פּנים'ער.

די עלטערן פראַדעלס, וואָס האָבּען אויך אָבגעבּרענט, האָט רב חיים זיי מיט דעם הויזגעזינד אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. ס'איז דאָרט געוואָרען אַ ענגשאַפט, אַ דערשטיקעניש, איטליכער האָט געליטען. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? — אַ רחמנות!

נישט געליטען האָט נאָר איין שלמה'לע אַליין. אַדרבּה, עס האָט איהם אין הארצען נאָך משונה הנאה געטאָן — ער איז דערווייל אינאיינעם, אונ־טער איין דאַך, מיט פראַדלען. וואָס ענגער אַלץ בּעסער. געלעגענהייטען אויף איהרע צוקוקען, מיט איהר זיך אָנצושלאָגען, צוהערען איהר זיס קול, צוזעהן איהרע בּלויזע שען־געטאָקטע ארעמס ביים אַרבּייטען עפּיס, און צופיהלען איהר אָטעם — אַזעלכע געלעגענהייטען זענען דאָ אין טאָג זעהר פיעל און מען פערשפּאָרט זיך גאָר צוהיטען. שלמה'לע איז פון דער הויט געקראָכען צודינען פראַדעלס עלטערן מיט דאָס, מיט יענץ, צוטראָגען זיי עפּיס, פאָלגען זיי אַ גאַנג, וואָס נאָר מעגליך. און בּכדי צוגעפעלען, צומאַכען זיי אַ פאַרגניגען, איז ער אַלע טאָג מיט אַ קליין ווע־געלע צוגעקומען צו זייער אָבגעבּרענט הויז, פּונקט אין דער צייט, ווען פראַדיל פלעגט זיך בּאָבּרען דאָרט. שווייגענדיג, נישט צורעדען קיין וואָרט, פלעגט ער דאָרט זוכען, גראָבּען, און וואָס איהם איז צו די הענד געקומען, האָט ער געלעגט אין וועגעלע, און דאָס וואָס פראַדיל געפינט, אויך אַהין, אַרויסנעהמענדיג עס פון איהרע הענד שאַ, שטיל. איז דאָס וועגעלע שוין פול, פיהרט ער עס אַ היים, רויט ווי אַ צוויק, אין איין שוויס, און פראַדיל העלפט איהם, שטופּט אונטער דעם וועגע־לע פון־הינטען. אָט אויף אַזאַ אופן האָט ער צונומען אַ גאַנצען קוימען, אַ אויבען און אָבגעפיהרט די ציגעל אַ היים. די פרייד פון אַ גבור ביים צוריק־קעהרען־זיך פון דער מלחמה בּעגראַנדע, מיט „זאַקרויב“, גאָלד און זילבּער אַ סך, האָט זיך נישט געגליכען צו שלמה'לעס פרייד דענסט־מאָל, בּשעת שלעפּענדיג אינאיינעם מיט פראַדלען דאָס וועגעלע פול אָנ־

געלעגט מיט ציגעל, שטיקלעך אייזענס און נאָך אזוינע שיריים פון דער שרפה. ס'איז א וועהטאָג א גרויסער איהם זיך מודה צו זיין, נאָר די מעשה איז פּאָרט אזוי טאַקי, אז די שרפה, אזא אָנשיקעניש. אזא אומגליק פאַר אזוי פיעל מענשען, נעבעך, האָט איהם אין הארצען שטאַרק הנאָה געטאָן. אויך די אייגענע מעשה טאַקי ווי מיט א יורש, א שטייגער, פון רייכע עלטערן. כלומר'שט וויינט ער ביים אויסגעהן זיי די נשמה, אין שטילען טאַקי האָט ער משונה הנאָה ביי זיך אין הארצען.

נאָר אוי-וועה! די שרפה האָט שלמה'לע דערפיהלט ערשט שפּעטער, אז ער אליין, קען מען זאָגען, איז אָבגעברענט געוואָרען, אז איהם אליין האָט דאָס גרויס אומגליק געטראָפען. פראַדילס עלטערן, וואָס האָבען, נעבעך, אלע האָפנונגען פערלוירען, צוריק צו זייערע קרעפטען צוקומען דאָ אין שטעדטיל, האָבען זיך מיט איהם אויף אייביג אָבגעזעגענט, פערנומען די קינדערלעך און ערגיץ ווייט אוועקגעפאָהרען. נאָכדעם ווי שלמה'לע האָט אזא צייט פערבראַכט מיט פראַדלען אינאיינעם, זיך צו איהר שטאַרק צוגעבונדען, איז איהם איהר צוועקפאָהרען געווען א ריס פּונ'ם הארצען. פערשטעהט איז איהם געוואָרען דאָס לעבען!

## 15.

און ווי די חוואַליעס אין ים, לאָזן זיך איינע נאָך די אַנדערע צרות פורעניות אויפ'ן שטעדטיל ק. נאָר יודעלעך אליין טאַקי, שלאַפינקע, ריהרעוודיגע, קענען, אַנבויגענדיג זיך ווי א טשערעטיל, לאָזן איבערגעהן איבער זיך אַזעלכע גרויסע חוואַליעס און צוריק אויפהייבן דעם קאָפּ! —

„האָב ניט מורא, יעקב, ישראל מיינער — זאָגט גאָט — אין טייכען וועסט־דו ניט דערטרונקען ווערען, און פייער ניט פערברענט ווערען!"

איז אַרויס די גזרה אויף שלייער. אַודאי איז שלעכט! נאָר יודען ווערען צו אַלץ געוועהנט. מילא וועט גאָט העלפען אָהן שלייער אויך. נעט מען זיך אַביסעל א קוועטש טאָן, אַביסעל ניט דערעסען, א ביסעל ניט דאָס, אַביסעל ניט יענץ. נישקשה!... קומט אויפ'ן שטעדטיל א שרפה — אוי, שלעכט, טאַקי זעהר שלעכט. א צרה איז עס א גרויסע! נאָר וואָס זאָל מען טאָן? גאָט איז א טאַטע, און ישראל זענען בני רחמנים. שרייבט מען כתבים, פאָהרען אַרויס משולחים. מען האָפט, מען וואַרט— און וואָס? גאָרנישט! משולחים זענען אויך מענשען, בשר ודם. מיט ווייבער און קינדער. בעדאַרפען, נעבעך, פיעל האָבען צום לעבען... טרעט־צו דער קאַלטער, נאַסער אָסיען, גיט שטאַרק אָנצוהערעניש, אַז אין דרויסען קען מען ניט זיצען, קלייבט מען זיך אַריין ווי־ס'איז אין דירות. ענגליך אַביסעל? מאַכט נישט אויס, אַבי אינאיינעם. חאַפּט זיך אַריין, ניט־דאַ־געדאַכט, עפּיס א מין חולאַת א זעלכער, מען שטאַרבט!

איז מען גוזר תענית — מען פאַסט! דער דלות ווערט אַלץ שטאַרקער, די נויט גרעסער. נו, לאָזט מען זיך, ווער עס קען, אַוועק. גאָטס וועלט איז גרויס, און וואָהלין איז אַ פעט ווינקעל. מלמדים זענען דאָרט סחורה. מען קנעלט! איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? קומט פלוצלים אָן גזרת-הבלעט-לעך, אַז מלמדים טהאָרען ניט קנעלען אָהן אַ „שיין״, אַ בלעטיל הייסט עס. שלעכט! טהוט מען וואָס מען בעדאַרף. העלפט גאָט — און מען קנעלט ווייטער!

אָט אַזוי האָט דאָס שטעדטיל ק., נעבעך, געלעבט און איבער-געלעבט אַ שלעכטע, ביטערע צייט!

ווי מיט דעם ווינד האָט זיך אין יענער צייט פערטראָגען אין דעם שטעדטיל אַ נייעס וועגען יודישע קאָלאָניעס — די רעגירונג, הייסט עס, גיט יודען ערד צובעזעצען זיך אויף איהר און זי צובעאַרבייטען. די דאָזיגע נייעס האָט, ווי געוועהנטליך, קייקלענדיג זיך, ווי אַ קנויל, פון מויל צו מויל, אָנגענומען אויף זיך פיעל פערשיעדענע מימרות און לסוף זיך פערפלאָנטערט, אַזוי אַז ס'איז שווער געוועזן זי אויפצופלאָנטען. וואָס קאָלאָניעס, וועמען קאָלאָניעס; וואו געבען ערד, ווי געבען, וועמען גע-בען? — אָט דרינען איז עס דאָס גאַנצע פלאָנטעניש און די מיינונגען דעריבער זענען פערשיעדען. דאָס שטעדטיל איז דערמיט אויף. אומע-טום, אין מאַרק, אין בית-המדרש, אויפ׳ן שוהל-הויף שטעהען רעדלעך מענשען און מען רעדט, מען האַמפּערט זיך, שרייענדיג, זידלענדיג זיך אויף אַ קול.

— איך בעט אייך, רב זעליג — טענה'ט חייקעל דער הינקעדיגער, וואָס איז שטאַרק פאַרברענט אין די קאָלאָניעס — זאָגט מיר, פילוסוף מיינער, וואָס בע-קעט איהר מיר, וואָס עט-עט איהר מיר? וואָס זאָל אַזוינס אייער בע, עט בעדייטען? אַזאַ זאַך, וואָס פאַר יודען אַ גליק, איז מען מיט אַזאַ חקירה'לע, מיט אַ קנייטשעלע: עט, בע! ניט מבטל!

— וואָס האָב איך מיט דיר, חייקעל, צו טענה'ן, אַז דו ביסט... האָב קיין פאַראיבעל ניט — ענטפערט רב זעליג מיט אַ קנייטשעל, אַ שמעק-געבענדיג טאַבאַק — אַז דו פאַרשטעהסט ניט דעם תמצית, דעם תוך, הייסט עס, פון אַ זאַך. מען גיט קאָלאָניעס! וואָס הייסט מען גיט? נאַ, חייקעלע, נאַ דיר און זיי אַ פּריץ!

— אָט דאָס איינענע טאַקי זאָג איך דאָך מיין פּייבושקען אויך — מישט זיך אַריין אין שמועס יענקיל דעם מגיד'ס — אַ פּריץ מיינסטו זיין?

אָ, ניין! עס שמעקט. מחילה, מיט... מיט, מיט וואָס הייסט מען עס... האָט מע טהוט אַ פויער. נאָך מעהר. מע זאָגט פּאַקי, באשר פּאַר נישט גוט אַרבּייטען, צי וויים איך וואָס פאַר עפּיס וואָס־ס'איז, קומט אַבּגעבען פאַר אַ רעקרוט אָדער גאָר פאַרשיקען קיין קליין ארץ־ישראל — סיביר, הייסט עס! פּייבושקע, זאָג איך, די קנעלסט? קנעל טאַקי ווייטער און רעד זיך ניט צין אַ קינד אין בויך! יעקב איז נים עשו.

— ניין! — הערט זיך אַ קול פון אַ צוויימען רעדיל — אין די היגע גובערניעס פאַר קיין געלט ניט! בעסער אַהין, אין יענעם ווינקעל — אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין חערסאָן.

— יאָ, טאַקי אַהין. גאַנץ גוט. אָבער געלט, געלט, געלט? — לאָזט זיך הערען נאָך אַ קול.

— מע גיט געלט!... ס'איז דאָ געלט!... ס'וועט זיין געלט!"..

נאַ, וואָס זאָגט רבי חיים? רב חיים וואָס זאָגט?... לאָז מען מאַכען אַ אסיפה, אַ אַסיפה! — שרייען עטליכע מנינים העלזער מיט אַ מאָל.

אויף דער אסיפה האָט זיך דערקלערט, אַז די מעשה דערפון איז אַזוי: פיעל פון די טויזענטער יודען אין „ביעלאָרוסיא", אַרויסגעטריבענע פון די דערפער, און פון אַזוי דאָרטיגע יודען, וואָס האָבען אין יאָהר 1806 דערלאַנגט „פּראָשעניעס", אַז זיי ווילען בעאַרבּייטען די ערד אין „ניי־רוסלאַנד", האָט די רעגירונג בעזעצט דאָרט אויף איהר ערד, אונטערשטיצענדיג זיי מיט געלטמיטעל. באַלד טאַקי אין יאָהר 1810 איז אַרוים אַ „אוקאַז", אַזוי ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט געלד דערויף בּיי דער רעגירונג, זאָל מען מעהר קיין יודען ניט שיקען אַהין אין די קאָלאָניעס. אין ניין יאָהר אַרום האָט מען ווידער צוגעלאָזט יודען צובעזעצען זיך דאָרט, נאָר אויף זייערע אייגענע מיטעל דערצו. אין אַ פיער יאָהר אַרום האָט מען ווייטער קיין נייע קאָלאָניסטען אַהין נישט צוגעלאָזט. גאָר לויט די געזעץ פון 1835 יאָהר, און די ווייטערדיגע אין יאָהר 1847 האָבען יודען געמעגט ווערען ערד־אַרבּייטער אויף קאַזיאָנע ערד, אין אַלע ערטער, וואו זיי מעגען וואוינען. בעזאָנדערענס האָט די רעגירונג זיי אָנגעוויזען יעקאַטערינאָסלאַווער און חערסאָנער גובערניעס. מיטעל אויף הוצאות און אונטערהאַלטען זיי האָט מען בעדאַרפט נעהמען פון דער באָקסע, פונ'ם „קעסטעל" הייסט עס. — ווי באַלד אַזוי, פון קהלים געלט, האָט זיך קהל פערטראַכט, אונז ס'איז געבליבען — נאָך אַ מאָל מאַכען אַ אסיפה.

פון די אסיפות איז, ווי דער שטייגער איז, גארנישט ארויסגע-קומען. מען האט בעדארפט געלט, און געלט איז נישטא! לא-די וואס ניטא, איז נאך אויף דער שטאדט דא חובות פון ניט-דערצאהלטע „פא-ראטען", מען מאנט שטארק, מען שטעלט אריין עקזעקוציעס. אויפ'ן עולם רוקט זיך אן א וואלקען מרה-שחורה, קליין און גרויס זענען פער-אומערט און מען פרעגט, ווען וועט נעהמען א סוף צו די צרות? יודען אין בית-המדרש, אונטער'ן אויבען, רעדען דארט צווישען-זיך פון משיח'ס צייטען. מען דערצעהלט פון א נייעם „קץ", וואס א געוויסער רב, א גדול בישראל, האט געפונען אין א פסוק, עס ווערט בשעת-מעשה עפּיס גרינגער אויפ'ן הארצען און פון די אויגען שיינט ארויס האפנונג — נישקשה! „אל יאבד ישראל"—גאט איז א גאט און זיינע יודעלעך וועלען ניט פערפאלען ווערען!

די „פני העיר" פערקלייבען זיך אפט איינער צום אנדערען, מישב זיך צו זיין וועגען כלל-זאכען. מען שמועסט, מען טראכט אהין-אהער, און אוסלאזען לאזט זיך עס אויס תמיד, גאנץ געוועהנטליך, מיט א קרעכץ: אוי, „הושיעה את-עמך!" העלף דיין פאלק ישראל, גאטעניו. עס שטעהט שטאל, טע-טע-טע, מיט דיינע יודעלעך!

ס'איז א ווינטער-אווענט. אין דרויסען א ברענענדיגער פראסט א שיינענדיגע לבנה, העל-ליכטיג האטש, ווי מען זאגט, פערעל צוקלייבען. אויף דער גאס שעמערירען טאקי פערעל, נאר ניטע! דאס זענען אויסגעשאטענע דא אין דעם זילבער-ווייסען שניי פון די פונקעלדיגע שטערען. ס'איז שען, ס'פארנעהמט די אויגען, א פארגעניגען צו-שפאצירען, נאר ניט פאר ק-ער יודען, נעבעך, אזוינס געזאגט געווארען— אויף דער גאס איז שטיל. מען זעהט דארט ניט קיין לעבעדיגען מענשען! ווארם, ליכטיג איז ביי רב חיים'ן אין שטוב. אויפ'ן „לוטשניק" ברענט א פרעהליך פייעריל. אין דער זייט, ביים װארעמען קאפעל-אויבען זיצט ארום א טיש רב חיים מיט עטליכע אנגעזעהענע מענשען אין שטעדטיל, און מען האלט [אין א טיפען שמועס װעגען וויכטיגע ענינים פון שטעדטיל.

עס עפענט זיך מיט א מאל אויף די טיר, וואס צו דער גאס-צו, א קאלטער שטראם רייסט זיך אריין פון דרויסען און ציהעט זיך א ווייל'ע ווי א טונקעל-העלער זייל פארע איבער דער שטוב. עס לאזען זיך הערען שווערע טריט מיט א סקריפ און פונ'ם זייל פארע ווייזט זיך ארויס א גע-שטאלט פון א מענשען.

— אַ, ליפּאַ! — שרייען אויס אַלע מיט איין קול — שלום עליכם, ליפּאַ!

ליפּאַ איז פון בעל־הבתּישען שטאַנד, אַלט אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג. איז דורכגעטריבען קלוג, אַ ווערטיל־זאָגער, אַ בעהערצטער. תּמיד פרעהליך, אפילו נישט אין די גוטע אומשטענדען, ווי עס גיט זיך אַ מאָל אויס אַ פרעהליכער אָרעמאַן, און איז בעליבּט ביי איטליכען אין שטעדטיל. אַז ס׳איז אַרויס דער קלאַנג וועגען יודישע קאָלאָניעס, האָט זיך ליפּאַ ניט אַריינגעלאָזט, ווי אַנדערע, אין טיפע חקירות. ער איז ניט פויל געווען אויפ׳ן גאַנג און זיך געלאָזט באַלד טאַקי געהן אין דער אויעזדנער שטאָדט, פון דאָרט אין דער גובערנסקער, צודערגעהן זיך וועגען דעם אַלסדינג ריכטיג און וואָס מען האָט צוטאָן.

ליפּאַ פאַרטיגט זיך אָב גיך מיט איטליכען פונ׳ם „שלום עליכם״. מאַכט עס בקיצור. צונעהמט דאָס טולאַבעל, טרעסעלט־אָב פונ׳ם בערדיל פערפרוירענע שטיקלעך אייז. שטעלט זיך דערנאָך נאָהענט צום לוטשניק, וואַרמענדיג די הענד אַקעגען דעם פייעריל. דער עולם בעטראַכט איהם פריינדליך, און פּלוצלים שיסען אַלע אויס אַ געלעכטער, טייטענדיג מיט די פינגער איהם אויף די פּיס:

— וואָס איז דאָס אַזוינס, ליפּאַ?

— לאַפּטיעס! — ענטפערט ליפּאַ גאַנץ קורץ, מאַכענדיג דערביי אַ ערנסטע מינע.

— צו פּורים איז נאָך ווייט, און דו, ליץ איינער, מאַכסט שוין די שפּיל. פאַרשטעלסט־זיך בעצייטען — זאָגען אַלע נישט אויפהערענדיג צולאַכען.

און באמת איז טאַקי געווען פון וואָס צולאַכען. לאַפּטיעס, שיך אַזוינע, געפלאָכטענע פון אַווייכער קאָרע, מיט לאַנגע שנירלעך, וואָס דרעהען זיך ווי רצועות אַרום לייוועגדענע שמאַטעס אויף די פּיס ביז די קניעס — דאָס טראָגען אין ליטא פּויערען, פון גראָבען עולם. אַ יודען, דעם גרעסטען אָרעמאַן אפילו, קומט גאָר אויפ׳ן געדאַנק ניט אָנטאָן לאַפּטיעס, פונקט ניט ווי עסען חזיר, אָדער טראָגען שעטנז. ער וועט געהן בעסער מיט אויסגעטרעטענע פּיאַטעס, אָדער באָרפּיס ווינטער אין דעם גרעסטען פראָסט, איידער איינוויקלען מיט „פאַסטעלעס״ די פּיס און דערויף אָנטאָן לאַפּטיעס. אַ יוד אין פאַסטעלעס איז גאָר ניט געמאָלט, סיידען אפשר פּורים. עפּיס אַ שלאַק אַ פּורים־שפּילער, אָדער אַ בדחן, אַ ליץ אַ מאָל אויף חתונות.

— איך פאַרשטעל מיך גאָר ניט פאַר אַ פּויער, ווי איהר זאָגט —

מאכט ליפא מיט א קלוג שמייכעלע — איך בין עס היינט טאקי באמת, בכדי צופערשפארען איטליכען בעזונדער אין שטעדטיל עס צו וויסען געבען, מיט איטליכען בעזונדער איינצוטענה'ן, נעהם איך און טהו אן לאפּ־טיעס. נאט, זעהט, הייסט עס, גייכט אליין וואס איך בין און לאזט מיך צורוה.

— אזוי, ליפא! — רופען זיך אן אלע — דו ביסט א קאלאניסט? דערצעהל־זשע אונז אלדינג אקוראט, לאמיר וויסען.

ליפא האט קלאר געמאכט דא דעם עולם מיט דעם גאנצען ענין פון די קאלאניעס און די אלע זאכען, וואס ווערען געפאדערט דערצו קורץ און שארף אויף זיין שטייגער. ער האט אויך דערצעהלט, וואס מיט איהם האט זיך פּאסירט, די מיה, וואס ער האט געהאט ביז ער האט זיך צונעשלאגען צו א קאמפּאניע מענשען, וואס מיט די איינאייגעס וועט ער זיך בעזעצען אויף א קאלאניע אין חערסאנער גובערניע. אויף איטליכס געזינד פון זעקס פערשריבענע נפשות רעכענט זיך צו געבען פער־ציג דעסיאטינעס ערד.

— און די ערד בעארבייטען ווער וועט? — רופט זיך אן איינער פונ'ם עולם — דו מיינסט, ליפא, אז דו ביסט אריין אין לאפּטיעס, ביסטו שוין א פויער און טויגסט צו דער ארבייט! מע בעדארף דערצו א רגילות

— זארגט זיך ניט! רש"י האט שוין בעוואהרענט — מאכט ליפא מיט א שמייכעלע — אין די יודישע קאלאניעס פיהרט אין די רעגירונג „שולצען" (סטאראסטעס) פון דייטשען, פון וועלכע מען וועט זיך לערנען די ארבייט.

— יא, רעכט, אלץ רעכט — רופט זיך אן נאך איינער — אבער געלד, אויף דער ערשטער צייט געלד? פון דער טאקסע? 170 רובל אויף א קאלאניסט, ווי מען זאגט, פון דער טאקסע? שווערליך! קהל איז ארעם און די הצטרכות זענען נרדים. מען בעדארף אויף דאס, אויף יענץ, אויף יענץ, אויף דאס און...

— שא, בערוהיגט זיך! — שלאגט ליפא איבער יענעם די רעד — אביסעל געלד האב איך פון פריהער, אביסעל האב איך דארט געחאפּט פון שרכנות. אין איין וועג טאקי האב איך אויך אויסגעפיהרט א שידוך. היינט רעכען איך, פון מיין בעל־הבתישקייט, וואס איך וועל דא פער־קויפען, וועט מיר עפּיס אויך אריינפאלען. אפשר וועט מיר פעהלען

א קליינינקייט, פארהאַף איך, מעו וועט מיר דא בעהילפיג זיין. וואָס זאָגט איהר, רב חיים?

— איך זאָג, דו ביסט אַ מענש, ליפא! הלואי ווי דו, מיט ליבּ־שאַפט צו ערד־ארבייט, מיט מוטה, מיט אייגענע קרעפטען, א סך אַזעלכע בײַ אונז יודען!

שרה דערלאַנגט צום טיש כבוד — גריווען מיט אייער־בייגעל, צו וועלכע מען בעדאַרף זיך ניעט וואשען. און לאָזט בעטען זעהר שען דעם עולם ברכה מאכען.

— אז גאָט וועט געבען — ווענדט זיך ליפא צו שרה'ן — וועל איך אייך, שרה, שיקען פון דער קאָלאָניע אַ מתנה גוטע געגזועלעך. דאָרט איז, ווי מען זינגט היינט אומעטום אין דעם לידעל:

פון אַלעם גוטען, ברויט נישט טײַ
אַ פײַ'ם אַ ציג, אַ הוהן אַ דרייער

## 16.

יענער ווינטער, פון וועלכען דאָ איז געגאַנגען דער שמועס, איז געווען זעהר אַ שווערער פאַר רב חיים׳ן. דאָס האָט מען איהם אָנגעזעהן גלייך אין פּנים. רב חיים איז תמיד געווען אַ ערנסטער מענש, אַ פאַרטראַכטער, אָבגעזונדערט מיינסטענס פאַר זיך, זעלטען מיט עמיצען אין דער היים גערעדט אַ וואָרט. איטליכער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר זיינס אַ קוק. וואָס פאַר אַ רעש עס האָט זיך געמעגט זיין אַ מאָל צווישען די קינדער אין שטוב, נאָר קוים האָט ער זיך געוויזען אין טיר, איז געוואָרען שטיל, מען האָט פון קיינעם נישט געהערט קיין פּיפּס. דאָס איז אָבער נישט געווען דערפאַר, ווייל ער האָט, ווי אַנדערע בייזע טאַטעס, געהאַלטען איטליכען פונ׳ם הויזגעזינד אין דער מורא, מען זאָל וויסען ווער עלטער איז,—חלילה! ערענסט איז איהם דאָס פּנים טאַקי געווען, אָבער בייז כמעט קיינמאָל ניט. די קנייטשען אויף דעם הויכען, שענעם שטערען זיינעם האָבען בעוויזען, אַז ער טראַכט, ער איז פערטיפט אין די געדאַנקען. די אויגען זיינע בליצען — ווייל ער האָט אַ פייערדיגען קאָפּ, ניט אויסען׳ חלילה, יענעם מיט דעם בליק צופאַרברענען. אדרבה, ער איז אין הארצען צו גוט, עס קרענקט איהם די שטילקייט, וואָס ווערט ביי זיין געפינען זיך אין שטוב, עס רייסט איהם דאָס האַרץ, אַז עמיצען פונ׳ם הויזגעזינד טהוט עפּיס וועה, עס טריפט איהם דאָס בלוט, ווען עמיצען געהט עפּיס אָב. פיהרען דאָס הויז האָט געפיהרט אינגאַנצען דאָס ווייב. רב חיים האָט נאָר געגעבען אויף וואָס מען בעדאַרף און ווייטער האָט ער נישט געוואָלט וויסען פון קיין זאַד. ער האט מעהר ניט

געוואוסט ווי זײנע געשעפטען, שטעדטישע זאכען און לערנען אין בעטײמטע צײטען. אט דאס האבען אלע אין הויז געוואוסט, איהם זעהר געשעצט, געליבט, פאר זײן חכמה מיט איהם געשטאלצירט, און געהאט פאר איהם גרויס דרך־ארץ.

נאר אין יענעם ווינטער האט רבי חיים זיך שטארק פארענדערט; אנשטאט רוהיגע פערטראכטקײט איז איהם אויפ׳ן פנים געלעגען אויסגעדריקט כעס, פערדראס, און בײם געהן, ווי דער שטײנער זײנער, הין־און־הער איבער דער שטוב, פארלענגדיג אהינטער די הענד, פלעגט ער זיך אפט אבשטעלען, פערבײסען א ליפ, קוקען אין דער וועלט ארײן בײז, אויסשטשירענדיג א אויג, און צופען דאס בערדיל, אין וועלכען עס האבען זיך פלוצלים געוויזען א סך גרויע האר, ער איז געעלטערט געווארען פאר דער צײט. אינגאנצען איז ער אלט געווען א יאהר צווײדרײ און פערציג.

געעלטערט האט איהם די טאקסע. זינט דאס שטעדטיל איז פערארעמט געווארען, האט די טאקסע אנגעהויבען צו געהן שלעכט. דער עולם האט געגעסען וועניגער פלײש. און וואס נאך? א טײל האבען ארײנגעפיהרט „בשר־חוץ״, דאס הײסט, פלײש, ארײנגעפעקעלט בגנבה אין שטאדט פונ׳ם ישוב, פערשפארט צוצאהלען טאקסע און קאסט וואלוועלער. דער חרם, וואס ליגט, געוועהנטליך, אויף בשר־חוץ, האט נישט געהאלפען. נויט, זאגט מען, ברעכט אײזען, א פשיטא שוין א חרם. ארעמקײט, הונגער איז קײן קאטאוועס ניט און „טאקסע״ איז ניט מסיני, נישקשה! די שומרים אויף נישטערן, זוכען אזא פלײש, און אוועקצונעהמען עס מיט געוואלד, האבען אויך וועניג־וואס געהאלפען. ס׳איז תמיד נאר געווען געשרײען, טענות, אומצופרידענקײט, קללות, טרערען, און צוגעצויגען האט עס רב חיים׳ן שנאה, צארן, און הארצוועהטאג. נאר, ס׳האט זיך נאך ווי־ס׳איז געהאלטען — תרבות פאר רב חיים׳ן! שפעטער אביסעל אבער ווײזט זיך ארויס, אז רבי חיים צאהלט שוין ניט קײן ראטע, האט פערלארען דעם „זאלאג״, דערצו נאך פערנומען פרעמד געלד אויך — און שונאים, עזות־פנים׳ער האבען שוין געעפענט א מויל, געשריגען טאקי הויך אויף א קול.

רב חיים מיט זײן שארפען קאפ וואלט זיך נאך ניט מיאש געווען, געזוכט וועגען, אהין־אהער, ווי זיך ארויסצודרעהען, איבערהאלטען זיך די שלעכטע צײט. און זעהר מעגליך, עס וואלט איהם געראטען. א חכם איז ער באמת טאקי געווען, בעריהמט ווײט ארום און ארום. ס׳האבען

איהם געקענט אפילו די אָרומיגע פּריצים; נאָר ווי קלוג, אַזוי שטאָלץ איז ער געווען און ער האָט נישט געקענט איבערטראָגען לייטישע רעד, סטייטש, מענשלעך אַזוינע, וואָס פּלעגען ציטערן פאַר זיין בליק, ניט די זכיה האָבען מיט איהם צורעדען אַ וואָרט, זאָלען העזה האָבען עפּעס נען אויף איהם אַ טויל! ניין, ס'איז אוממעגליך אַזוינס איבערצוהאַלטען. ער האָט זיך שטאַרק פאַרעסען, איז אַראָב פון פּנים, פערלוירען דעם געזונד און אינאיינעם דערמיט דעם קוראַזש.

דערצו האָט רב חיים געהאַט נאָך אַ אינווייניגסטע מכה, וואָס האָט איהם שטאַרק געשמאַרצט. דאָס איז געווען די טאָכטער זיינע, לאה. ועהר אַ געראָטענע איז לאה געווען, אַ בריה, אַ קלוגע מיט אַ פעסטען כאַראַקטער. נאָך דער מוטער איז זי געווען די פיהרערין, די עלטערע אין שטוב און אַלע האָבען זי געהערט. רב חיים האָט מיט איהר געטאָן אַ לייטישען שידוך פון דער פרעמד, פון אַ שענער משפחה, ווי איהם שטעהט-אָן, און געהאַלטען זי מיט דעם מאַן ביי זיך אויף קעסט. דער יונגער-מאַן, איינענטליך, איז געווען אַ גאַנץ פיינער, זיך אויפגעפיהרט-דאַכט זיך, ווי דער שטייגער איז, און בעליבט ביי איטליכען אין שטוב. רב חיים האָט אָבגעגעבען אַ פּאָר שעה צייט אין טאָג, צולעהרנען מיט איהם און זיינע עטליכע חברים, בעל-הבתישע איידעמס, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע פון אַנדערע, גרעסערע שטעדט, וואָס ס'איז געווען צודערקענען אין זייער קליידונג און בענעהמונג, עפּיס גאָר ניט דאָס, וואָס אין דעם שטעדטיל ק. דענסטמאָל. די דאָזיגע קאָמפּאַניע האָט זיך געהאַלטען איינס, אַרויסבעוויזענדיג אַמאָל עפּיס אַזעלכע „מאָדנע" געננ, פאַר וועלכע מען האָט אויף זיי אין שטעדטיל געקוקט קרום, געמומעלט, אַז זיי זענען אַביסעל פון דער נייער וועלט. וואָס מען האָט אין ק. דענסטמאָל פערשטאַנען אונטער דער „נייער וועלט", וואָלט היינט, פאַרשטעהט זיך, גאָר אויסגעקומען פערשימעלט, אַלט, אפילו ביי יענע פון דער „אַלטער וועלט". נאָר ווי די מעשה, מען האָט געמומעלט. ס'איז דערפון אַרויס „דרעהעניש", פאַרדרעהעניש ביז לסוף איז די קאָמפּאַניע געוואָרען אויס. צווישען רב חיים'ן און זיין איידעם איז מיט דער צייט אַרויסגעקומען עפּיס אַ רוגז, איינער אויפ'ן אַנדערען האָט זיך געבלאָזען, און געהייסען פאַר אַנדערע האָט עס: לאה דרעהט זיך מיט דעם מאַן. נישטאָ צווישען דעם פּאָר-פאָלק קיין גוט לעבען. ס'איז געקומען דערצו, אַז מען האָט דעם יונגען מאַן אָבגעשיקט צו זיינע עלטערן, איהם מיט די בעבעכעס, און לאה האָט אין דעם ווינטער טאַקי געגומען גט.

לאה מיט איהר פעסטען כאראקטער האט, דאכט זיך, דארויס זיך נאר־נישט געמאכט. נאר רב חיים אבער האט דערפיהלט, אז בײ איהר אינ־װעניג איז דא א װאונד, װי האט א געבראכען הארץ. איהר בראך האט איהם נישט געלאזט רוהען, איהם געשטאכען אין דער זיבעטער ריפּ. האלטענדיג זיך פאר שולדיג אקעגען זיין טאכטער, װאס ער האט, װי א געטרייער פאטער, אמת שטארק ליעב געהאט. װען לאה זאל געװען ארױס מיט א װארט, זיך קלאגען, דענסטמאל װאלט ער זיך אויך אױס־גערעדט, זי איינגענומען מיט א גוט װארט און עס װאלט איהם געװארען אפשר גרינגער. לאה אבער האט געשװיגען און אט — איהר שװייגען האט איהם געשטאכען. לאה האט געהאט פאר איהם גרױס דרך־ארץ, גרייט געװען איהם פאלגען אין פייער, אין װאסער, געקוקט אויף איהם מיט ליעבשאפט, און אט — ערשט דאס טאקי איז איהם געװען װי זאלץ אויף די װאונדען!

רבי חיים איז פאר יסורים שטארק פונ׳ם פנים אראב. קוקענדיג אויף איהם איז איטליכען פונ׳ם הױזגעזינד פארשטערט געװען דאס לעבען. מען האט געפיהלט, אז דאס איינציגע אנהאלטעניש זייערע װערט שװאך, נאך עטליכע חװאליעס פון צרות־א־ים, פאלט עס אום — און זיי אלע פאלען אין א טיפען אבגרונד אריין!

זעהר א שװערער, ניט קיין פרעהליכער איז יענער װינטער געװען!

פורים ביי נאכט צו דער סעודה איז רבי חיים אינאיינעם מיט דעם הױזגעזינד געזעסען ביים טיש. ער האט זיך געשטארקט, געמאכט הארץ, װייזען א פרעהליכע מינע, מקיים זיין אלסדינג, װי דער שטייגער זיינער איז געװען אלע יאהר. געבען איהם ליגט א בייטעל מיט מינץ אויף צו געבען נדבות. עס קומען אריין ארעמע לייט, רב חיים גיט מיט א פריינד־ליכען פנים, זאגענדיג זיי א גוט װארט. עס קומען בעל־הבתישע קינדער מיט פאטשיילעס, װאס זאמלען פאר אנדערע — די בסוד פאר א געפא־לענע פאמיליע, נעבעך, װאס לײדט שטילערהייד, און יענע פאר א לייטישען, שעמען קבצן, פאר א װיסטע אלמנה מיט ברעקלעך יתומים, נעבעך, — און רבי חיים גיט און איז מכבד מיט עפּיס פורים׳דיגעס. עס קומען אויך כלי־קודש, שמשים, כלי־זמר, באד־יונגען, פורים־שפילער. אלעמען נעהמט רבי חיים אויף מיט א „ברוך־הבא“, מיט א כוסה און גיט

שרה פון איהר זייט איז בעשעפטיגט מיט דעם „שלח־מנות“.

ארעמע בחורים, יונגלעך, דינסטמיידלעך ברענגען פון קרובים, פון שכנים און בעקאנטע איבערגעדעקטע טעלער, אין וועלכע עס געפינען זיך א פלעדיל, א מלכות=ברויטיל, א המן=טעשיל, א מאהנדיל, א צוקער=פישעלע, א צוקערקעלע מיט א ושתי, א זרש, א אסתר המלכה דערויף אויבען מיט גע'כתיבה'טע אותיות פון צוקער. און ארום די דאזיגע שענע, גוטע זאכען, וואס נאר צו איינס, צו צוויי אויף א טעלער, ליגען זיך אויסגעלעגט אין א שענעם סדר עטליכע טרוקענע, דארע פלוימען, אדער עטליכע מאנדלען מיט ניסלעך. א מאל ליגט גאר אויף א טעלער א אויסגעצוואגענער הערינג אין עסיג און האניג — דאס איז פון אזעלכע, וואס האט ליעב אלסדינג בפשטות, עס זאל האבען א ממשות, גאנץ בעל=הבתיש...

און בשעת שרה איז בעשעפטיגט מיט צאהלען יעדען פאר דעם וועג, איבערגעבען איהרע ברכות און ווינשעניש צו דעם, צו=יענעם, ווארפען זיך די קינדער אויף די געבראכטע שלח=מנות, בעטראכטענדיג מיט שיינענדיגע אויגעלעך איטליכם פיצעלע, וואס רעדט, דאכט זיך, ווערטער, קיצעלט ביי דער נשמה, און צולעגען עס דערנאך אויף טעלערלעך, אבצושיקען איטליכען צוריק, פערביטענדיג די יוצרות — דעם אנשטאט זיין פלעדיל א המן=טעשיל, דעם אנדערען אנשטאט זיין ושתי א זרש, און יענעם אנשטאט זיינע מאנדלען א פייג, אדער א רויטען עפעל. עס פארשטעהט זיך, די מיינונגען דאריבער זענען פערשיעדען, עס קומט א מאל אויך ארויס א מחלוקת, מען חאפט א מאל א קניפ, א פאטש אויך, נאר גארנישט, מען שלינגט עס אראב, בשעת הדוה ווער מאכט זיך דערויס, פון אזעלכע קלייניגקייטען?

אלסדינג, דאכט זיך, ווי אלע יאהר, און פארט נישט אזוי. די אייגענע ארעמע לייט טאקי, אבער די נדבות ניט די וואס פריהער. פון פיעל געסט, וואס פלעגען תמיד צונויפקומען זיך צו דער סעודה, זיך וואויל=טאן, פארברענגען פרעהליך די נאכט, זענען היינט דא נאר עפיס עטליכע ארעמע קרובים. רבי חיים זינגט „שושנת יעקב“, די קינדערלעך העלפען אונטער, אבער ס'איז ניט דאס קול, וואס א מאל. אין דעם זינגען זיינעם הערט זיך עפים ווי א געוויין פון א צוקאכטער, ליידענדער נשמה, א ניגון פון איכות. דער „שושנת יעקב“ איז ווי א אבגעריסענע רויז, דאכט זיך, זי איז שען, די פארב שטעהט איהר אין פנים, אבער נישטא אינוועניג דער זאפט, דאס לעבען, קוים נאר וואס זי זשיפעט. רב חיים טהוט זיך אן כח, צוהיצט זיך, ווענדעט זיך צו די ארעמינקע קרובים

מיט א טרייסט — נישקשה, יודען! מען בעדארף האָפען, ניט זיין בא־
זיך אראָבגעפאלען. אז וואויל, איז דעם, זאָגט ער, וואָס האָט אויף
גאָט א בטחון, לאָז ער זיך זאָרגען! — דאָס איז אָבער גע׳מלאכה׳ט.
דער זאָרג ליגט רב חיים׳ן איינגעגעסען ווי א פיאווקע טיעף אין הארץ.
נעהטאָג און יסורים קוקען איהם ארויס פון די בעטריבטע אויגען.

שרה בעמערקט עס זעהר גוט און עס חאפט זי אָן ביים הארצען!
זי נעהט אזעק אין א ווינקעלע, כלומר׳שט בעדארף זי דאָרט עפּיס האָבען,
לעגט ארויף די הענד אויפ׳ן פנים און וויינט שטילערהייט.

לאה פיהלט אויך דאָס אייגענע וואָס שרה, פארשטעהט דער
מאמעס אוועקגעהן אהין אין ווינקעל, נאָר זי האלט אויס כאראקטער,
זיצט ביים טיש, קוקט מיט רחמנות אויף די קינדער און רוקט ארייַ־
איטליכען אין הענטיל עפּיס א צוקערגעבעקסעל — זאָלען זיי, נעבעך,
עסען. דערפאר ביי נאכט אויף איהר געלעגער איז פייכט געוואָרען דאָס
קיסען פון איהרע טרערען.

# 17.

ס'איז אַ טאָג אַכט נאָך פּורים. די זון קוקט פריינדליכער, מילדער גראָב פונ'ם הימעל, שיקט דורך איהרע שטראַהלען און דורך אַ געלינד ווינטעל די ערשטע התראה דעם ווינטער, אַז עס ענדיגט זיך איהם דער טערמין פון דער דירה דאָ, אויף דר'ערד, ער זאָל מוחל זיין זיך אַרויסקלייבן, זיך רוקען ווייטער. און ער טהוט דאָס אייגענע טאַקי וואָס אַ שלעכטער, איינגעשפאַרטער שכן — בריה'ט=זיך, מאַכט פוילע תנועות. ביי=טאָג, דער זון אין די אויגען, געזעגענט ער זיך, פאַרגיסענדיג ריקעס טרעהרען — טייכלעך וואַסער רינען אויף די גאַסען. איך געה, געה, הייסט עס, לאָזט מיך נאָר זיך פּאַקען, פאַרנעהמען מיינע בעבעכעס, דעם שניי מיינעם, „פערשוואַרצט" איז ער, נעבעך, געוואָרען! קוים אָבער מאַכט די זון צו אַ אויג, נעהט פאַרנאַכט אין איהר רוה אַריין, שטעלט ער מיט אַ פערחמורעט, בייז פּנים איהר אַרויס פייגען — סוסולקעס פאַרגליווערטע און בלייבט ביי זיינעם טאַקי, איז=קאַלט ווי פריהער. נאָר אַז=אָך=און=וועה איז צו איהם! ער איז שוין פאַרביי, מען איז איהם שוין מבטל — ביי יודען איז שוין פאַר פּסח, די צייט פון עפענען טיר און טויער, אַרויסטראָגען אויף דער גאַס טיש און בייגק, שייערן, וואַשען און כשר'ן אַלסדינג אויף פּסח!

אין שטעדטיל ק. קאָכט זיך, טאַראַראַמט זיך אַ שרעק. אַלע האָבען צוטאָן מיט דעם ליבען פּסח. יודישע קינדער, ווייבער און מאַנסבילען לויפען אַרום אויף דעם מאַרק צווישען פוהרלעך מיט וויין, קאַרטאָפעל, אייער און שאָר ירקות. וואָס עשו פון די דערפער בריינג

אַ"יין אין שטאָדט. ‏‏קבּ'ן אונטער אַ יום־טוב. אין דער מיהל, הינטער דער שטאָדט, פּערדוקט צווישען סאָסנאָווע וועלדער, זענען שוין גע'כשר'ט די שטיינער און יודען פונ'ם שטעדטיל פיהרען אהין זעקלעך ווייץ, צו־מאָהלען עס אויף מצה, אָבהיטענדיג דערביי אימליכער זיין „אָטשערעדע". די פאַבריקעס אויף מצה־באַקען שטעהען שוין גרייט צו דער אַרבייט, מיט קנעטעריגס, גיסערס, וועלגערינס, רעדלערס, זעצערס און טרעגערס מיט די גרויסע קוישען. אומעטום, אויף דעם מאַרק, אין די הייזער פיהלט זיך דער פּסח, און פון די הדרים לאָזען זיך הערען קינדערשע קול'כענס, לערנענדיג „שיר־השירים" אויף דעם גוטען ניגון, פון וועלכען דעם יודענס האַרץ ווערט צושמאָלצען פאַר מתיקות.

ביי רבי חיים'ן אין שטוב, וואָס אין דער צייט פלעגט זיך אַ מאָל דאָרט קאָכען מעהר ווי אומעטום, איז היינט טרויעריג, וויסט, נישטאָ קיין סימן אפילו פון ערב יום־טוב. רב חיים ליגט אין־אָנטאָן ביי זיך אין צימער אויפ'ן בעטיל, אונטערגעליגט בּיידע הענד צוקאָפּענס קוקט שטאַרק צוטראָגען, אָטהעמט שווער און איז בלייך ווי די וואַנד. שרה זיצט אין שטוב פּערלייגט די הענד, שטאַרק דערשלאָגען מיט אויגען חי די באַנקעס פון טרערען. און זאָל עמיצער פון די קינדער טאָן אַ פּיפּס, מאַכט זי חינקענדיג צו איהם: שאַ! דער טאַטע איז ניט געזונד זאָל זיין שטיל! די קינדער געהען אויף די שפּיץ־פינגער, פערשלאָגען זיך אימליכער אין אַ ווינקעלע, און קוקען שווייגענדיג, שטאַרק, נעבעך בעטריבּט. אין לאָה דרעהט זיך ווי אַ נעבעכטיגע אַרום, פּאַרנומען עפּיס מיט דעם בעל־הבּתישקייט. זי איז פינסטער ווי די ערד, און קעהרט אַוועק דאָס פּנים, אויף קיינעם אין שטוב קיין קוק נישט צוטאָן.

די טיר אין שטוב גלייך פון דער גאַס עפענט זיך רעש'יג אויף און עס קומט אַריין מיט ברייטקייט אַ פּריץ, אַ הויכער, אַ געזונטער, פון אַ שען אויסזעהען, מיט אַ פּאַר וואָנסעס, דין צוגעשפּיצט ביי די עקען. צוויי לאָקייען טראָגען איהם נאָך פון הינטען — איינער עפּיס אַ קליין פּעקעלע, דער אַנדערער אַ ליולקע־ציבּעק, אַ לאַנגע אַנטיפּקע מיט אַ מונדשטוק פון בּרוסטין. דער פּריץ וואַרפט אַ אויג אויף יעדען אין שטוב גלייך ביים אַריינגאַנג און בלייבּט שטעהן אַ ווילע אָהן ווערטער, אָנגעהמענדיג אַ טרה־שחורה'דיג־ערנסט פּנים.

— אַ, וועלימאָזשנע פּאַן! — טהוט זיך שרה אַ חאַפּ פונ'ם אָרט און געהט דעם פּריץ אַקעגען.

— פּאַני ראַבינאָחאַ! — שרייט־אויס דער פּריץ, שטאַרק גערירט,

דערזעהענדיג אין שרה'ס אויגען טרערען — וואָס האָט זיך אזוינס געטראָפען?

שרה חליפּעט און קען ניט ארויסברייגנען קיין וואָרט פונ'ם מויל, אזוי האָט עס זי פאַרקלעמט ביים הארצען. דער פּריץ לאָזט זי צורוה, ניט איהר צייט צו זיך צוקומען, זעצט זיך ביים גרויסען געפּאַרבטען שטוב-טיש, דרעהעט די שפּיצען וואָנסעס און פּייכטליך מיט א גלאַנץ ווערען איהם די אויגען.

— הײַ, אנטאָסיא, ליולקי!

ווי פּיל אויסען בויגען טהוען זיך געשווינד א לאָז צו איהם ביידע לאַקייען. איינער מיט דער לאַנגער אַנטיפּקע און פול אָנגעשטאָפּטער ליולקע, דער אַנדערער מיט זיין פּייער-געצייג: א שטיקעל שטאָהל, א קרעמען מיט גובקע א שטיקעל, שלאָגט אוים פּייער און צינדט אונטער דעם טאַבאַק אין דער ליולקע. דער פּריץ רייכערט און הייסט די לאַקייען ארויסגעהן.

יאַן, דער ווא — ציצער פּריץ, האָט געשטאַמט פון א פּוילישער איידעלער פאַמיליע, צו וועלכער עס האָבען געהערט דערפער אַרום דעם שטעדטיל ק. וואָס זענען פאַרטיילט געוואָרען צווישען עטליכע ברידער. בשעת זייערס א חגא, אָדער א מאָל אויך א זונטאָג, פלעגט יאַן מיט דער פאָמפּע אין א קאָרעטע „נאַשפּיטץ“ אַריינפאָהרען אין שטעדטיל, ווי אַנדערע פּריצים פון דער סביבה, גלייך צום קלויסטער, וואָס אַקעגען דער שורה הייזער ביים עק מאַרק, נישט וויט פונ'ם „אַראָבבאַרג“ דאָרט. נאָכ'ן אָבפּאַרטיגען זיך אין קלויסטער איז דער שטייגער זיינער געווען צו-צוגעהן צו-פוס צו רב חיים'ס הויז, אַקעגען, וואו ער פלעגט פערבלייבען א פּאָר שעה, אויף אָבצוטאָן זיינע געשעפטען מיט בעלי-מלאכית, קרעמערס וכדומה, וואָס פלעגען קומען אַהין צו איהם. רב חיים איז ביי איהם געווען שטאַרק חשוב. ער האָט איהם זעהר געשעצט פאַר זיין קלוגקייט, זיין אָרענטליכקייט, און ליעב געהאַט ווי א געטרייען פריינד. איז איהם אויסגעקומען א מאָל שווערליך אין עפּים א זאַך, האָט ער זיך געראַטהען מיט רב חיים'ן. האָט ער געהאַט מיט עמיצען עפּים א סכסוך, איז ביי איהם געווען איין וואָרט: „דאָ ראַבינאַ!“ אזוי האָט רב חיים ביי איהם געהייסען. רב חיים איז געווען דער פערמיטלער. אויף איהם האָט ער זיך איגנאַנצען פערלאָזען, ווייסענדיג זעהר גוט, אַז רב חיים וועט פונ'ם יושר־נישט אַוועק אויף א האָר. און גאָר חוץ די אַלע זאַכען, האָט

ער גלאט אזוי ליעב געהאט צו פאַרברייננגען אין א שמועס מיט רב חיים׳ן. פוילישׁ האָט רב חיים גערעדט, אויך געשריבען נישקשה׳דיג. ער פלעגט א מאָל דערצעהלען דעם פריץ גלייכווערטלעך, משלים, שענע אגדתות פונ׳ם תלמוד, פון וועלכע יאַן פלעגט הנאָה האָבען, זיי לויבען אין טאָג אריין. איז רב חיים א מאָל בעשעפטיגט געווען בײַ זיך מיט מענשען, האָט יאַן איהם ניט געשטערט, גערויכערט די ליולקע, זיצענדיג גאַנץ היימיש און שטוב, און איבערגעוואַרט ביז רב חיים וועט זיך אָבפאַרטיגען. וואָס מען וויל מעגען זיך אַנדערע איבער פוילישע פריינדשאַפט מיט יודען זאָגען, נאָר דער פאַקט, אז יאַן איז באמת געווען רב חיים׳ס א פריינד בלייבט א פאַקט. דאָס האָט זיך בײַ פיעל געלעגנהייטען דערוויזען תמיד, אויך היינטיגס מאָל אין זיין מרה־שחורה׳דיג פנים, אין זיינע פייכטע אויגען, בשעת שרה האָט איהם איבערגעגעבען די שלעכטע לאַגע זייערע און אז דער מאַן איז פאַר קריינקונג נישט געזונט

— קען איך איהם זעהן אצינד אויף א ווײַלע? — פרעגט יאַן.

— אָט וועל איך געהן א קוק טאָן — ענטפערט שרה — און אויב ער שלאָפט ניט, וועל איך איהם זאָגען.

עס האָט נישט געדויערט קיין רגע, האָט שרה געבעטען דעם פריץ צום מאַן אין צימער אריין

— צאָ טאַקענאָ, פאַן רבי?! — מאַכט יאַן, אָבשטעלענדיג זיך א ווײַלע ביים אריינקומען נישט ווייט פון דער טיר, און שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, ווי פערוואונדערט, מיט א שמייכעלע כלומר׳שט — עפּיס איז פאַן ראַבין גאָר צוטראָגען, האָט פערלוירען דעם קוראַזש! וואו איז זיין פעסטער כאַראַקטער? וואו איז זיין חכמה?

— עס זענען דאָ צייטען, וואָס העלפט נישט דעם מענשענס חכמה — ענטפערט רב חיים מיט א שמייכעלע, וואָס ער האָט עס געמאַכט מיט געוואַלד

— ס׳איז דאָך אָבער דאָ א גאָט, וואָס קען העלפען תמיד, אין אלע צייטען! בעדאַרף איך דעם פאַן ראַבין זאָגען אזוינס, וואָס ער ווייסט בעסער פון מיר? — מאַכט יאַן, זעצענדיג זיך רב חיים׳ן אַקעגען. איך וויים — שלעכטע אומשטענדען. אָבער אזא מענש מיט קאָפּ, קען נישט ווערען פערלוירען. עפּיס א סך האָבען יודען אזעלכע ווי פאַן ראַבין?

אַקעגן אַ פֿערטל שעה האָט זיך פֿאַרבראַכט ביי רב חיים׳ן. דער־נאָך האָט ער זיך געזעגנט און מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ זיך געלאָזט צו זיין קאַרעטע, נעבן קלויסטער

אויף־מאָרגן פֿאַרנאַכט איז צוגעפֿאָרן צו רב חיים׳ס הויז אַ וואָגן, און צוויי לאַקייען האָבן אַריינגעטראָגן אין שטוב זעקלעך ווייץ, קאַרטאָפֿל, אויך הינער און אַ פּאָר אינדיקעס.

רב חיים האָט געצאַנקט ווי אַ ליכט. עס האָבן זיך אים אויס־געלאָזט די כחות ביז ער איז געבליבן ליגן שלאַף ווי אַ קינד, נישט קענענדיג רירן זיך פֿונ׳ם אָרט. אַלע אין דעם הויזגעזינד זענען געוואָרן פֿינסטער ווי די ערד. מען האָט נישט געגעסן, געטרונקען, נישט גערוהט, געשלאָפֿן די גאַנצע נעכט. קרובים און גוטע בעקאַנטע זענען געקומען איטליכער מיט זיינע טרייסט־ווערטער, מיט זיינע רפֿואות. מען האָט אויך אַראָפּגעבראַכט צו אים אַ געהיסן דאָקטאָר פֿון דער סביבה. ער האָט די קראַנקהייט אַ נאָמען געגעבן, פֿאַרשריבן רעצעפּטן, גענומען פֿאַר׳ן וועג — און דאָס אַלדינג האָט אַזויפֿיל געהאָלפֿן ווי זיינע אַלע באַבסקע מיטעל

שרעקליך איז געווען יענע נאַכט, וואָס אַכט־טאָג פֿאַר פּסח. רב חיים ליגט פֿאַרחלשט מיט צוגעמאַכטע אויגן. דאָס מויל האַלב אָפֿן, די ליפּן פֿאַרברענט, קוים וואָס ער זיפֿצט, וואָס אים שלאָגט זיך אַ אָדער. און אין האַרצן חריפֿעס, גלייך ווי מען זעגט. צייטנווייז טהוט ער זיך אַ קרים מיט אַ שווערן זיפֿץ, ווי אים איז שטאַרק נישט גוט. שרה בייגט זיך אָן איבער אים, רעדט צו אים, נאָר רעד צו דער וואַנט — ער איז פֿאַרחלשט, ווייסט נישט, וואָס אַרום אים געשעט פֿיר

שרה לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, זיצענדיג נעבן אים, און וויינט שטילערהייט. לאה זיצט נישט ביים אים צוקאָפּענס און וואַרגט זיך מיט טרערן, געבענדיג זיך צו־פֿאַלן אַ וואָרף, אַ ציטער מיט אַלע גלידער

אויף אַ לאַנגן באַנק אַקעגן, ביי אַ טונקעל־ברענענדיג חלב׳דיג ליכטל שאָקלט זיך שלמה׳לע איבער אַ תהילים׳ל. אַ שטיל געבעט מיט טרינע געפֿילן, הייסע טרערן נעצן אים טיף אויס דעם האַרץ. טראָגנדיג זיך צום גערעכטן, באַרמהאַרציגן פֿאָטער אין הימל. ער

וויינט, ער בעט, טראַכטענדיג אין זיך: אַ רחמנות, האָב רחמנות, הייליגער פאָטער! אָ, טהו אַ נס, אַלמעכטיגער גאָט, שיינק מיר און די קליינינקע קינדערלעך, וואָס ליגען פערשמאַכט, נעבעך, דאָ אין ווינקעל — אָ, שיינק אונז אונזער טאַטען! דערפאַר — זאָגט ער צו גאָט, בײַ זיך אין האַרצען — צוזאָגט זיין געבעט און דינען איהם געטריי. שלמה'לע בעט, טענה'ט, און וואַרפט צו־ווײלען פונדערווייטענס אַ אויג אויף דעם קראַנקען טאַטען, האָפענדיג — אַט־אַט טהוט גאָט אַ נס און שיקט איהם אַ רפואה שלמה. ווייטער זאָגט ער אַ קאַפּיטעל תהלים. ווייטער אַזוי געטראַכט, חייטער אַזאַ בליק — און אָ, אַ פרייד! די מאַמע ווינקט צו לאָה'ן, מאַ־כענדיג דעם חולה בײַ די פיס, ווינקס און מאַכט צו איהר שטיל מיט אַ פרעהליכער מינע:

— ער' ווייזט זיך שוויס!

— אום־מ־ם! מאַכט שלמה'לע, צוזויפנעהמענדיג זיך מיט אַלע קרעפטען, וואָס האָט געהייסען: אַ גאָט, גוטער גאָט!...

ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. אַ קרעהען פון העהנער, בײַ שכנים ערגיץ, פערטראָגט זיך אין שטוב. אויף דעם קראַנקען ליגט אַרויפגעוואָרפען אַ גרויסע איבערבעט. שרה דרעהט זיך אַרום איהם אויף די שפּיץ פינגער, דעקט איהם אַלץ בעסער איין, ער זאָל גוט שוויצען. לאָה נעהמט די אַנשלאָפען געוואָרענע קליינע קינדער אויף דער האַרטער באַנק און טראָגט זיי איבער אויף זייערע ערטער, הייסט שלמה'לען אויך געהן אויף זיין אָרט שלאָפען.

שלמה'לע איז מיד, צעבראָכען פון אַזויפיל פּיין און יסורים אַזאַ היבשע צייט. עס דרעהט זיך איהם דער קאָפּ, עס קלעי־בען זיך איהם די אויגען, ער געהט, טהוט זיך אַ וואָרף אין דעם אָנטאָן אויף זיין געלעגער — און ווערט באַלד אַנשלאָפען ווי אַ שטיין.

רב חיים איז אַקעגען טאָג געקומען צו די געדאַנקען, זיך פלוצלים אויפגעזעצט, אָנטהוענדיג זיך אַ כח, אָנגעקוקט שאַרף דאָס ווייב, די טאָכטער, וואָס זענען געשטאַנען נעבען איהם, און מיט אַ זיפץ אויפגע־הייבען די אויגען אַרויף, קוים מאַכענדיג מיט די ליפען: גאָט, פאָטער פון יתומים, דיין אַלמנות!...

שרה און לאָה לאָזען אַרויס אַ ביטער געוויין. רב חיים באַלט אַגידעט אויפציהענדיג זיך אויפ'ן בעט, מהוט אַ הוסטעל — און איז טויט

**מענדעלי מוכר ספרים.**

שלמה'לע האט זיך געלעגט שלאפען ביי־נאכט מיט א גרינג־נעטיט, פול האפנונגען, אז ער האט א געשיינקטען טאטען, און האט זיך אויפגעחאפט אין דער פריה — א יתום! דער טאטע ליגט אויף דער ערד איבערגעדעקט מיט א שווארצען שטיק געוואנד, און אין שטוב הערט זיך א קלאג! — — —